STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00848

YIDISHE VITSN

Yehoshua Hana Rawnitzki

Permanent preservation of this book was made possible by
Rita K. Crossman
in memory of
all the children

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע וויצן

געזאמלט און באארבעט פון

י. ח. ראבניצקי

ערשטער באנד

משה-שמואל-שקלארסקי

ניו־יאָרק, 1950

J. CH. RAWNITZKI

YIDISHE WITZN

(JEWISH WIT)

VOLUME ONE

MORRIS S. SKLARSKY
Publisher, Bookseller and Importer
10 Monroe Street
New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

166

אינהאלט:

זייט

פֿאַרוואָרט — — — XII—VII

יידן — — — — — — 3—14

1. פון וואָס אַ ייד לעבט — — 3
2. אַ סך גערעכטן — — — „
3. וואָסער פעקל? — — — 4
4. אויפן הימל אַ יריד — — 5
5. שלום עליכם — — — — „
6. גרינגער אויפן האַרצן — „
7. צוויי קי — — — — 6
8. לכתחילה און בדיעבד — „
9. קיינמאָל ניט געפרואווט — 7
10. מורא צו זאָגן דעם אמת — „
11. אַ יודיש שפּיצל — — — „
12. גאָר ניט געפאַלן — — — 8
13. וואָס איז דער טעם פונעם תנא קמא? — — — — 9
14. אָן הענט — — — — — „
15. חידושים פון דער גרעסטער שטאָט — — — — — „
16. איך האָב צייט! — — — 10
17. ניט מער? — — — — „
18. אַ בייזער הונט — — — 11
19. אָט זעסטו דאָך! — — — „
20. וויפל פאַרדינען — — — „
21. אַ שיין בילד — — — — 12
22. אַ גרויס גליק — — — — „
23. בפירוש אין דער תורה — „
24. צלם-קאָפּ — — — — 13
25. עכטע גויים — — — — „
26. געקאָכטע אַרבעס — — — 14
27. פיר מינים יידן — — — „

יידן און גויים — — — 15—35

28. אַ גוי און אַ ייד — — — 15
29. אַ שאלה אויף אַ שאלה — „
30. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר — — — — — — 16
31. געשטעלט אַ ליכט — — — „
32. טעלעגראַף אָן דראָט — — „
33. אַ גוי גמור — — — — 17
34. אַ גויאישער וויץ — — — „
35. געיידישט — — — — 18
36. דלפון און ויזתא — — — „

זייט

37. „זשיד מאָשעניק" — — — „
39. אויסלערנען אַ הונט ריידן 20
40. גיי דערווייז! — — — 21
41. לייב-שמערצן — — — — „
42. וואוינרעכט — — — — 22
38. אַ וועקסל אויף דריי הונ-דערט רובל — — — — 19
43. ראַבינאָוויטש געווים ניט! 23
44. פשוט אַן אַנטיסעמיט — — „
45. נאָך ניט געקומען — — 24
46. פאַרווערט — — — — „
47. אויף חידושים — — — 25
48. רעכטע און לינקע — — „
49. „שלא עשני" — — — — „
50. קען זיין פנים ניט אָנקוקן 26
51. אַ פרוילעכע אָפּערע — — „
52. אַ שאָד! — — — — — „
53. אַ שאָד וואָס אַ יודישער נאָמען — — — — — 27
54. אויף אייער חתונה — — „
55. מיר האָבן די מיליאָנען — „
56. דריי קשיות — — — — 28
57. אַן עושרס זון — — — „
68. פיר משומדים — — — „
לעבן! — — — — — — 29
59. „איך וויים ניט" — — — „
60. צוויי שותפים — — — — 30
61. גאָט אין הימל — — — 31
62. ער פאַרשטייט באַלד — — „
63. וואָס איז דאָ דער חידוש? 32
64. אַ צוגאָב — — — — — 33
65. אַ מענטש קען ניט וויסן — 34
66. בעסער צוויי גויים — — „

משומדים — — — — — 36—48

67. אַ ייד שמדט זיך ניט — — 36
68. פיר משומדים — — — „
69. שווער צו זאָגן „כשר" — 37
70. דאָס טעפּל איז טריף — — 38
71. שלעכטע געשעפטן — — „
72. צוליב איבערצייגונג — — 39
73. גלייך ווי גאָרנישט — — „
74. קיין מניעה נישט — — „
75. ווי אַזוי נעמט אַ ייד און שמדט זיך? — — — 40

זייט

76. אַ „חיו-שעה״ — — — 40
77. פון אַ גאַנדז אַ פיש — — ״
78. שוין צופיל יידן — — — 41
79. אַ גוייִשער קרייז — — ״
80. אין אַ פרעמדער פעל — — 42
81. געגליכן צו אַ זאַמד — — 43
82. פריער דער חתן — — — ״
83. געשווינד זיך אויסגעלערנט 44
84. שוין געוואָרן אַזאַ אייזל — 45
85. שווער זיך אָפּצוגעוואוינען ״
86. אַ פּראַקטישער מענטש — ״
87. פריער אַ פּראָטעסטאַנט — 46
88. בעסער אויפהענגען אַ גוי ״
89. כאָטש זיין אַ פרומער קריסט 47
90. ווען ווערט מען אַ ייד — ״
91. אַן ענטפער דעם רבונו של עולם — — — — — ״
92. די משפחה איז צו גרוים 48

אפיקורסים און „משכילים״ — — — 49—59

93. אַ יידישע שטאָט — — — 49
94. געפרעגט דעם רב — — — ״
95. פאַרגעסן — — — — ״
96. און דאָס מעג מען? — — 50
97. למען-השם אָפּהיטן — — ״
98. איך האָב פאַרגעסן — — 51
99. איין קליניקייט פאַרגעסן — ״
100. צו פרי געמאַכט הבדלה — ״
101. אויפן עולם השקר — — 52
102. פאַר מתן-תורה — — — ״
103. דער יונגער אַפּיקורס — 53
104. אָן אַ ברכה — — — ״
105. אַ מיטל ניט צו פאַסטן — 54
106. אַ יידישע המצאה — — ״
107. ניט קיין מסוכנער חולה ״
108. נאָך אַ טויזנטער — — 55
109. צוליב דריי טעמים — — 56
110. נאָך פּלווישיקס מילכיקס ״
111. אויף אַן אמת — — — 57
112. ווי דער עולם וועט זיך נוהג זיין — — — — ״
113. אַ רפואה פאַר דער מכה — 58
114. די לעצטע שמיץ — — — ״
115. ביי דער טיר פון גיהנום ״
116. די מורא — — — — 59
117. דער אמת איז תמיד גובר ״

בעלי־עבירות — — — 60—68

118. ערגער ווי געשמדט — — 60
119. אַן עבירה — אַ מצווה — ״
120. פותר-חלום זיין — — — 61

זייט

121. מער מקנא צו זיין — — 61
122. עס קאָסט טייער — — ״
123. כדאַי אַזוי איינצולייגן די וועלט — — — — — ״
124. געווים געמאַכט דערויף אַ „תשובה״ — — — — 62
125. די קאַסע שטימט — — — ״
126. קיין ישראל געווים ניט! ״
127. פקוח-נפש — — — — 63
128. הנאה האָבן מעג מען — 64
129. דאַרפן אָנקומען — — — ״
130. געגעסן און ניט געבענטשט 65
131. פייניקן זיך — — — — 66
132. לויט די יאָרן — — — ״
134. צען קלאָגן — — — — 67
135. אַ שבתדיקע גנבה — — 67
שוין געשטאָרבן און נאָך געלעבט — — — — — ״
136. וואָס זיצסטו דאָ? — — 68

גנבים — — — — — 69—72

137. אַ קל-וחומר — — — 69
138. אַ גאַנץ טוץ לעפל — — ״
139. אומשולדיק געזעסן — — ״
140. נעבעך, אַ גנב — — — 70
141. אַ פרנסה-זאַך — — — ״
142. אַ מעסערל מיט זעקס מעלות 71
143. וואָס-זשע טוט גאָט? — ״
144. „מים גנובים״ — — — 72

פראָצענטניקעס — — — 73—74

145. ביידע פון די ערשטע — — 73
146. פול מיט ריבעס — — — ״
147. געשטעלט אויף די פיס — 74
148. אַן אייביק פלאַץ — — — ״

מוסרים — — — — 75—77

149. תקיפות פון אַ מסור — — 75
150. פאַרוואָס זאָל אַ ייד אַזוי הנאה האָבן — — — — ״

עזות־פנימער — — — 76—77

151. היינט און אַלע טאָג — — 76
152. ווי דער מנהג איז — — ״
153. צווישן טייטשן — — — 77

אָפּנאַרערס און ליגנערס 77—82

154. אמת אויף דער וועלט — 77
155. דעם רמב״מס זייגערל — 78
156. אַ יידישער טאַטע — — ״

זייט
157. אָפּגענאַרט גאַנץ אָדעס — 79
158. גאָר קיין קונץ ניט — „
159. אַלץ אמת אויסער אייניקע קלייניקייטן — 80
160. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט 81
161. אַ טאָקער — „
162. נישט לאָזן יענעם רעדן — 82
163. אָפּגעברענט — „
164. קען אַריינפאַלן — „

געשעפטן און שטעלעס 83—91

165. ווי אין „ספירה" — 83
166. אַ גוט געשעפט — „
167. אַ געשעפט אויף כמה יאָרן „
168. אין דער ערד — 84
169. ווי איבער אַ יאָר — „
170. די בעסטע פּרנסה — „
171. אַ פּרנסה אויף קינדער און קינדס-קינדער — „
172. ניט געפּרואווט — 85
173. פון יענעמס שוויים — 86
174. איבערנעכטיקן — „
175. אַ גוטער בעל-יועץ — „
176. זיך נישט קלאָגן — 87
177. אַ מציאה — 87
178. שיינע געשעפטן — 88
179. אַ שכחה-קרעמל — „
180. ניט געלעבט ניט געשטאָרבן 89
181. אַ רעכטער קונה — „
182. נאָך דער צייט — 90
183. זוכט צוויי שותפים — „
184. אין מיטן טוט מען אַ שטאַרב — 91

סוחרים, באַנקראָטן — 91—99

185. וואָס די ערד דעקט צו — 91
186. נו—נו — 92
187. אַ גרויסער בעל-חוב — „
188. פרעמדע האָר — „
189. פאַררעכנט פאַר אַ גביר — 93
190. „הנני העני" — „
191. זאָל מען שוין ווייטער פויקן — 94
192. צו אַ גרויסער אָטשערעד — „
193. ניט געשריגן — 95
194. ניט געשוויגן — 96
195. גענוג דעם קאָפּ געדרייט „
196. די סדרה — 97
197. אויך עפּעס געניסן — „
198. פיינט צו זיין שולדיק — „
199. פאַר רחמנות — 98
200. געהאַלטן וואָרט — „
201. אָנגעהויבן אויסצוצאָלן — 99
202. קוויט — „

בעלי־מלאָכות — 99—102

203. צוויי דריטל מלאָכה — 99
204. שטייט און ליגט — 100
205. ווער זאָל זיך קריגן — 101
206. אַ גוטע וועטשערע — „
207. אַ שידוך מיט אַ שניידער „
208. זאָל ער דערווייל הייסן יענקל — 102

אַכסניות און בעלי־אַכסניות — 103—107

209. זיך איבערקערן — 103
210. צוויי פוילע — „
211. אַ גרויסע לוויה — „
212. אַלטע נײַס — 104
213. אַ מעלה מיט אַ חסרון — „
214. מפּני שיבה תקום — 105
215. אַלצדינג וויל טזיך אים — „
216. אַ שמאַטע — „
217. אַ מיטל צו וואַנצן — 106
218. פּונקט אַרום צוועלף — „
219. דער חשבון — „
220. אַ טייערער ביסן — 107
221. צוויי שלעסער — „

שענקערס — 108—109

222. ביליגער אויף באָרג — 108
223. פון וואַנען נעמט זיך דער דלות — 108
224. דעם ווײַנשענקערס סוד — 109
225. אַן עצה צו פאַרקויפן טאָפּל „

בעלי־עגלות — 109—114

226. געקומען גאַנץ פרי — 109
227. צוויי משיחן — 110
228. ווען זיצן אויף דער פור — „
229. זיי ווילן ניט — 111
230. וועמען בעסער גלויבן — „
231. אַ דין-תורה מיט אַ פערד 112
232. אַ זומערדיקע תורה — „
233. פול מיט פערד — „
234. תשובה טאָן — 113
235. שמירן די רעדער — „
236. בעבור שנדר — אַ פוד האָבער — 114
237. אַ למדן אין „עברי" — „

זייט

שדכנים און בדחנים — 115—124

238. אָן איין און איינציקן חסרון — — — — — 115
239. עס מאַכט ניט אויס — 116
240. אַ ליבע-שידוך — — — „
241. מעג זיין אַ שמוגענע — 117
242. די משוגענע שעה — — „
243. וואו שטייט אין דער תורה 118
244. נאָר האַלב משוגע — — „
245. אַ זעלטענע טייערע סחורה 119
246. בלויז ווען ער רעדט — „
247. די סחורה צוריק — — „
248. אַ ביסל פילאָזאָפיע — — 120
249. ווער וועט אַזוינע לייט גע-טרויען — — — — — 121
250. לאַנג צו וואַרטן — — „
251. אַ דערוואַקסענע בתולה — „
252. אָן אייגן הויז — — — — 122
253. טאָקע אָן גלייכווערטלעך — „
254. אַ גלייכער שידוך — — 123
255. אַ פאָטאָגראַפיש בילד — — „
256. אַלמן — — — — — 124

כלי-קודש:

רבנים — — — — 125—143

257. „תנו רבנן" — — — — 125
258. אַט דאָס טאָקע הייסט „קורבן" — — — — — „
259. דער ניין-זאָגער — — — 126
260. אָן ערב — — — — — „
261. באַצאָלן „כפל" — — — 127
262. נעמען אַ גרושה — — — „
263. גיי פרעג דעם רב — — 128
264. די ערשטע שאלה — — — „
265. ווער וועמען געהערט — — „
266. אַ מנחה אָן כלבים — — 129
267. אַדוואָקאַטן וועלן געווינען „
268. ריצנאַייל און כינין — — 130
269. מיט אַ קליינעם שנוי — — „
270. חיים'ען — — — — — 131
271. „פני משה" — — — — „
272. אַ קאָזאַק — אַ מחבר — „
273. „יהגה חכמה" — — — 132
274. נאָך אַ צרה אויף איובן — „
175. ניט זיין קיין נאַקעטער — „
276. אַ סגולה אַקעגן מזיקים — 133
277. מגלה חידושים — — — „
278. מדבר שקר תרחק — — — 134
279. אַליין פאַרדינען אַ מצווה „
280. חיבור און חיסור — — 135
281. אַ זעלטענע המצאה — — „
282. איוואָן קען יידיש — — „
283. אַ גליק וואָס ער פאַסט — 136

זייט

284. אַ ברכה לבטלה — — — — 136
285. ברוך דין האמת — — — „
286. ער פאַרשטייט אַליין — — 137
287. אָן אמתער יחסן — — — „
288. יענער געווינט — — — — 138
289. באַגראָבן מיט אַ ממה-נפשך „
290. לויט דיין רצון — — — 139
291. אַ פשוטער קל-וחומר — „
292. להד"ם — — — — — 140
293. אַ האַלבער ליגן — — — „
294. דער טויבער רב — — — 141
295. אַ דין-תורה מיט גאָט — „
296. קיינעם ניט געגאַנגען פרעגן 142
297. אַ דאָקטאָר צו אַ טויטן — „
298. ניטאָ אינדערהיים — — „
299. ניט געפונען קיין שטומען 143
300. דעם רבס יושר — — — „

דער דראָזשנער רב — 144—146

301. וואָס פאַר אַ זייגער — — 144
302. ברענגען די שיף אַהער — „
303. אויך גערעכט — — — 145
304. אַלץ אויף דער לינקער זייט „
305. חכמה פון הענער — — 146

מגידים — — — — 147—160

306. גוט זיך אויסגעשלאָפן — 147
307. גוף — — — — — „
308. איוב געווען צי ניט געווען „
309. נאָך אַ בעסערער תירוץ — 148
310. אָן ציין — — — — — „
311. גאָר קיין פערד ניט — — 149
312. אויסמעקן פרעמדס — — „
313. בלא בנים — — — 151
314. אָפּגעבן דעם שליסל — — „
315. זיי לאָזן דעם פסוק ניט זאָגן — — — — — 152
316. פאַרנומען ביים האָרצן — 153
317. אמתע משיחס צייטן — — 154
318. אַ פסוק פאַר אַ פסוק — — „
319. דער חילוף — — — — 155
320. גאָט שטראָפט אויך ניט אומזיסט — — — — — 156
321. לויט דער השפעה — — „
322. דאָס פעקל אויף די פלייצעס 157
323. גענוג. איינצוטיילן — — 158
324. היגע מזיקים — — — „
325. איצט מעג משיח קומען — „
326. אין מיטלפונקט — — — 159

חזנים — — — — 161—167

327. מיט אַ נאָר זאָל מען נישט אַנהויבן — — — — — 161

זייט

328. דער קלוגער חזן — — — — 161
329. „גשם" — — — — — — „
330. אַ מיאוסער צעך — — — — 162
331. אַן אַ ש"ץ — — — — — „
332. אויך אַ באַנדאַר — — — — 163
333. אַ בעל-צדקה — — — „
334. אַ וואונדערלעכער חזן — — „
335. אַ גוטער זכרון — — — — 164
336. דער פירער פון כאָר — — — „
337. אַ שרפה אויף נאָטן — — — „
338. חרש שוטה — — — — — 165
339. פּאַרוואָס — — — — — — 166
340. טאַנצן דעם טאַנץ — — „
341. ווייסט נישט קיין חכמות „
342. קיין ראיה ניט — — — — 167

גבאים און ראשי־הקהל 168—170

343. אַן ערלעכער גבאי — — 168
344. אדם הראשונס אַ שפּיי — „
345. ניט קומען אין קהל — — 169

מלמדים — — — — 171—180

346. דער „בירזער מלמד" — 171

זייט

347. געווען פּאַרנומען אין דער היים — — — — — — — 171
348. ניט פון איין מין — — „
349. אשה — א וואַ... — — — 172
350. „לשון חוזק" — — — — „
351. מכות קען ער — — — — „
352. ווען דאָס חמושל שטאַרבט אַוועק — — — — — — „
353. למעלה — — — — — — 173
354. שטייט אומזיסט — — — — „
355. משוגענער פיש — — — — 174
356. ניט קיין שלעכטע בהמה — 175
357. תורה און דרך-ארץ — — „
358. זוכן די אבידה — — — — 171
359. ממה-נפשך — — — — „
360. צו פּגרן אַ ציג — — — „
361. רייכער פון ראָטשילד — 177
362. ווי האַלטן זיי — — — „
363. צוויי אייער — — — — 178
364. מעשר — — — — — — „
365. געלט קלעפּט צו געלט — „
366. דייטש — לאָזט מיך — — 179
367. מיטאַמאָל זיך אָפּשמדן — „
368. אפשר ניט געמלט אויך — 180
369. אַ שלעכטער סימן — — „

פאָרוואָרט

קיין פאָלק אין דער וועלט, מעג מען זאָגן, האָלט ניט אַזוי פון אַ וויץ און האָט ניט ליב אַזוי צו וויצלען זיך ווי דאָס יידישע. ווען מען וועט דעם יידן אָנכאַפּן, געפינט מען אים כמעט תמיד גרייט צו זאָגן אַ גלייכווערטל, צו דערציילן מיט חשק אַ שיינעם קיילעכדיקן וויץ, און אויך, פאַרשטייט זיך, אויסצוהערן מיט פאַרגעניגן פון יענעם עפּעס אַ פריילעך הומאָריסטיש שטיקל, אַ לעבעדיקן אַנעקדאָט, אַ שאַרפן וויץ, און דערביי שטיל צושמייכלען, אָדער אַמאָל טאַקע אויסשיסן מיט אַ געזונטן הילכיקן געלעכטער.

ס'איז נישטאָ כמעט קיין צייט, סיי אין דער יוגנט און סיי אויף דער עלטער, סיי אין די בעסערע יאָרן און סיי אַפילו אין די ערגערע — אַז אַ ייד זאָל זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פון אַ ווערטל. אַ וויץ איז אָפּטמאָל די בעסטע רפואה פאַר אים צו פאַרטרייבן די שוואַרצע וואָלקנס פון מרה-שחורה און עס זאָל פאַר זיינע אויגן ווידער זיך באַווייזן אַ פריילעכע שיין. ווער שמועסט אַז ער איז אַזוי אויך אויפגעלייגט און ס'איז אים אין דער אמתן פריילעך אַ ביסל אויפן האַרצן, דעמאָלט באַקומט ער אַ לעבעדיקע שטימונג און עס עפנט זיך ביי אים אַ גאַנצער קוואַל פון ווערטלעך און וויצן.

און אַזוי זעען מיר, אַז ווען עס קלייבט זיך צונויף אַ קיבוץ יידן אויף עפּעס אַ שמחהלע, צי גלאַט אַזוי עס באַגעגענען זיך עטלעכע יידן צוזאַמען, איז ביי זיי דאָס בעסטע צייטפאַרברענגען צו דערציילן לעבעדיק אָדער אויסהערן שטאַרק אויפמערקזאַם אַן אמת יידיש גלייכווערטל, אַן עכט יידישן פאָלקסוויץ: איינער נעמט זאָגן אַ פּאַסיקן וויץ, צוגעמאָסטן צו דעם וואָס מען האָלט דערביי אין שמועס, און אַמאָל טאַקע באַלד נאָך דעם נאָך אַן אַנדערן. דער צווייטער האָלט אונטער „צום גראַם" ד"ה מיט אַ וויץ אויך פון דעם זעלביקן פאַך, אָדער פון אַן ענין וואָס איז ענלעך דערצו, און עס געפינט זיך אויפן אָרט אַ

דריטער, וואָס פאַרמאָגט זיין אייגנס אויך אַ פּאַק מיט אַנעקדאָטן פון אַלערליי מינים און פוילט זיך ניט אויפצופּאַקעווען און אַרויסשלעפּן פון דאָרט אַ היפּש ביסל, און נאָך אים אויך אַ פערטער אד"גל. און אָט אַזוי איז תמיד, וואו אַ ייד באַגעגנט זיך מיט אַ צווייטן גייט אַ סדרה פון וויצן.

פון וואַנען נעמט זיך עס וואָס דער ייד, מיט וועלכן דאָס לעבן האָט אין אַזוי פיל לאַנגע דורות דורכאַנאַנד געשפּילט זייער אַ שלעכטן מיאוסן וויץ, אַ מין „בלוטיקן שפּאַס", דער ייד וואָס די בלוטיקע שונאים זיינע האָבן אים אין אַלע צייטן ניט געלאָזט פריי דעם קאָפּ אויפהויבן און אָנזען די שיין פון דער ליכטיקער וועלט, — דווקא ער וויל ניט וויסן פון קיין צופיל ערנסטער מרה-שחורה, דווקא ער ווערטלט זיך און וויצלט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט, גלייך ניט אים מיינט עס דאָס ביטערע און פינצטערע לעבן, ניט אים דריקן עס אַזוי מיט אַלע זייערע טייוולשע כוחות זיינע פאַרביסענע טויט-שונאים?

עס קען זייער זיין, אַז אָט טאַקע וויל זיי, די אומזיסטיקע שונאים, האָבן זיך אַזוי אַוועקגעלייגט דעם יידן צו פאַראומערן און פאַרביטערן דאָס לעבן, וויל זיי האָבן אים פאַרשפּאַרט אין דער ענגער פינצטערער געטאָ און אַזוי „געקליגט זיך" אים אָנצוטאָן געברענטע ליידן, און בשעת-מעשה געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ מיט אַזאַ פאַראַכטונג, — דווקא דערפאַר האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַזאַ מין וואָס מען רופט עס „גאַלגאַן-הומאָר", אַ לאַכן פון דער „תליה" אַראָפּ, און ער לאַכט אויס אַלע זיינע „תליונים"...

אין דער אמתן, ער, וואָס רעכנט זיך פאַרן יחסן, פאַרן „אויס-דערוויילטן" אַ ייד פון מצוות און מעשים טובים, וואָס האָט ניט קיין סימן פון „ידי עשו" און קען ניט אָנרירן אַפילו קיין פליג אויף דער וואַנט, וואָס פאַרמאָגט נאָר אַ „קול יעקב" אויף לערנען די הייליקע תורה און זאָגן האַרציקע תפילות פאַר זיין פאָטער אין הימל, אויף אים קוקן עס יענע פיינע לייט, עשוס אייניקלעך, מיט אַזעלכע אויגן, גלייך ווי זיי זיינען עס אַ העכערער מין באַשעפעניש, די אמתע גאָטס מיוחסים, און ער איז עפּעס אַ ווערעמל וואָס גאָט אַליין האָט עס גע-הייסן טרעטן מיט די פיס, — אוודאי האָט ער, זייענדיק ביי זיך אין דער היים, צווישן אייגענע, ניט געקאָנט איינהאַלטן זיך פון אַ גע-לעכטער, פון אַ שאַרף און שפּיציק ווערטל וועגן יענע פיינע נפשות... בפרט נאָך אין אַ צייט ווען ער איז געווען ביי זיך מער אָפּערדיק, ביי

א שבת, א יום־טוב, אָדער גלאַט א יידישע שמחה, ווען ער האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפן די גראָבע וואָכעדיקע, „הינטישע" פעל און געוואָרן ווידער דער אייגענער „בן־מלך" און באַקומען א „נשמה־יתרה", דע־מאָלט האָט ער זיך אָנגענומען גאָר מיט הארץ צו וויצלען זיך ברייט וועגן דער אויסערער וועלט מיט די ביטערע שונאים זיינע און די פינצ־טערע גזירות זייערע.

און ניט נאָר אויפן חשבון פונעם פרעמדן שונא אין דרויסן; דאָס אינעווייניקסטע לעבן זיינס האָט אים אויך געגעבן איבער גענוג שטאָף אויף אָפּלאַכן און וויצלען זיך.

ווי באַוואוסט, איז משונהדיק און דעריבער זייער לעכערלעך יעדע זאַך וואָס איז ניט נאָרמאַל, אומנאַטירלעך. היינט וואָס קען שוין זיין מער סתירה צו א נאָרמאַלן נאַטירלעכן לעבן, ווי דאָס יידיש הווי־קערדיק און פאַרקריפּלט גלותדיק לעבן, צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע עקן פון דער גאַנצער וועלט, א לעבן פון שוועבן אין דער לופטן אָן א שטיקל יסוד אונטער די פיס? אוודאי איז קיין חידוש ניט, וואָס דער ייד האָט גענוג איבער וואָס צו ווערטלען זיך און וויצלען זיך וועגן זיינע משונהדיקע אומגעלומפּערטע פּרנסות, זיינע מלמדים, שדכנים מעקלערס אאַז"וו. מיט זיינע קמצנישע גבירים, אָרעמעלייט, שנאָרערס, ישיבה־בחורים, בטלנים אד"גל, וועלכע קענען צושטעלן אַזוי פיל לאַך־מאַטעריאַל אין אַלע צייטן.

היינט דאַרף מען ניט פאַרגעסן דאָס אויך, אַז דער יידישער מוח האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן, תמיד האָט ער געזוכט שטאָף אויף צו שאַרפן זיך. דער ייד פון בית־המדרש, וואָס איז געזעסן מיט א פאַרקנייטשטן שטערן אַריינגעטאָן אין דער גרויסער גמרא, האָט ליב געהאַט באַזונדערס א געשפּיצט שטיקל, א שאַרף פּלפּול־דיקס וואָס מען דאַרף דערצו צולעגן מוח, און האָט גערן געבראָכן דעם קאָפּ איבער א פאַרשטעלטן „כלומר", „ויש לישב", „ודו'ק", אי־בער א שווערן מהרש"א אָדער א האַרבן מהר"ם־שיף, און ווען ער האָט שוין געוואָלט אָפּרוען דעם מוח, האָט ער אַוועקגעלייגט א ביסל די שווערע הלכה און זיך גענומען געשמאַק צו דער לייכטער אגדה, צו א מדרש מיט זיינע וויציקע אויסטייטשן פון פּסוקים און מיט זיינע שכלדיקע משלים. און אַפילו א ייד פון א גאַנץ יאָר, א פּשוטער ייד פון גאַס, פון מאַרק, האָט אויך תמיד געאַרבעט מיטן מוח וואָס איז ביי אים געגאַנגען אויף אַלע רעדלעך, און האָט מיט פליס געשאַרפט

די כלים זיינע און געזוכט המצאות און איבערשפּיצלעך... דעריבער דאַרף קיין וואונדער ניט זיין, וואָס דער ייד, ווען ער פּירט אַפילו גלאַט אַזוי אַ שמועס, האָט אויך ליב אַז דער מוח זיינער זאָל האָבן וואָס צו גניסן און האָט שטאַרק הנאה פון אַ שאַרף ווערטל, פון אַ פיין געטאַקטן וויץ...

און דערפאַר איז דער יידישער וויץ ניט גלאַט אַזוי זיך קיין פלאַך טרוקן ווערטל, נאָר עס ליגט אויף דעם מערסטנטייל גאָר אַ באַזונדער שטעמפּל. דער ייד וויצלט זיך אויף זיין שטייגער און זיין וויץ איז באַזאַלצט און באַפּעפּערט מיט אַ באַזונדערן יידישן פאָלקס־הומאָר, און איז גאַנץ אָפט זאַפטיק און געשמאַק און איז באַטעמט טאַקע מיט אַן עכט יידישן טעם.

און ניט נאָר דער יידישער גייסט איז אויסגעגאָסן אויף די יידישע וויצן, עס שפּיגלט זיך אין זיי אָפּ אויך די יידישע נשמה, און פיל פון זיי פאַרמאָגן היפּש עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל וואָס קיין אַנדער פאָלק גיט ניט אַזוי פיל אין זיינע וויצן.

***

וועגן וואָס וויצלט זיך דער ייד? אויף דער דאָזיקער שאלה קען מען ענטפערן, ווי דער יידישער שטייגער, מיט אַן אַנדער שאלה: וועגן וואָס ניט? וועגן אַלץ אין דער וועלט. צוליב אַ גלייכווערטל איז ער גרייט קיינעם ניט צו שוינען, אַפילו זיינע אייגענע, גאָר נאָענטע, און אַפילו זיך אַליין. און שטאָף אויף צו וויצלען זיך, ווי געזאָגט, פעלט אים קיינמאָל ניט אויס. דאָס לעבן שטעלט עס אים צו אין אַלע צייטן מיט גאָר דער ברייטער האַנט.

דאָס זעלבע אויך אויף דער פראַגע: ווער וויצלט זיך ביי יידן? — קען מען ענטפערן מיט אַן אַנדער פראַגע: ווער וויצלט זיך ניט? געווען, אמת, ביי יידן באַזונדערע וויצנזאָגער, וואָס זייער נאָמען איז פאַרבליבן אין פאָלק. יעדער געגנט באַזונדער האָט פאַרמאָגט זיינע אייגענע וויצלינגען. אין ליטע, אַ שטייגער, זיינען געווען באַרימט: מאָטקע חב"ד, שייקע פעפער און כלב לץ; אין דרום רוסלאַנד: הערשל אָסטראָפּאָלער, שמערל שניטקעווער און לייבעניו גאָטס וואונדער. דייטשלאַנד ווידער האָט געהאַט איר אייגנם ישוע בחור און שמשון ביימל, און אונגאַרן — דעם ראַוויצער מגיד. אַפילו צווישן די רבנים האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע וואָס זיינען באַרימט געווען מיט זייער־

רע וויציקע „שיחות-חולין" ווי דער רבי ר' יהושע-העשיל פון קראָקע און דער סלאָנימער רב ר' אייזיקל חריף. אָבער אויסער די מפורסמים געפינט זיך, אויב ניט אין יעדן יידן, איז אין אַ גרויסן טייל, אַ ניצוץ פון הערשל אָסטראָפּאָלער, שייקע פּייפער מיט די אַנדערע באַקאַנטע וויצלינגען. און ניט ווייניק אַפילו פון די וויצן וואָס טראָגן אויף זיך דעם אָדער יענעם „נאָמען", געהערן באמת צו די „אומבאַקאַנטע", און דערפאַר ווערן אָפט מאָל איינע און די זעלביקע גלייכווערטלעך נאָכדערציילט אין יעדן געגנט אינעם נאָמען פון זיין באַוואוסטן „ווערטל-זאָגער".

אין די לעצטע צייטן הויבן אָן, ליידער, פיל פון די אַלטע עכטע יידישע וויצן ביסלעכווייז פאַרגעסן צו ווערן און הערן אויף צו לעבן אין מויל פון אונדזער פאָלק, און כדי זיי זאָלן ניט אָפּשטאַרבן אין גאַנצן דאַרף מען זען זיי זאָלן אויפהערן צו זיין „צעזייט און צעשפּרייט" ווי דאָס פאָלק וואָס האָט זיי געבוירן, און מאַכן פון זיי איין „קיבוץ", וואו אַלע זאָלן זיך געפינען צוזאַמען און יעדער ייד זאָל קענען פון זיי געניסן.

און דאָס איז דער ציל פון מיין זאַמלונג „יידישע וויצן".

פיל יאָרן דורכאַנאַנד האָב איך געהאַלטן אין זאַמלען יידישע וויצן פון פאַרשיידענע קוואַלן: פון יידישע וויצן-זאַמלונגען אַלטע און נייע, פון „הערשל אָסטראָפּאָליערס אַנעקדאָטן-בוך" ביז דעם מאָדערנעם בוך „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען"; דאָס גלייכן פיל פון די וואָס געפינען זיך אויף אייניקע אַנדערע לשונות. איך האָב אויך, פאַרשטייט זיך, געזען אויסצונוצן, וואָס איך האָב אַליין אין די אַלע יאָרן געהערט בעל-פּה פון די גלייכווערטלעך און וויצן, וועלכע גייען-אַרום אין פאָלק. אויך ניט ווייניק בריוו מיט וויצן האָב איך באַקומען, לויט מיין בקשה אין יידישע צייטשריפטן, פון וועלכע איך האָב אַרויסגענומען אַזעלכע וואָס האָבן געפעלט אין מיין זאַמלונג, און איך רעכן פאַר מיין חוב דאָ אויסצונוצן די געלעגנהייט אויף אָפּצודאַנקען די בריוו-שרייבער פאַר זייער מי.

געוויינלעך האָב איך דעם גאַנצן צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל געזען צו באַאַרבעטן און אַ ביסל באַפּוצן לויט מיין געשמאַק, ניט אַנ-רירנדיק דערביי די פאָלקסטימלעכע באַזונדערקייטן.

איך ווייס, אַז איך האָב ניט געקענט אויסשעפּן אַלץ און געבן אַ פולשטענדיקן יידישן וויצן-בוך. געוויס פעלן נאָך דאָ ניט ווייניק

אַזעלכע וויצן, וועלכע איך וואָלט אַריינגענומען אין מיין זאַמלונג ווען איך זאָל פון זיי וויסן. און דערפאַר רעכן איך פאַר נויטיק זיך ווידער ווענדן צו די לעזער מיט דער בקשה, זיי זאָלן זיך מטריח זיין און מאַכן מיר אויפמערקזאַם (אויפן אַדרעס פון פאַרלאַג „מוריה") אויף די וויצן וואָס איך האָב פאַרפעלט אין מיין זאַמלונג. זיי דאַרפן אָבער דערביי האָבן אין זינען, אַז איך האָב ניט געזוכט ביז אַהער און זוך איצט אויך ניט אַנעקדאָטן און ווערטלעך פון יענעם מין וואָס ווערן געדרוקט אין די ביליקע וויץ-בלעטער, אויך ניט גלאַט איבערגעזעצטע אָדער אַפילו אַ ביסל איבערגעמאַכטע פון פרעמדע פעלקער און לשונות, נאָר אַזעלכע וואָס זיינען געבוירן און אויסגעוואַקסן ביי אונדז, אויף אונדזער לשון ד"ה עכטע יידישע וויצן.

ייִדן

1. פון וואָס אַ ייִד לעבט

אַ ייִדן האָט מען געפרעגט פון וואָס ער לעבט:

— איר פרעגט מיך — האָט ער געענטפערט — פון וואָס איך לעב? פון וואָס, אַ שטייגער, זאָל אַ ייִד לעבן? טאַקע ווי עס שטייט בײַ אונדז געשריבן: „יש אוכל אכילה אחת וחיב עליה אַרבע חטאות ואשם אחד" (פאַראַן איינער עסט איין זאַך און פאַרשולדיקט זיך דער־פאַר פאַר פיר זינד־אָפּפער און איין שולד־אָפּפער). איך בין, פאַרשטייט איר מיך, אַ זינדיקער מלמד, אַ זינדיקער שדכן, אַ זינדיקער מעקלער און אַ זינדיקער בעל־תפילה — האָט איר פיר חטאות, און דערצו נאָך „ואשם אחד" — דאָס הייסט, איך בלייב נאָך שולדיק גאַנץ היפּשלעך אין שכנס קרעמל.

2. אַ סך גערעכטן

איינער באַגעגנט אַ באַקאַנטן ייִדן, פרעגט ער אים:

— ווי גייט עס אין געזונט און צום געזונט?

— אַ ייִדן — ענטפערט יענער — האָט מען ניט צו פרעגן ווי עס גייט אים, געווים שטענדיק גוט. אויפן ערגסטן פאַל איז ער גוט קראַנק, גוט הונגעריק אאַז"וו. מיר, ניט צו פאַרזינדיקן, איז אויך אַזוי גוט. אויסער דעם, דאַרפט איר וויסן, האָב איך נאָך, ברוך השם, צו געניסן יעדן טאָג ניט איין גערעכט, נאָר עטלעכע גערעכטן. אַ שטייגער, איך שטיי־אויף אין דער פרי, עס גלוסט זיך מיר עפּעס צו נעמען אין מויל, זאָג איך דער ווייב, זאָל לעבן: איך וויל עסן. בין איך גערעכט, זאָגט זי: דו ווילסט עסן, איך וויל אויך. גיב זיי מוחל, געלט, וועל איך באַלד לויפן און קויפן. איז זי אויך גערעכט. געלט, זאָג איך איר, איז גאָר ניט קיין שלעכטע זאַך, נאָר איך האָב שוין אַזאַ

טבע פון אייביק אָן: ווינבאַלד איך לייג זיך אָן געלט שטיי איך אויף אָן געלט. בין איך ווידער גערעכט. מאַכט זי: קוק אים נאָר אָן, ער הייבט שוין אָן מיט זיינע ווערטלעך, מיט גלייכווערטלעך אַליין קען מען קיין אָנבייסן ניט צוגרייטן. איז זי ווידער גערעכט. דערווייל קומען צולויפן איינס נאָכן אַנדערן די קינדערלעך, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, און שרייען: מאַמע, גיב עסן! זיי, נעבעך, זיינען געזוים גערעכט. שרייט די מאַמע: וואו זאָל איך נעמען צו געבן אייך עסן? גייט צום טאַטן, דעם גאָלדשפינער, לאָז ער אייך געבן צום עסן. ווייטער גערעכט. זאָג איך: וואָס שרייסטו אַזוי אויף די קינדערלעך? זיי ווייסן קיין חכמות ניט, זיי זיינען נעבעך הונגעריק. בין איך אפשר ניט גערעכט? מאַכט זי ווידער שוין מיט אַ געוויין: ווי געפעלט אייך דער שיינער בעל־רחמנות מיינער? פאַרוואָס האָסטו ניט קיין רחמנות אויף מיינע יונגע יאָרן? קוק מיך אָן וואָס פון מיר איז געוואָרן, הוילע הויט און ביינער. איך זאָל זיי ווען געבן אַ שטיקל פלייש פון מיר, האָב איך ניט! איך פיל אַז זי איז שטאַרק גערעכט, נאָר איך בין שוין פון יענער זייט טיר. אַזוי האָב איך מיר מיין אייגנם אַלערליי אַרט גערעכטן שוין גאַנץ פרי, היינט וויפל נאָך אַזוינע גערעכטן דערנאָך נאָך אַ גאַנצן טאָג. הכלל פרעגט ניט, ס׳איז גוט פּאַסקודנע.

3. וואָסער פעקל?

צוויי באַקאַנטע יידן שטייען אויף דער גאַס און שמועסן צווישן זיך. קלאָגט זיך איינער פאַרן אַנדערן אויף די שלעכטע ביטערע צייטן.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ס׳איז שלעכט וואָס שלעכט הייסט. איך זאָל ווען פאַר אייך פאַנאַנדערלייגן מיין פעקל צרות, וואָלט איר געוואוסט וואָס איך טראָג און לייד־איבער טאָג־טעגלעך.

— נעמט זיך ניט איבער — רופט זיך אָן דער אַנדערער — איר זענט ניט איינער ביי גאָט, איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב אויך מיין אייגנס אַ היפּש פעקל. און וואו האָט איר גלאָט, איך בעט אייך, אַ ייד וואָס זאָל ניט האָבן זיין אייגן פעקל?

— מאָלט אייך — זאָגט דער ערשטער — ניט יעדער ייד. ס׳איז געוויס פאַראַן ניט ווינציק אַזעלכע, וואָס זיי איז אמת גוט אויף דער וועלט און ווייסן ניט צו זאָגן פון קיין שום פעקל.

— גלויבט עס ניט. איך זאָג אייך בפירוש, אַז יעדער ייד מוז זיך האָבן זיין פעקל אָן אַ שום תירוץ. ווייסט איר וואָס, אָט לויפט אַקעגן אונדז אַ ייד, ווען מיר פּרוואוון אים אַ פרעג טאָן: רב ייד, זייט זשע מוחל, זאָגט וואָס הערט זיך עפּעס מכוח אייער פעקל?

— וואָסער פעקל? וועלכער פעקל? — מאַכט דער ייד פאַר־וואונדערט און לויפט ווייטער.

— זעט איר — זאָגט דער ערשטער — איך בין גערעכט, אָט האָט איר אַ יידן, וואָס הייבט גאָרנישט אָן צו וויסן פון קיין שום פעקל.

— חס וחלילה! — מאַכט דער צווייטער — איר האָט אַ טעות אין פשט. דער דאָזיקער ייד, פאַרשטייט איר, האָט געוויס ניט איין פעקל נאָר גאַנצע צוויי, און אפשר גאָר נאָך דריי, און אָט דערפאַר טאַקע האָט ער עס געפרעגט: וואָסער פעקל?

4. אויפן הימל אַ יריד

בשעת אָן עדה יידן דאַוונען אין שול ווערט אויפן הימל אַ גאַנ־צער יריד, ווייל איינער טראַכט אין זיין תפילה וועגן ווייץ, דער אַנ־דערער וועגן באַקאַליי, דער דריטער וועגן שניט־סחורה און אַזוי ווײ־טער. און אַז די תפילות גייען אַרויף אויפן הימל און מען נעמט זיי דאָרט איבערקוקן געפינט מען אַ גאַנצן יריד פון אַלערליי מינים סחורות. דערפון נעמט זיך דאָס יידיש ווערטל: „אויפן הימל אַ יאַריד".

5. שלום עליכם

דער גאון ר' זעלמעלע פלעגט זאָגן:

— אַז אַ ייד גייט־אוים שמונה־עשרה קומט אים דעמאָלט אָפּצו־געבן אַ „שלום־עליכם", ווייל אין דער צייט וואָס ער איז געשטאַנען שמונה־עשרה איז ער געווים אויסגעוועון אַ גאַנצע וועלט, געפאָרן אין די גרויסע שטעט און אויף פאַרשיידענע יאַרידים איינצוהאַנדלען אָדער צו פאַרקויפן סחורות.

6. גרינגער אויפן האַרצן

אַ ייד גייט אין גאַס פאַרזאָרגט, ווי דער שטייגער. באַגעגנט אים אַ באַקאַנטער און גיט אים אַ פרעג:

— וואָס מאַכט מען עפּעס?
— עט, מע...
— איך מיין, די געשעפטן ווי גייען?
— הע, ווייסעך, מע...
— נו, וואָס מאַכט דאָס ווייב?
— טע, מע...
— און די קינדערלעך וואָס מאַכן?
— עט, טע, מע...
— אַ גוטן טאָג.
— אַ גוט יאָר. אוי אַז מען רעדט זיך דורך ווערט טאַקע גרינגער אויפן האַרצן.

7. צוויי קי

אַ יידיש שטעטל איז פאַרברענט געוואָרן און אַלע איינוואוינער פונעם שטעטל זיינען געבליבן נאַקעט און הייל. דער עולם איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרפינצטערטע פּנימער און יעדער באַזונדער האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצן און צו זיפצן אויף זיינע צרות. נאָר איין ייד, וואָס אים האָט אויך געטראָפן דער אומגליק ווי אַלע, איז געבליבן ווי פריער לעבעדיק און פריילעך, גלייך ווי ער האָט גאָר ניט געליטן. פרעגט מען אים:

— וואָס איז די מעשה, וואָס אין שטעטל זיינען אַלע אַזוי פאַרזאָרגט און איר הייבט גאָר ניט אָן צו זאָרגן?

— זאָגט, וואָס זאָל איך זאָרגן — ענטפערט ער — אַז גלייך ווי פריער פאַר דער גרויסער שרפה, האָב איך איצט אויך מיין אייגנס צוויי קי.

— צוויי קי! — וואונדערט מען זיך — וואו שטייען עס אייערע צוויי קי?

— איר פרעגט, וואו זיי שטייען — ענטפערט ער — נישקשה, זיי שטייען שוין אויף אַ גוטן פּלאַץ, ביי דוד המלך, אין זיין תהילים: „כי בו ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו“.

8. לכתחילה און בדיעבד

לכתחילה ווילט זיך יעדן יידן, ער זאָל זוכה זיין ביי גאָט צו געווינען דאָס גרעסטע געווינס, די צוויי הונדערט טויזנט רובל; נאָר

בדיעבד איז ער שטאַרק צופרידן, אַז גאָט העלפט אים און ער האָט די זכיה, לכל הפחות, צו שטאַרבן אין חודש ניסן.

9. קיינמאָל ניט געפּרואווט

מ'האָט געפרעגט אַ יידן צי ער קען שפּילן אויף אַ פּיאַנע?

— איך ווייס? — ענטפערט ער — איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געפּרואווט. אפשר קען איך.

10. מורא צו זאָגן דעם אמת

צוויי באַקאַנטע יידן באַגעגענען זיך אין איין אייזנבאַן־וואַגאַן. פרעגט איינער דעם צווייטן:

— וואוהין פאָרט עס אַ ייד?

— וואוהין פאָרט מען? — ענטפערט דער צווייטער — קיין וואַרשע פאָרט מען.

— איך פאַרשטיי גאַנץ גוט — מאַכט יענער אויפגעבראַכט — אַז דו זאָגסט קיין וואַרשע כדי איך זאָל מיינען, אַז דו פאָרסט קיין לאָדזש. איך ווייס דאָך אָבער אויף געווים, אַז פאָרן פאָרסטו איצט טאַקע קיין וואַרשע, היינט פרעג איך דיך, ביסטו ניט קיין ליידאַק — וואָס האָסטו מורא צו זאָגן דעם אמת?

11. אַ יידיש שפּיצל

אין אַ גאָרקיך זיצן ביי אַ טיש על עטלעכע סוחרים, בייסן־צו און שמועסן געשמאַק וועגן אייגענע און פרעמדע געשעפטן. דרייט זיך דאָרט אַרום אַ ייד אַ הויזירער און לאָזט ניט רוען, קומט צו אַלע מאָל צום טישל און לייגט פאָר מען זאָל אים געבן פאַר עפּעס צו לייזן: „אפשר דאַרפט איר, יידן, טיכלעך טייערע, האַלדזטיכלעך אַנטיקלעך, בייטעלעך „פּרימאַ"... און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל דאָס אייגענע.

— וואָס זאָגט איר — רופט זיך אָן איינער פון די סוחרים — אויף דעם איינגעגעסענעם יידל? הערט איר, איך מוז אים אָפּטאָן אַ שפּיצל, אָבער אַזוינס אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען.

און ער רופט צו יענעם יידן.

— זאָגט, רב ייד, געפינט זיך ביי אייך אַ פּאָר טראָגבענדער, נאָר פונעם בעסטן סאָרט, אַזוי ווי איך, פאַרשטייט איר, האָב ליב.

— צי ביי מיר געפינט זיך? אַ שאלה אַ ביסל! — ענטפערט דער ייד, און נעמט אַרויס געשווינד און דערלאַנגט דעם סוחר אַ פּאָר טראָגבענדער — אָט האָט איר אַזעלכע ווי איר פאַרלאַנגט, אַבער פּרימאַ וואָס פּרימאַ הייסט.

— וויפל קאָסט?

— צוויי רובל.

דער סוחר רעדט ניט קיין וואָרט, נעמט גלייך אַרויס צוויי רובל און באַצאָלט דעם הויזירער און יענער גייט אַוועק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אַזוי ווי צעמישט אַ ביסל.

— ווי געפעלט אייך — זאָגט דערנאָך דער סוחר — דאָס שפּיצל וואָס איך האָב אים אָפּגעטאָן: זיך ניט אָנגעהויבן צו דינגען. זאָגסט צוויי רובל — נאַ דיר צוויי רובל. לאָז ער ווייטער וויסן. נישקשה, ער וועט זיך נאָך אַ היפּשע צייט קראַצן און אויסעסן זיך דאָס האַרץ, פאַרוואָס ער האָט מיר ניט געזאָגט קיין גאַנץ דרייערל.

12. גאָר ניט געפאַלן

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט, יענקל?

— איך טראַכט וועגן אַ זאַך, וואָס איך קען זיך קיין עצה ניט געבן.

— דהיינו?

— איך טראַכט וואָס טוט מען מיט דעם בחור מיינעם: ער איז שוין אַלט, קיין עין־הרע, אַ יאָר ניין און איז נאָך ביז איצט ניט פאַרשריבן. איז ביי מיר געבליבן איך זאָל מער די זאַך ניט אָפּלייגן, ווייס איך אָבער איצט ניט, ווי אים צו פאַרשרייבן: זאָל איך נעמען און פאַרשרייבן אים מיט עטלעכע יאָר יינגער ווי ער איז, האָב איך מורא טאָמער חלילה גיט מען אים אָפּ פאַר אַ זעלנער, וועט ער זיך אויסדינען אַן אַלטער בחור; זאָל איך אים ווידער פּרוּוון פאַרשרייבן מיט עטלעכע יאָר עלטער, וועט אים אויסקומען צו שטיין גאָר יונג צום „פּריזיוו" און עס וועט זיך נאָך אָנהייבן אַן עסק מיט „שאַצעניש" פון יאָרן... אַדרבא, זאָג דו, גוטער ברודער, וואָס טוט מען?

— אפשר וואָלט געווען אַ סברא, זאָלסט אים ניט פאַרשרייבן

ניט יינגער און ניט עלטער, נאָר גאָר פּשוט טאַקע לויט די אמתע יאָרן זיינע?

— אוי, ווי איך בין אַ ייד, דו ביסט גערעכט! אויף דעם, זעסטו, בין איך גאָר ניט געפאַלן!

13. וואָס איז דער טעם פונעם תנא קמא?

ווען צוויי תנאים אין דער משנה קריגן זיך, איינער זאָגט אַזוי און דער צווייטער אַנדערש, פרעגט אָפט דערויף די גמרא: „מאי טעמא דתנא קמא?״ (וואָס איז דער טעם פונעם ערשטן תנא?), פאַרוואָס פרעגט מען קיינמאָל ניט פאַרקערט: „מאי טעמא דתנא בתרא?״ (וואָס איז דער טעם פונעם לעצטן תנא?)

דער תירוץ איז: אויפן צווייטן תנא איז קיין קשיא ניט — ווי באַלד יענער זאָגט אַזוי, מוז דאָך ער, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, זאָגן פאַרקערט. די שאלה איז אויפן ערשטן: ווי קומט עס, וואָס דער דאָזיקער זאָגט אַזוי און ניט אַנדערש?

14. אָן הענט

אין אַ קאַלטן ווינטער-טאָג גייען עטלעכע יידן אין גאַס און פירן צווישן זיך אַ הייסן שמועס און אַמפּערן זיך שטאַרק אויף קולות, ווי דער שטייגער איז, נאָר איינער גייט מיט די גאַנצע צייט און שווייגט.

— ר׳ חיים — ווענדט מען זיך צו אים — וואָס שווייגט איר עפּעס און מ׳הערט פון אייך ניט קיין איין וואָרט?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — ענטפערט יענער — איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי איר קענט רעדן, ס׳איז דאָך אַזאַ שרעקלעכע קרירה, אוממעגלעך אַ האַנט אַרויסצושטעקן און מיט איר אַ ריר צו טאָן.

15. חידושים פון דער גרעסטער שטאָט

אַ קליינשטעטלדיקער ייד איז געקומען צוריק אַהיים אין שטעטל פון זיין רייזע דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג, און ער דערציילט זיינעם

אַ חבר מיט גרוים התפּעלות די אומגעהויערע חידושים, וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעזען. אַ שטייגער, ווי אַ מענטש שטעלט זיך אַנידער און רעדט צו דער וואַנט דורך עפּעס אַ מין כלי וואָס מען רופט עס טעלעפאָן, מיט איין האַנט דרייט ער אַ רעדל און מיט דער אַנדערער האַלט ער לעבן אויער עפּעס אַ רערל.

— וואָס דערציילסטו מעשיות? — רופט זיך אָפּ יענער — ווי־באַלד ביידע הענט זיינען פאַרנומען, ווי אַזוי־זשע רעדט מען?

16. איך האָב צייט!

דער קאָנדוקטאָר אין אַן אייזנבאַן־וואַגאָן האָט גענומען אויפן וועג ביי איינעם אַ יידן זיין בילעט, אים באַטראַכט און געזאָגט מיט אַ בייז קול:

— ניין, דער בילעט טויג דאָ נישט, ער איז אויף אַ געוויינלעכן צוג צו פאָרן, און איר האָט זיך געזעצט גאָר אין קוריער־צוג!

— נו, וואָס מאַכט עס דען אוים? — גיט דער ייד אַ מאַך מיט דער האַנט — פון מיינעטוועגן מעג זיך דער צוג פאָרן גאַנץ פּאַמעלעך, ניט לויפן משוגענערוויז; נישקשה, איך האָב צייט...

17. ניט מער?

אַ ייד, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, האָט פאַרשפּעטיקט און איז געקומען אויפן וואָקזאַל נאָך דעם, ווי דער צוג האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, ברעכט ער די הענט און קרעכצט אויף אַ קול:

— וויי איז מיר, אַזאַ אומגליק האָט מיר געטראָפן! איך האָב באַדאַרפט אַזוי נויטיק פאָרן און דווקא היינט! וואָס טוט מען איצט? אַזאַ אומגליק!

— אויף וויפל, רב ייד, האָט איר עס פאַרשפּעטיקט דעם צוג?

— סך־הכל האָב איך פאַרזאַמט אַ פּאָר מינוט.

— ניט מער? — מאַכט יענער — איך האָב געמיינט, ווערליק איר שרייט אַזוי, אַז איר האָט פאַרשפּעטיקט צום וויניקסטן אויף אַ גאַנצע שעה.

18. אַ בייזער הונט

צוויי יידן גייען אין גאַס און זיינען פאַרטיפט אין אַ שמועס. דערהערן זיי פון ווייטנס אַ הונט בילן, רופט זיך אָן איינער צום צווייטן:

— דו הערסט ווי יענער בייזער הונט בילט אַזוי שרעקלעך? פאָלג מיך, לאָמיר אַפּטרעטן און זיך לאָזן גיין אין אַ זייט.

— וואָס האָסטו מורא? — מאַכט דער צווייטער — דו ווייסט דען ניט דעם כלל, אַז הינט וואָס בילן, ז י י בייסן קיין מאָל ניט?

— יאָ — זאָגט יענער — אמת טאַקע, א י ך וויים, אָבער צי ווייסט עס אויך דער הונט?

19. אַט זעסטו דאָך!

איין ייד דערציילט דעם צווייטן:

— דו שפּילסט זיך עפּעס מיט דער בימה אין דער וואָלקאָוויסקער גרויסער שול? איך וועל דיר דערציילן גאָר אַ קלייניקייט: אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער קריג האָבן זיך איין מאָל דאָרט, הינטער דער דאָזיקער בימה אַליין באַהאַלטן, וויפל מיינסטו, אַ שטייגער? גאַנצע צוואַנציק טויזנט פראַנצויזן!

— וואָס רעדסטו? מאַכט דער צווייטער פאַרוואונדערט — צוואַנציק טויזנט! ווי איז דאָס מעגלעך?

— אַט זעסטו דאָך! — רופט זיך אָפּ יענער.

20. וויפל פאַרדינען

אַ ייד פון די קליינע סוחרימלעך האָט געדאַרפט צוליב עפּעס אַ געשעפט גיין אויפן וואָקזאַל, וואָס איז געווען ווייטלעך פון שטאָט, און זיך אומקערן באַלד צוריק. אַרויסגייענדיק צופוס פון שטאָט, יאָגט אים אָן אַ פורל. פרעגט דער ייד ביים פורמאַן וויפל ער וועט נעמען אויפן וואָקזאַל הין און צוריק.

— אַ רובל מיט אַ פערטעלע — זאָגט דער פורמאַן.

— און פאַר אַ רובל גלייך וואָלט איר ניט געפאָרן?

— לאָז זיין אַ רובל, זעצט זיך.

— ניין, — מאַכט דער ייד גלאַסן — איך מיין ניט פאָרן. איך

וויל בלויז וויסן וויפל וועל איך פאַרדינען אַז איך וועל גיין צופוס הין און צוריק.

21. אַ שיין בילד

איין ייד ווייזט דעם צווייטן אַ שטיק לייַנוואַנד, נאָר אין גאַנצן ריין און ליידיק, און זאָגט אים:

— זעסטו, אָט האָסטו פאַר דיינע אויגן אַ שיין בילד: „יידן גייען־איבער דעם ים־סוף".

— וואו זיינען דאָ די יידן? — פרעגט יענער.

— די יידן? — מאַכט דער ערשטער — זיי זיינען שוין אַרויס פונעם ים און אַוועק ווייטער.

— און די מצרים וואו זיינען?

— די מצרים האַלטן נאָך אין לויפן און זיינען אַהער נאָך ניט אָנגעקומען.

— נו, און דער ים אַליין וואו איז דאָ אויף דעם בילד?

— וואָס הייסט? דער ים איז דאָך צעשפּאָלטן געוואָרן און אָפּגעטראָטן אין ביידע זייטן.

22. אַ גרויס גליק

אַ גרויס גליק איז, וואָס אין שול געפינט זיך אַ מזרח־וואַנט. ווען ניט די מזרח־וואַנט, וואָלט אַ ייד אין שול זיך גערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער אויבנאָן, ביז ער וואָלט אַזוי פאַרקראָכן העט־העט ערגעץ־וואו אין עק וועלט. איצט אָבער, קומט ער ביז צו דער מזרח־וואַנט און דאָרט מוז ער זיך שוין אָפּשטעלן. עד פה תבוא — ביז אַהער, און ווייטער גייט עס ניט!

23. בפירוש אין דער תורה

I

אַ רוסישער ייד האָט אַמאָל געפרעגט אַ קירהשן:

— פאַרוואָס זאָגט מען ביי אייך תמיד „עטץ": ווי גייט עטץ, וואָס טוט עטץ, פון וואַנען זענט עטץ?

— ווי — האָט יענער געענטפערט — עטץ זענט אַ ווילדער

עם-הארץ, עס שטייט דאָך בפירוש געשריבן אין דער הייליקער תורה, — אַז יעקב אבינו האָט געפרעגט לבנס פאַסטוכער: מאין אתם? — פון וואַנען זענט עטץ?

II

צוויי יידן, אַ פּוילישער און אַ ליטוואַק, האָבן זיך אַוועקגעאַמפּערט אַ היפּשע צייט צווישן זיך: דער פּוילישער שרייט, אַז מען דאַרף זאָגן ניט „ליכט" נאָר „לעכט", און דער ליטוואַק טענהט פאַרקערט, אַז „לעכט" איז גאָר קיין וואָרט, נאָר „ליכט".

— ווייסטו גאָר וואָס — מאַכט דער ליטוואַק צום פּוילישן — איך וועל דיר באַווייזן אַ ראיה פון אַ בפירושן פּסוק אין דער תורה, אַז גערעכט בין איך ניט דו:

— אדרבה, באַווייז.

— עס שטייט דאָך בפירוש: „בהעלותך את הנרות" — אַז דו וועסט אָנצינדן די ליכט".

24. צלם-קאָפּ

— טאַטע — פרעגט אַ פּויליש ייִנגל דעם פאָטער זייַנעם, אַ פאַר־ברענטן שונא פון די ליטוואַקעס — פאַרוואָס רופט מען עס אַ ליטוואַק מיטן נאָמען צלם-קאָפּ?

—וואָס פאַרשטייסטו ניט? — ענטפערט דער פאָטער — ביי יעדן ליטוואַק אין קאָפּ איז דאָ אַ צלם. אַ סימן האָסטו, נעם אַ האַק און פּרואוו אים צעשפּאַלטן דעם קאָפּ, וועסטו זען אַז דאָרט געפינט זיך אַ צלם. און טאָמער וועסטו גראָד ביי דעם איינעם ניט געפינען, איז אויך קיין גרויסער אומגליק — דערווייל ווערט מען גלאַט פּטור נאָך פון איין ליטוואַק אויף דער וועלט.

25. עכטע גויים

אויף איינער פון די הויפּט-גאַסן אין מאָסקווע גייען צוויי יידן און רעדן צווישן זיך רוסיש אויף קולות מיט אַן עכט בערדיטשעווער אַקצענט. אַ ייד וואָס איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געהערט זייער שמועס רופט זיך אָן צו זיי אַזוי:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיינע ליבע יידן, וואָס טויג עס אייך צו רעדן רוסיש, אַלע זאָלן באַלד דערקענען אַז איר זענט יידן,

בעסער רעדט צווישן זיך לשון-קודש וועט מען באַלד דערקענען, אַז איר זענט מחילה, עכטע „גוים”.

26. געקאָכטע אַרבעס

צוויי ישיבה-בחורים, איינער אַ ליטוואַק און דער אַנדערער אַ גאַליציאַנער, זיינען איינגעשטאַנען אויף איין אַכסניא. די ביידע זיינען געשטרויכלט געוואָרן אין שלעכטע מחשבות. שולדיק דערין איז געווען די שיינע יונגע טאָכטער פונעם בעל-הבית פון זייער אַכסניא, אַזוי אַז זיי האָבן ניט געקענט ניט זיצן און לערנען בייטאָג און ניט שלאָפן ביינאַכט.

זיינען זיי געקומען צום רבין זייערן און פאַרטרויט פאַר אים די מעשה. האָט ער זיי פריער אַרויסגעגעבן אַ גרינגע תשובה, און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן האָט ער זיי געגעבן אַ שטרענגערע תשובה: זיי זאָלן שטיין ביינאַכט אַ גאַנץ היפּשע צייט מיט באָרוועסע פיס אויף צעשאָטענעם אַרבעס.

מאָרגן פרי זעט דער גאַליציאַנער דעם ליטוואַק ווי ער איז אַזוי מונטער, גלייך ווי ס'איז גאָרניט געווען, פרעגט ער אים:

— וואָס איז די מעשה? איך בין אַזוי צעבראָכן פון דער תשובה, און דיר, ווייזט אויס, האָט עס גאָר ניט אָנגעהויבן צו שאַדן?

— ס'איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך — מאַכט דער ליטוואַק — מיינסט וואָס האָב איך געטאָן? איך בין געשטאַנען טאַקע אויף אַרבעס, נאָר אויף אָפּגעקאָכטע.

27. פיר מינים יידן

— ס'איז פאַראַן — האָט אַ רב געזאָגט — 4 מינים יידן:

1) אַזעלכע וואָס גייען אין שול אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר.

2) אַזעלכע וואָס גייען אין שול שבת און יום-טוב.

3) אַזעלכע וואָס גייען אין שול נאָר איין מאָל אין יאָר: יום-כיפּור.

4) און אַזעלכע וואָס זייער יידישקייט באַשטייט נאָר אין דעם וואָס מען פירט זיי באַגראָבן אויפן יידישן בית-עלמין.

יידן און גויים

28. אַ גוי אָן אַ ייד

ר׳ יעקב אייכענבוים דער אינספּעקטאָר פון זשיטאָמירער ראַבינער-שול, האָט אַמאָל דיקטירט פאַר די שילער אין איינעם פון די קלאַסן העברעאיש, איינער פון די שילער האָט געשריבן דאָס וואָרט „גוי" אָן אַ יוד צום סוף. נאָכן שרייבן, רופט-צו אייכענבוים יענעם שילער, ווייזט אים אָן אויפן וואָרט „גוי", ווי ער האָט אויסגעלעגט, און זאָגט דערביי מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

דו ג ו י איינער, ווייסטו דען ניט אַז קיין מאָל אין דער וועלט קען אַ גוי זיך ניט באַגיין אָן אַ יוד?..

29. אַ שאַלה אויף אַ שאַלה

איינעם אַ יידן האָט אַ קריסט אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט איך בעט אייך, פאַרוואָס האָבן יידן ליב שטענדיק צו ענטפערן מיט אַ שאלה אויף אַ שאלה?

דער ייד האָט לאַנג ניט געטראַכט און גלייך אָפּגעענטפערט:

— פאַרוואָס עפּעס זאָל מען אַזוי טאָקע ניט ענטפערן?

30. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר

אַ קליינשטעטלדיקער ייד איז געשטאַנען צום געריכט. פרעגט אים דער ריכטער: וויפל ער איז אַלט, ענטפערט דער ייד:

— פופציק ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

דער ריכטער פאַרשטייט ניט, וואָס דאָס הייסט, פרעגט ער אים איבער נאָך אַמאָל און באַקומט ווידער דעם זעלביקן ענטפער:

— פופציק ביז הונדערט און צוואַנציק.

דער ריכטער קוועטשט מיט די פּלייצעס און ווייסט ניט, וואָס טוט מען דאָ צו באַקומען פון דעם דאָזיקן יידן אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע.

שטייט אויף אַ יידישער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען בשעת-מעשה, און בעט דעם ריכטער ער זאָל אים דערלויבן צו שטעלן דעם יידן די פראַגע. דער ריכטער האָט עס אים דערלויבט. ווענדט זיך דער אַדוואָקאַט צו יענעם יידן:

— דער ריכטער פרעגט, וויפל איר זענט אַלט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר?

— פופציק — ענטפערט דער ייד גאַנץ פשוט.

31. געשטעלט אַ ליכט

צוויי מיידלעך חברטעס, אַ יידישע און אַ קריסטלעכע, האָבן געלערנט אין איין גימנאַזיע. געקומען צום עקזאַמען האָט די יידישע אויסגעהאַלטן און די קריסטלעכע ניט.

— פאַרוואָס קומט עס מיר אַזוי — האָט זיך די קריסטלעכע אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר דער יידישער חברטע — איך האָב געשטעלט אַ ליכטל פאַר דער הייליקער מאַריע און דו האָסט דאָך ניט געשטעלט. צום סוף...

— פאַרוואָס מיינסטו, אַז איך ניט? — זאָגט יענע — איך האָב אויך געשטעלט אַ ליכט.

— וואָס הייסט, דו ביסט דאָך אַ יידיש קינד?

— פאַרשטייסטו, געשטעלט האָב איך אַ גרויסע ליכט אויפן טיש ביי מיר אין צימער און געלערנט דערביי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

32. טעלעגראַף אָן דראָט

איינער אַ גרעק האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ יידן און גענומען זיך פאַר אים באַרימען:

— ביי אונדז אין אונדזער הויפּטשטאָט אַטען האָט מען פאַר עטלעכע יאָרן געגראָבן גאַנץ טיף און מ'האָט דאָרט געפונען אַ לאַנגן דראָט.

— נו, וואָס באַווייזט עס? — פרעגט דער ייד.

— עס באַווייזט — זאָגט דער גרעק שטאָלץ — אַז אונדזערע

עלטערן, די אַלטע גרעקן, האָבן שוין אין אַמאָליקע צייטן געהאַט ביי זיך אַ טעלעגראַף.

— אַ גרויסע זאַך! — רופט זיך אָן דער ייד און גיט דערביי אַ מאַך מיט דער האַנט — איך וועל דיר דערציילן פיל שענערס: ביי אונדז אין ירושלים האָט מען אַנומלט געגראָבן גאָר-גאָר טיף און מ׳האָט ניט געפונען אַ סימן אַפילו פון קיין דראָט.

— וואָס-זשע, זאָג מיר, איז דערפון געדרונגען?

— וואָס הייסט, וואָס? — געדרונגען, אַז אונדזערע יידן האָבן שוין גאָר פאַרצייטן געהאַט ביי זיך איינגעפירט אַ טעלעגראַף אָן דראָט.

33. אַ גוי גמור

איינער אַ שאַרפער קאָפּ האָט געזאָגט, אַז מען שרייבט אויף אַ יידן „חריף" איז אַ סימן אַז ער איז אַ גוי גמור.

— פאַרוואָס?

— גאָר פשוט: חריף איז גלייך ווי חד (שאַרף), חד צוריק איז „דאַך", דאַך אויף לשון-קודש איז „גג" — נו, און „גג" מאַכט דאָך „גוי גמור".

34. אַ גויישער וויץ

אַ יידישער סוחר איז איין מאָל איינגעלאַדן געוואָרן אין אַ רעס־טאָראַן אויף אַ מיטאָג-עסן דורך אַ מאָסקווער קאַצאַפּ, וואָס האָט מיט אים געפירט געשעפטן. דער גוי האָט פאַר זיך געפאָדערט אַ פאַרציע געפּרעגלטן חזיר. דער ייד אָבער איז ניט געווען קיין בעלן אויף חזיר עסן און זיך געהייסן געבן פיש.

ווען דער ייד האָט געענדיקט עסן די פיש, רופט ער זיך אָן צום קעלנער:

— דערלאַנג אַ גלאָז וואַסער, די פיש ווילן שווימען.

דער גוי האָט זיך צעלאַכט פונעם יידישן וויץ, און וועלנדיק ווייזן אַז ער קען אויך זיך וויצלען, רופט ער אויך צו דעם קעלנער, נאָכן אָפּעסן דעם חזיר, און טוט אים אַ זאָג:

— דערלאַנג אַ גלאָז וואַסער, דער חזיר וויל אַ טרונק.

35. געיידישט

איינער פון די קריסטלעכע לערער אין יידישן ווילנער לערער־אינסטיטוט, אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט, האָט אַמאָל געמאַכט אַ שמועס וועגן דער אויסלענדישער פרעסע, אַז זי געפינט זיך אין גאַנצן אין יידישע הענט.

דער אינספעקטאָר פונעם אינסטיטוט, יהושע שטיינבערג, האָט עס געהערט, רופט ער זיך אָן צו אים:

ווייזן־ווייזט אוים, אַז ס׳איז טאַקע ווי איר זאָגט: ניט אומזיסט קומען צו אונדז פון דאָרט די אויסלענדישע צייטונגען אַלע באַשניטן...

36. דלפון און ויזתא

די עשרת בני המן, המנם צען בנים, זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן, ווי אין אַ מדרש ווערט דערציילט, דערפאַר וואָס זיי האָבן עס דעם פאָטער זייערן געגעבן די עצה, איינצוצאָלן דעם קיניג אחשורוש צען טויזנט שטיק זילבער כדי די יידן אומצוברענגען, און זיי אַליין טאַקע האָבן עס צוגעשטעלט, יעדער פון זיי צו טויזנט. פרעגט זיך אָבער אַ שאלה: פון וואַנען, אַ שטייגער, האָט ויזתא, דער געוויסער טיפש, פלוצים באַקומען חכמה אויף עצות צו געבן, און דלפון, דער געוויסער קבצן, געקריגן אַזוי פיל געלט?

דער תירוץ איז: ווען עס האַנדלט זיך וועגן אומברענגען יידן, דעמאָלט ווערט אַפילו אַ ויזתא אויך אַ חכם און אַ דלפון אַפילו קריגט אויך גרויסע געלטן.

37. „זשיד מאָשעניק"

איינעם אַ משולח איז אויסגעקומען דורכצוגיין דורך אַ וועלדל, איז אים באַפאַלן דאָרט אַ גויישער גזלן, אַ באַוואָפנטער מיט געווער, און האָט אָפּגעראַבעוועט ביי אים אין גאַנצן דאָס געלט, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. בעט זיך דער משולח ביים גזלן:

— דאָס געלט איז ניט מיינס נאָר פרעמדס, וואָס מ׳האָט מיט מיר געשיקט איבערצוגעבן אַ פּאָר סוחרים אין נאָענטן שטעטל. וואָס וועל איך טאָן היינט, אַז מען וועט מיר ניט גלויבן און מען וועט מיך חושד זיין, אַז דאָס געלט האָב איך זיך צוגענומען און אויסגעטראַכט אַ מעשה, אַז מ׳איז מיך אויפן וועג באַפאַלן? טו־זשע מיר אַ טובה, איך

וועל אויפהענגען מיין היטל אויף אַ בוים און דו וועסט אויף דעם אויס־שיסן, וועל איך האָבן אַ באַווייז, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן.

דער גזלן האָט דעם יידן צוליב געטאָן און אויסגעשאָסן אינעם היטל איין מאָל און אַ צווייט מאָל. דערנאָך האָט דער משולח אויס־געטאָן פון זיך די קאַפּאָטע און געבעטן אויסשיסן אַ פּאָר לעכער אין רעכטן אַרבל, דערנאָך אויך אין לינקן אַרבל, כדי דער באַווייז זאָל זיין וואָס שטאַרקער און עס זאָל ניט בלייבן קיין ברעקל ספק. דער גזלן האָט אים צוליב געטאָן און אַלץ געשאָסן, און דער ייד האָט ניט אויפגעהערט צו בעטן ער זאָל שיסן נאָך און נאָך, ביז דער גזלן האָט אים געזאָגט:

— איך וואָלט עס דיר געטאָן צוליב און נאָך געשאָסן, פאַרוואָס ניט? נאָר גלויב מיר, איך האָב שוין אויסגעשאָסן די לעצטע קויל.

— אויב אַזוי — מאַכט דער משולח, וואָס איז געווען בטבע אַ ייד אַ גבר, אַז דו האָסט שוין קיין קוילן ניט, האָב איך פאַר דיר מער קיין מורא ניט.

און דער ייד איז באַפאַלן דעם גזלן, אים גאַנץ פיין געבונדן און אָפּגענומען צוריק דאָס גאַנצע געלט, און איז זיך אַוועק ווייטער אין וועג בשלום.

דער גוישער גזלן ליגט געבונדן און שפייט־אויס אין שרעקלעכן כעס:

— טפו, זשיד מאַשעניק!

38. אַ וועקסל אויף דריי הונדערט רובל

אַ גוי איז קראַנק געוואָרן און האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. קיין ווייב און קינדער האָט ער ניט געהאַט, קיין נאָענטע קרובים אויך ניט, האָט ער אָנגעשריבן אַ צוואה, אַז זיין גאַנץ פאַרמעגן לאָזט ער איבער נאָך זיין טויט די דריי נאָענטע שכנים זיינע, מיט וועלכע ער האָט זייער פריינדלעך געלעבט די לעצטע יאָרן, איינער אַ דייטש, דער צווייטער אַ רוס און דער דריטער אַ ייד, נאָר איין זאַך פאַרלאַנגט ער פון זיי, אַז זיי זאָלן אַריינלייגן צו אים אין אָרון, איידער מען וועט אים אַראָפּלאָזן אין קבר, יעדער צו הענדערטער.

דער קראַנקער איז געשטאָרבן. געהאַט האָט ער אַ שיינע לוויה, ווייל ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פיינעם נאָמען, און אַ סך קריסטן

און יידן זיינען נאָכגעגאַנגען. פאַרשטייט זיך, אַז די דריי שכנים, די יורשים זיינע, האָבן ניט געפעלט צווישן עולם.

געקומען אויפן בית־הקברות, מען דאַרף שוין אַראָפּלאָזן דעם אָרון איז קבר, גייען צו די דריי שכנים מקיים צו זיין די צוואה פונעם געשטאָרבענעם. אמת, ס'איז מער ניט ווי גלאַט אַ קאַפּריז־זאַך, אין קבר קען מען קיין געלט ניט נוצן, נאָר דאָך אַ צוואה, מוז מען האַלטן. דער ערשטער גייט־צו דער דייטש און לייגט אַריין אַ הונדערטער מיט גאָלדענע מטבעות, נאָך אים לייגט דער רוס אַריין אַ הונדערטער מיט פּאַפּיר־געלט, צום סוף גייט צו דער ייד, נעמט־אַרויס די צוויי הונדערט רובל און לייגט אַריין זיינס אַ וועקסל אויף גאַנצע דריי הונדערט.

39. אויסלערנען אַ הונט ריידן

אַ דאָרפס־ייד, אַ קרעטשמאַר, קומט פונעם פּריץ צו זיך אַהיים מיט אַ משונה גרויסן הונט. פרעגט אים דאָס ווייב, וואו האָט ער עס פלו־צעם דערטאַפּט אַזאַ מין כלב? דערציילט ער איר אַ גאַנצע מעשה:

— דער דאָזיקער כלב איז טאַקע דעם פּריצס אונדזערנס. איך קום היינט צו אים צו נעמען די אַרענדע פון אונדזער קרעטשמע אויף ווייטער, טרעף איך אים היפּשלעך פאַרקנאַקט, ווי זיין שטייגער איז, און ער שטייט צו צו מיר — קענסט דאָך אים וואָס פאַר אַ מטורף ער איז מיט משוגענע ווילדע קאַפּריזן — ניט אַנדערש נאָר איך זאָל אויסלערנען דעם הונט זיינעם רעדן, וועט ער מיר דערפאַר אָפּגעבן די אַרענדע אָן אַ קאָפּיקע געלט, און אויב ניט — דערשיסט ער מיר באַלד אויפן אָרט ווי אַ הונט. וויפל איך האָב זיך ניט געבעטן ביי אים און געטענהט, אַז ס'איז אַן אוממעגלעכע זאַך, האָט גאָר ניט געהאָלפן. „פאַר אַ יידן — האָט ער געשריגן אויף קולות — איז ניטאָ קיין אומ־מעגלעכע זאַך! אַ ייד געפינט אויף אַלצדינג אַ פאָרטעל!" הכלל, איך האָב אַרויסגעזען אַז ס'איז קיין ברירה ניטאָ, האָב איך זיך מיישב גע־ווען: מען מוז אים דעם משוגעת נאָכגעבן, און איך האָב קוים זיך אויסגעבעטן ביי אים ער זאָל דעם הונט מיטגעבן צו מיר אַהיים אויף צען יאָר, וועל איך שוין אין דער צייט אים אויסלערנען רעדן.

— וואָס האָסטו געטאָן, קוילער איינער? — הויבט אָן דאָס ווייב צו ליאַרעמען — און צען יאָר וועט דען העלפן דערצו? איידער דער דאָזיקער כלב וועט זיך אויסלערנען רעדן, וועסטו גיכער זיך אויס־לערנען בילן!

— דערוויל דאַרפסטו ניט בילן, מיין ווייב — רופט זיך אָן דער קרעטשמאַר — נישקשה, נאַרעלע, זאָרג ניט און זאָל דיר נאָר דער קאָפּ ניט ווי טאָן. זיי זיכער, אַז אין צען יאָר אַרום וועט זיין איינס פון די דריי: אָדער דער כלב וועט פגרן, אָדער דער פריץ וועט פגרן, אָדער איך אַליין וועל אָוועקשטאַרבן.

40. גיי דערווייז!

אין אַ שטעטל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיקל צייט אַ צירק פון חיות. איין מאָל מאַכט זיך דאָרט, אַז עס שפּרינגט אַרויס אַ בער פון זיין שטייג און לאָזט זיך לויפן איבערן שטעטל. באַלד איז אַרויס אַ באַפעל, אַז באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן זאָלן זיך אָוועקלאָזן איבער די גאַסן און ווער פון זיי עס וועט אָנטרעפן דעם בער זאָל אים אויפן אָרט דערשיסן.

באַגעגנט איין ייד זיינעם אַ גוטן ברודער און זאָגט אים:

— ווייסט וואָס, מען דאַרף פון שטעטל וואָס גיכער אַנטלויפן.

— וואָס איז אַזוינס? — פרעגט יענער.

— וואָס הייסט, דו האָסט גאָר ניט געהערט די מעשה מיטן בער?

— וואָס-זשע איז די מורא? מען דערזעט פון וווייטנס דעם בער לויפט מען אַריין אין שטוב.

— ניין, ניט פאַרן בער האָב איך מורא, נאָר פאַר די פּאָליציאַנטן וואָס לויפן אַרום איבער די גאַסן צו זוכן דעם בער.

— וואָס האָסטו פאַר זיי מורא, דו ביסט דאָך קיין בער ניט.

— איך וועל דיר זאָגן: איידער וואָס, איידער ווען, הרגעט מען דערוויל אַ יידן, און דערנאָך גיי דערווייז, אַז דו ביסט ניט קיין בער.

41. לייב-שמערצן

אין מאָסקווע אויף דער גאַס זיינען אַמאָל געשטאַנען און גע-שמועסט צוויי יידן, איינער פון זיי האָט געהאַט אַ גאַנץ כשרן פּאַס-פּאָרט און דער אַנדערער ניט. דערזעען זיי ווי אַ „נאַדזיראַטעל" (אַ פּאָליציי-אויפזעער) לאָזט זיך גיין גלייך צו זיי.

— וואָס טוט מען? — זאָגט דערשראָקן דער ניט-כשרער, בלייך ווי די וואַנט — איך בין אַ פאַרפאַלענער!

— איר רירט זיך ניט פונעם אָרט — מאַכט דער צווייטער — און איך וועל זיך לאָזן לויפן.

דער ייד נעמט געשווינד לויפן און דער נאַדזיראַטעל, פאַרשטייט זיך, נאָך אים. דערנאָך שטעלט זיך דער ייד אָפּ און דער נאַדזיראַטעל פּאַקט אים.

— זאָג, אַ פּאַספּאָרט האָסטו? — גיט ער בייז אַ פרעג דעם יידן.

דער ייד נעמט אַרויס געלאַסן זיין פּאַס און באַווייזט אים. דער נאַדזיראַטעל באַטראַכט דאָס פּאַפּיר און זעט, אַז ס'איז כשר אָן אַ שום סירכא, פרעגט ער פאַרוואונדערט דעם יידן:

— זאָג, צו וואָס פאַר אַ רוח ביסטו אַנטלאָפן?

— וואָס הייסט אַנטלאָפן? איך בין זיך גלאַט געלאָפן, ווייל איך לייד זייער פון לייב-שמערצן, האָט מיר דער דאָקטאָר געהייסן טרינקען ביטער-וואַסער און דערנאָך מאַכן באַוועגונגען און גיך לויפן.

— יאָ, אָבער דו האָסט דאָך געזען, אַז איך לויף דיר נאָך, פאַר-וואָס האָסטו זיך ניט אָפּגעשטעלט? — שרייט דער נאַדזיראַטעל.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? — מאַכט דער ייד בתמימות — איך האָב געמיינט, אַז איר ליידט אויך גלייך מיט מיר, פון אַזעלכע לייב-שמערצן און אייער דאָקטאָר האָט אייך אויך געהייסן דאָס אייגענע, צו טרינקען ביטער-וואַסער און דערנאָך לויפן.

42. וואוינרעכט

אַ רוסישער ייד האָט זיך משתדל געווען דאָרט וואו מען באַדאַרף, צו באַקומען דאָס רעכט אויף צו וואוינען אויסער דער „יידישער גרענעץ" אַלס אַ בעל-מלאכה.

— וואָס פאַר אַ מלאכה קענט איר עס? — פרעגט אים דער באַאַמטער.

— איך קען מאַכן טינט — ענטפערט דער ייד.

— טינט מאַכן איז אויך אַ מלאכה? ווער קען עס ניט? איך אפילו קען עס אויך.

— וואָס-זשע מיינט איר, הער באַאַמטער, האָט איר דאָך טאַקע אויך וואוינרעכט.

43. ראַבינאָוויטש געוויס ניט!

ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, איז איינער אַ ייד ראַבינאָוויטש געפאָרן קיין אויסלאַנד אויף אַ פרעמדן אויסלענדישן פּאַס מיטן נאָמען רובינשטיין. ביי דער גרענעץ, ווי דער שטייגער, נעמט מען ביי אים אַוועק דעם פּאַס, און דערנאָך, ווען ער קומט אָפּנעמען זיין פּאַס, פרעגט מען אים ווי זיין פאַמיליען-נאָמען איז? דאַרף זיך מאַכן ער זאָל גראָד פאַרגעסן ווי ער הייסט איצט לויט דעם פּאַס, קראַצט ער זיך אין קאָפּ, טראַכט אַ ביסל און זאָגט:

— איך הייס... איך הייס... באַלד וועל איך זיך דערמאָנען.. ראַבינאָוויטש הייס איך געוויס ניט!

44. פּשוט אַן אַנטיסעמיט

איינמאָל קומט אַ ייד אויפן וואָקזאַל און וויל קריגן אַ בילעט אַרויסצוציען אויף דעם פעראָן ווייזט מען אים אָן, ער זאָל צוגיין צום אויטאָמאַט, וואָס שטייט דאָרטן, אַריינוואַרפן אַהין פון אויבן אין שפּאַלט אַריין אַ זילבערנע צען-קאָפּיקעדיקע מטבע, וועט באַלד פון הינטן אַרויספאַלן אַ בילעט. דער ייד גייט-צו און טראַכט ביי זיך: וואו שטייט עס געשריבן אין דער תורה אַז מען מוז דווקא אַריינוואַרפן אַ מטבע פון צען, פאַרוואָס זאָל מען ניט יוצא זיין מיט אַ ביסל אַ קלענערע, נאָר פון פינף? נעמט ער און וואַרפט אַריין אַ זילבערנע פינף קאָפּיקעדיקע מטבע — און עס גייט דערפון גאָרניט אַרויס.

— הע — מאַכט ער מיט אַ שמייכל — ביסט אַן איינגעשפּאַרטער, ווילסט דווקא צען, ניט ווינציקער אַ פּרוטה, נו לאָז שוין זיין ווי דו ווילסט, און טשעפּע זיך אָפּ.

און ער נעמט נאָך אַ זילבערנע פינף-קאָפּיקעדיקע מטבע און וואַרפט אַריין — און עס גייט ווידער גאָרניט אַרויס.

— נו, וואָס ווילסטו איצט — טענהט שוין דער ייד מיט פאַרדראָס — ווילסט ניט אַנדערש, אַפּנים, ווי נאָך פינף קאָפּיקעס קנס פון מיר, מילא, זאָל מיינס איבערגיין. נאַ דיר און לאָז מיך געמאַך.

ער וואַרפט אַריין אַ דריטע פינף-קאָפּיקעדיקע מטבע — און עס העלפט אַלץ גאָרניט.

ווי דער ייד שטייט דאָ אַזוי פאַרוואונדערט און קאַכט זיך, קומט צו גיין אַ גוי, לאָזט אַראָפּ אין שפּאַלט איין זילבערנע צען-קאָפּיקעדיקע מטבע, און באַלד שפּרינגט אַרויס אַ בילעט.

װענדט זיך דער ייד צום גוי און בעט אים ער זאָל זיין אַזוי גוט און אים דערקלערן די זאַך: ווי קומט עס, וואָס איצט פאַר איינע צען קאָפּיקעס איז אויפן שטעל אַרויס אַ בילעט און אים קאָסט עס שוין אָפּ גאַנצע פופצן קאָפּיקעס און ער האָט ניט באַקומען קיין סימן אַפילו פון אַ בילעט.

און דער ייד דערציילט אים, ווי אַזוי די מעשה איז פאַרגעקומען.

דער גוי האָט אויסגעהערט און געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— ס'איז גאַנץ נאַטירלעך. וואָס הייסט, איר נעמט זיך מיט דעם דינגען? ס'איז דאָך מער ניט ווי אַן אויטאָמאַט...

— וואָס דערציילט איר מיר מעשיות: אויטאָמאַט־שמאַט — שלאָגט אים איבער דער ייד שטאַרק אויפגעבראַכט — האָסטו דיר אַוטאָמאַט! ס'איז גאָר פּשוט אַן אַנטיסעמיט, אַט וואָס...

45. נאָך ניט געקומען

אַ נאַדזיראַטעל באַגעגנט צוויי יידן אין קיעוו, אין יענער צייט ווען יידן האָבן דאָרט ניט געטאָרט וואוינען, שטעלט ער זיי אָפּ און גיט אַ פרעג איינעם פון זיי:

— ווען ביסטו אַהער געקומען?

— ערשט היינט אין דער פרי — ענטפערט יענער.

— נו, און דו — פרעגט ער דעם צווייטן.

— איך בין נאָך גאָר ניט געקומען.

— וואָס הייסט?

— גאָר פּשוט: אַז דער דאַזיקער איז שוין אין קיעוו עטלעכע וואָכן הייסט דאָס, היינט געקומען. נו, אַז איך בין טאַקע היינט געקומען, הייסט עס דען ניט, נאָך אַזאַ חשבון, „נאָך ניט געקומען"...

46. פאַרווערט

אין אַן אייזנבאַן־וואַגאָן זיינען געפאָרן צוזאַמען יידן מיט גוייִם. איינער פון די גוייִם האָט דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין שיטן שוועבל און פעך אויף יידן וועלכע זיינען אַזוינע און אַזעלכע, וואָס נאָר אין דער קאָרט שטייט. דערווייל האָט אַ ייד, וואָס איז געזעסן ביי דער זייט, געגעבן אַ גענעץ, רופט זיך אָן צו אים יענער גוי:

— וואָס האָסטו געעפנט אויף מיר אַזאַ מויל? האָסט, ווייזט אויס, שטאַרק חשק מיך איינצושלינגען?

— חלילה! — מאַכט דער ייד — אונדזער תורה פאַרווערט אונדז חזיר עסן.

47. אויף חידושים

אַ געוויסער אַנטיסעמיט איז געזעסן צווישן אַן עולם מענטשן, קריסטן און יידן, נעמט ער דערציילן מיט אַ חוצפּהדיקן געלעכטער:

— איינער אַ גוטער באַקאַנטער מיינער איז אויסגעוואָרן אַ וועלט, האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז אין ערגעץ ווייט אין אַפריקע איז פאַראַן אַ שטאָט אַזעלכע, וואו עס געפינט זיך ניט קיין צוויי מיני באַשעפענישן. ניט קיין יידן און ניט קיין חזירים.

— ווייסט איר וואָס — רופט זיך אָן איינער פון די יידן — איך בין געפאַלן אויף אַ טייערן איינפאַל: לאָמיר ביידע זיך אוועק־לאָזן אַהין, וועט מען אויף אונדז לויפן קוקן ווי אויף חידושים.

48. רעכטע און לינקע

— אַ יידישן ראַבינער אין דייטשלאַנד האָט מען איין מאָל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז די מעשה וואָס ביי יידן געפינען זיך תמיד אַזוי פיל לינקע?

— דאָס איז דערפאַר — האָט דער ראַבינער געענטפערט — וואָס יידן האָבן ניט קיין רעכטע.

49. „שלא עשני"

אַ פריץ האָט געפרעגט אַ יידן:

— פאַרוואָס עפּעס האָבן אייערע יידן אַזוי פיינט אונדז גויים, אַז דער ייד דאַנקט און לויבט גאָט אַלע אין דער פרי „שלא עשני גוי"?

דער ייד האָט לאַנג ניט געטראַכט און באַלד געענטפערט:

— אונדזערע ווייבער האָבן מיר געוויס ניט פיינט, פונדעסט־וועגן זאָגט אויך יעדער ייד אַלע טאָג „שלא עשני אשה".

50. קען זיין פנים ניט אָנקוקן

אַ יידישער זעלנער בשעת מלחמה, ווען זיין פּאָלק האָט זיך באַדאַרפט באַגעגענען מיטן שונא, איז ער אַנטלאָפן פונעם פראָנט. דערנאָך אַז מ'האָט אים געכאַפּט און דער פּאָלקאָווניק האָט אים גענומען זידלען, וואָס ער האָט פאַרגעסן די שבועה צו דינען געטריי דעם קיסר, האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ גאַנץ ערנסטע מינע:

— איך בין אַ טרייער זעלנער און די שבועה מיינע האָב איך ניט געבראָכן; דאָס וואָס איך בין אַנטלאָפן איז נאָר דערפאַר וואָס איך האָב אַזוי פיינט דעם שונא, אַז איך קען זיין פנים ניט אָנקוקן.

51. אַ פריילעכע אָפּערע

דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר מאירבער האָט זיך אַמאָל געווענדט צום געוויסן הומאָריסט סאַפיר ער זאָל אים אָפן אַרויסזאָגן אַ מיינונג איבער די אָפּערעס זיינע.

— קיין גרויסער מבין אייגנטלעך אויף מוזיק בין איך ניט — האָט סאַפיר געענטפערט, נאָר דאָס קען איך אייך יאָ זאָגן באַשטימט, אַז די פריילעכסטע פון אַלע, האַלט איך, איז די אָפּערע „הוגענאָטן".

— די פריילעכסטע? — וואונדערט זיך דער קאָמפּאָזיטאָר.

— געוויס די פריילעכסטע — מאַכט דער הומאָריסט — אין דער אָפּערע קומט־אויס, אַז גויים שעכטן איינער דעם אַנדערן, און אַ ייד מאַכט אויף דעם מוזיק.

52. אַ שאָד!

אויף אַ וואָקזאַל אין רוסלאַנד האָט שפּאַצירט אַ רוסישער גענעראַל מיט אַ גרויסן הונט און יעדעס מאָל ווען ער איז געגאַנגען פאַרביי אַ יידישן סטודענט, וואָס איז געזעסן דאָרט אויף אַ באַנק, האָט ער אַ גלעט געטאָן דעם כלב זיינעם, רופנדיק אים דערביי „מאָשקעלי". דער סטודענט פלעגט בשעת־מעשה מאַכן אַ מינע מיט אַ שמייכל פון איינעם וואָס באַדויערט עפּעס און דערצו זאָגן:

— זשאַל, זשאַל (שאַדע, שאַדע).

דער גענעראַל איז געוואָרן נייגעריק צו וויסן, וואָס מיינט דערמיט דער יידישער סטודענט, טוט ער אים אַ פרעג: טשעוואָ טיעבע, זשיד, זשאַל (וואָס איז דיר, ייד, אַ שאָד?).

— געוויס איז אַ שאָד — מאַכט דער סטודענט מיטן זעלביקן שמייכל — אַזאַ גרויסער כלב... ווען ער הייסט ניט „מאַשקאַ" נאָר „איוואַן" וואָלט ער דאָך גאָר גרינג געקענט ווערן אַ גענעראַל.

53. אַ שאָד וואָס אַ יידישער נאָמען

אַ רב איז אַמאָל געפאָרן אויפן אייזנבאַן און אַקעגן אים איז געזעסן אַ גענעראַל מיט אַ גרויסן כלב, וועלכן ער האָט גערופן „איצקאַ".

— ווי געפעלט אייך, רבי — זאָגט דער גענעראַל דעם רב דער הונט מיינער?

— אַ פיינער הונט, מען קען נישט זאָגן — ענטפערט דער רב — אָבער שאַדע וואָס ער הייסט אַ יידישן נאָמען.

— וואָס הייסט, פאַרקערט!

— פאַרשטייט איר, דער יידישער נאָמען וועט אים שטערן צו ווערן אַ גענעראַל.

54. אויף אייער חתונה

דער גרויסער פילאָסאָף משה מענדעלסאָן איז געווען אַמאָל געלאַדן אויף אַ מאָלצייט צו איינעם פון די דייטשע פרינצן. געזעצט האָט מען אים אויף אַ בכבודיקן פלאַץ, צווישן צוויי גייסטלעכע, אַ קאַטוילישן און אַ פראָטעסטאַנטישן, נאָר מאכלים האָט מען אים דערלאַנגט באַזונדערע, ווייל מ'האָט געוואוסט אַז קיין טריפהם עסט ער נישט. ביים עסן רופט זיך אָן דער קאַטוילישער גייסטלעכער צום יידישן פילאָסאָף:

ליבער הער פילאָסאָף, ווען וועט איר שוין מעגן עסן מיט אונדז צוזאַמען די זעלביקע מאכלים?

— אויף אייער חתונה — ענטפערט מענדעלסאָן קורץ און שאַרף.

55. מיר האָבן די מיליאָנען

אין דער צייט ווען אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַר־שאַרפן דער יידנהאַס, איז דער געוויסער אַנטיסעמיט, דער פאַסטאָר שטעקער, געשטאַנען און געפרעדיקט פאַר זיינעם אַ קליינעם עולם:

— קוקט ניט דערויף — זאָגט ער — וואָס מיר זיינען דאָ איצט ווינציק; פיל, זייער פיל זיינען מיטן האַרצן מיט אונדז, און מיר מעגן זאָגן, אַז מיר האָבן אונדזערע טויזנטער און צענטויזנטער.

רופט זיך אָפּ איינער אַ ייד, וואָס איז געשטאַנען דערביי:

— און מיר, הער פּאַסטאָר, האָבן די מיליאָנען!

56. דריי קשיות

אַ גלח האָט אַ וויכוח געהאַט מיט אַ יידן. פרעגט ער אים דריי קשיות:

— ערשטנס, פאַרוואָס זאָגן יידן אין זייערע תפילות „אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב" און ניט „אלהי משה"; משה איז דאָך ביי יידן גערעכנט פאַרן גרעסטן געטלעכן מאַן?

צווייטנס, אויב יידן זיינעןווירקלעך אַזעלכע חשובים ביי גאָט, ווי זיי זאָגן, פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי אָרעם און דערשלאָגן, אין דער צייט וואָס די גויים זיינען רייך און עס לעבט זיך זיי אַזוי גוט?

דריטנס, פאַרוואָס איילט זיך אַזוי דער ייד אויסצוגעבן זיין טאָכטער פאַר דער צייט, ווען זי איז נאָך כמעט אַ קינד, איז עס דען ניט משונה און ווילד?

דער ייד האָט אים געענטפערט אויף אַלע דריי קשיות:

— „אלהי משה" זאָגן יידן ניט דערפאַר, ווייל דער גרויסער משה האָט אויף זיך געהאַט אַ גרויסן פלעק: ער האָט אַ גלח געהאַט פאַר אַ שווער.

גויים זיינען רייך דערפאַר, ווייל זייער גאָט איז געשטאָרבן, האָבן זיי באַקומען אַ רייכע ירושה; דער יידישער גאָט אָבער לעבט און יידן זיינען ניט קיין יורשים.

און דאָס וואָס אַ ייד כאַפּט זיך חתונה צו מאַכן די טאָכטער זיינע, נעמט זיך דערפון, וואָס ער פילט גוט, אַז צוליב איין אַלטע מויד האָבן יידן צרות עד־היום.

57. אַן עושרס זון

אַ קאַרדינאַל, דערציילט מען, האָט זיך איין מאָל געווענדט צום געווסן פּראָגער רב מיט אַזאַ שאלה:

— וויבאַלד איר יידן גלויבט שטאַרק אין גאָט, ווי קומט עס

איר זאָלט ניט גלויבן אין גאָטס זון; געוויינלעך, האָט דאָך אַ גרויסן עושרם אַ זון קרעדיט צוליב דעם פאָטער?

— אמת טאַקע — האָט דער פראָגער רב דערויף געענטפערט

— אָבער ווי אַזוי, פרעגט זיך, קען מען געטרויען דעם זון פון אַזאַ עושר, וואָס וועט קיין מאָל ניט שטאַרבן?

58. מיין גאָט איז געבליבן לעבן!

אַ ייד האָט געוואוינט אין שכנות מיט אַ גוי, אַ הויז לעבן אַ הויז, מאַכט זיך איינמאָל בייגאַכט אַ שרפה אוןביידע הייזער זיינען אַוועק מיטן פייער. אויף מאָרגן באַגעגענען זיך ביידע אָפּגעברענטע, דער גוי גייט אַרום ווי אָן אַ קאָפּ און דער ייד איז רואיק און לעבעדיק גלייך ווי פריער.

— איך קוק אויף דיר און וואונדער זיך — זאָגט דער גוי צום יידן — איך בין געוואָרן אוים מענטש, און דיר, ווייזט־אוים, הייבט דער אומגליק גאָר ניט אָן צו אַרן!

— וואָס גלייכסטו מיך צו דיר? — ענטפערט דער ייד — ביי דיר אין שטוב איז פאַרברענט געוואָרן דיין גאָט אויך; מיין גאָט אָבער איז געבליבן לעבן!

59. „איך ווייס ניט״

אין אַ שטאָט אין דייטשלאַנד האָט אַמאָל דער בישאָף אַרויס־געלאָזט אַ גזירה, אַז די יידן מוזן שיקן איינעם פון זיי אין אַ באַשטימטן טאָג כדי צו האָבן אַ וויכוח מיט אַ געווײַסן גלח, אַ גרויסער קענער פון ביבל, וועגן אמונה־זאַכן. דער וויכוח וועט פאָרקומען עפנטלעך אויפן מאַרק פאַרן גאַנצן עולם. און דער פון די צוויי, וואָס וועט בלייבן באַזיגט וועט עס אים קאָסטן דאָס לעבן. אַ גרויסע אימה איז געפאַלן אויף די יידן, מ׳האָט גוזר תענית געווען און בית־דין האָט געלאָזט אויסרופן, אַז ווער פון די יידן עס קען און וויל פירן דעם וויכוח מיטן גלח זאָל באַלד קומען און זיך מעלדן ביים רב. פון אַלע יידן אָבער האָט זיך אַרויסגערופן נאָר איין שניידער. די זאַך האָט אַפילו ניט שטאַרק געפּאַסט אַרויסצושטעלן פון יידן אַזאַ פאַרשוין, נאָר וואָס קען מען מאַכן? קיין אַנדערער האָט זיך פאָרט ניט געפונען, וואָס זאָל וועלן איינשטעלן זיך דאָס לעבן, און דער שניידער איז גרייט אומצוקומען אויף קידוש־השם.

דער באַשטימטער טאָג איז געקומען, אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן מאַרק-פּלאַץ לויט דעם בישאָפס באַפעל. דער בישאָף ווענדט זיך צום יידישן פאָרשטייער, ער זאָל אָנהויבן דעם וויכוח. פרעגט דער שניידער דעם גלח:

— פריער פון אַלץ זאָגט, אויב איר זענט יאָ אַזאַ קענער, וואָס הייסט אויף לשון-קודש „לא ידעתי"?

— איך האָב ניט געוואוסט — ענטפערט דער גלח — דאָס הייסט: איך ווייס ניט.

— אַהאַ! — שרייט-אויס דער שניידער מיט אַ קול פון נצחון. ער פרעגט צום צווייטן מאָל און צום דריטן מאָל, און דער גלח ענט-פערט אַלץ: „איך ווייס ניט".

דער בישאָף האָט געהערט, אַז דער גלח איז זיך אַליין מודה, אַז ער ווייס ניט, האָט ער באַלד געהייסן אָפּשטעלן דעם וויכוח. דעם גלח האָט מען געטאָן זיין פּסק, און די יידן זיינען געגאַנגען אַהיים מיט גרויס שמחה.

מיט גרויס כבוד האָט מען געפירט דעם שניידער צום רב, פרעגט אים דער רב, ווי אַזוי איז ער עס געפאַלן אויף אַזאַ שפּיצל צו מנצח זיין דעם גלח?

— איך וועל אייך זאָגן, רבי — ענטפערט דער שניידער — אויף „אל ידעתי" האָב איך געזען, אַז דער טייטש-חומש מאַכט „איך ווייס ניט", נו, האָב איך מיר געטראַכט: וויבאַלד דער הייליקער טייטש-חומש אַליין זאָגט דערויף „איך ווייס ניט", וועט דער דאָזיקער ערל-טמא געוויס ניט וויסן...

60. צוויי שותפים

איינמאָל איז אַ פּריץ צוגעשטאַנען צו זיין אַרענדאַר, ניט אַנדערש ער זאָל גלויבן אין אַלץ וואָס ווערט דערציילט אין עוואַנ-געליום. דער ייד זעט אַז דער פּריץ שטייט ניט אָפּ פון אים, רופט ער זיך אָן:

— יאָ, ס'איז געמאַכט, נאָר איך מוז מצרף זיין דערצו מיינעם אַ שותף, מיט וועלכן איך האַנדל שוין אַ סך יאָרן.

דער פּריץ איז אויף דעם איינגעגאַנגען. אויף מאָרגן קומט דער ייד מיטן קריסטלעכן שותף צום פּריץ און זאָגט:

— הער-זשע, פּריץ, ווי איר ווייסט, זיינען מיר ביידע צוויי

גלייכע שותפים, וועל איך איצט מיט אים אַט דעם נייעם עסק אויך מאַכן האַלב אויף האַלב: אַז מרים איז געווען אַ בתולה — דאָס גלויב איך, און די צווייטע העלפט אַז זי האָט געהאַט יאָסען פון רוח הקדוש — דאָס גלויבט מיין שותף; אַז יעזוס מיט 40 תלמידים זיינען געווען הונגעריק — דאָס גלויב איך, און אַז זיי האָבן זיך מיט דריי ברויט אַלע זאַט אָנגעגעסן — דאָס גלויבט מיין שותף; אַז מען האָט יעזוסן געקרייציקט — דאָס גלויב איך, און אַז ער איז דערנאָך ווידער לעבעדיק געוואָרן און אַרויף אויפן הימל — דאָס גלויבט מיין שותף.

61. גאָט אין הימל

דער לובלינער מגיד ר׳ בעריש האַלפערין איז געזעסן אין תפיסה פאַר עפּעס אַ בלבול וואָס מ׳האָט אויף אים אויסגעטראַכט. מיט גרויס השתדלות האָט ער געפּועלט מ׳זאָל אים לאָזן האַלטן ביי זיך טלית און תפילין צום דאַוונען. און געדאַוונט האָט ער תמיד הויך אויף אַ קול. דער עלטסטער פון תפיסה האָט עס נישט געוואָלט ליידן. פרעגט ער אים אַמאָל!

— פאַרוואָס שרייסטו אַזוי אויף קולות בשעת דיין תפילה פאַר גאָט?

— אַזוי דאַוונען מיר יידן — ענטפערט ער.

— קענט איר דען ניט — פרעגט אים ווידער דער עלטסטער — דאַוונען שטיל ווי מיר?

— די מעשה איז — ענטפערט דער מגיד — איר האָט אייער גאָט גאָר נאָענט אויף דער וואַנט, קענט איר דאַוונען שטיל; אונדזער גאָט אָבער איז גאַנץ הויך, אויפן זיבעטן הימל, מוזן מיר דאַוונען הויך אויף אַ קול.

62. ער פאַרשטייט באַלד

אַ רוסישער אונטער־אָפיציר האָט געלערנט אַ חברה רעקרוטן מאַרשירן.

— ווען איך וועל זאָגן איינס, צוויי, דריי, שטעלט פאַראויס די לינקע פוס און מאַרשירט.

ווי דער אונטער־אָפיציר האָט דערנאָך גענומען זאָגן „איינס"

כאַפּט אַ יידישער רעקרוט און הויבט־אָן מאַרשירן. צעשרייט זיך אויף אים דער אונטער־אָפיציר:

— איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך דאַרף פריער זאָגן: איינס, צוויי, דריי!

— יאָ, — ענטפערט דער יידישער רעקרוט — וואָס גלייכט איר אָבער מיר צו זיי? די גראָבע פּויערים פאַרשטייען ניט און מוזן וואַרטן ביז איר זאָגט „דריי". איך אָבער פאַרשטיי באַלד וואָס איר מיינט, גלייך ווי איך הער „איינס".

63. וואָס איז דאָ דער חידוש?

געווען אַ ייד אַ למדן וואָס זיצט טאָג און נאַכט אין קלויז און לערנט און ווייס ניט און וויל ניט וויסן פון קיין צורת־מטבע. די פרנסה־געבערין איז געוויינלעך די פלונית זיינע, וועלכע האָט זיך איר אייגנס אין מאַרק אַ געוועלבל און ציט דערפון די חיונה פאַר דער גאַנצער שטוב, אַזוי אַז זי זאָרגט פאַר עולם־הזה און ער פאַר עולם־הבא.

נאָר איין מאָל אין וואָך זונטיק, ווען ס'איז אַ מאַרק־טאָג און עס קומען־אָן פון אַלע אַרומיקע דערפער פּויערים און פּויערטעס אויף קויפן און פאַרקויפן, דעמאָלט מוז דער מאַן אַוועקלעגן אין אַ זייט דאָס לערנען און אויך קומען אין געוועלבל, ניט חלילה, אויף העלפן צום פדיון, נאָר גלאַט אַזוי צו זיין אַ שומר און אַכטונג געבן אויף די גויים, מען זאָל ניט אינעם טומל עפּעס נעמען און אַוועקלקחענען.

זיצט ער אַזוי איין מאָל אין אַ זונטיק און זעט ווי אַ גוי שלעפּט אַ פּעקל פון געוועלבל. קוקט ער און שווייגט, גלייך ווי עס געהער צו אים ניט אָן.

דערזעט עס אָבער די אשת־חיל און פאַלט־אָן אויפן מאַן מיט קולות:

— וואָס זיצסטו ווי אַ גולם? זעסט ווי דער ערל האַלט ביים גנבענען...

— נו, נו, — מאַכט ער קאַלטבלוטיק — וואָס לאָזט ער מיר דאָ הערן? וואָלט דער רב, חס וחלילה, גענומען עפּעס פרעמדס, וואָלט געווען אויף וואָס זיך צו חידושן, אָבער אַז אַ גוי, להבדיל, וויל עפּעס אַוועקלקחענען — וואָס איז דאָ דער חידוש?

64. אַ צוגאָב

אַ בישאָף האָט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן אין דריי טעג אַרום שיקן צו אים איינעם פון זיי, ער זאָל מיט אים פירן אַ וויכוח מכוח זייער אמונה, און אויב דער יידישער שליח וועט ניט וויסן צו ענטפערן אויף זיינע שאלות, וועלן אַלע יידן זיך מוזן אויס־שמדן. די דריי טעג האָבן אַלע יידן געפאַסט און תפילה געטאָן צו גאָט, ער זאָל זיי ביישטיין אין דער נויט און אַרויסהעלפן פון דער גרויסער צרה — נאָר נעמען אויף זיך צו גיין אויף אַ וויכוח מיטן בישאָף האָט קיינער ניט געוואָלט. צום סוף האָט זיך אַרויסגערופן אַ פשוטער בעל־עגלה:

— רבותי, איך בין גרייט צו גיין, שיקט מיך. וועל איך מיט גאָטס הילף דעם רשע מנצח זיין — איז געוויס גוט; אויב ניט חלילה, קענט איר זאָגן, אַז מנצח זיין אַ בעל־עגלה איז קיין קונץ ניט, און איר וועט שיקן אַן אַנדערן.

יידן האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט דערויף באַשטיין.

אַז דער בישאָף האָט דערזען ווער ס'איז געקומען מיט אים אין נאָמען פון די יידן אַ וויכוח צו האָבן, רופט ער זיך אָן צום יידישן שליח מיט אַ שמייכל:

— הער נאָר אויס, מאַשקע, וואָס איך וועל דיר זאָגן: דו קענסט מיינע צוויי שוואַרצע פערד, באַקומסטו זיי פון מיר אַ מתנה, אויב דו וועסט דער ערשטער מיטן פרייען ווילן פאַרבייטן דיין יידישע רעליגיע אויף אונדזערע.

— איך בעט דעם הער בישאָף מיך אויסצוהערן אַ פּאָר ווער־טער — רופט זיך אָן דער בעל־עגלה — געהאַט האָב איך אַ טאַטן, אויך אַ פשוטער בעל־עגלה, נאָר אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ קלוגן מענטשן. פאַרן טויט האָט ער מיך צוגערופן און האָט מיר אַזוי געזאָגט: זון מיינער, איך גיי פון דער וועלט, קיין רייכע ירושה איבערצולאָזן דיר פאַרמאָג איך ניט, ניט קיין געלט און ניט קיין שטיקל נחלה, אויסער אַ פּאָר פערדלעך. נאָר איין זאַך זאָג איך דיר אָן, וואָס וועט דיר זיין שטאַרק נוצלעך אין לעבן, זאָלסט ניט אַריינ־פאַלן אין אַ צרה. ווען דו וועסט קומען אויף אַ יאַריד און דו וועסט וועלן פאַרבייטן דיינע פערד אויף אַנדערע, זאָלסטו זיך האַלטן ביי דעם דאָזיקן כלל: אויב דער ציגיינער, וואָס וויל מאַכן מיט דיר אַ

בייט, פֿאַדערט ביי דיר אַ צוגאָב, מעגסטו מיט אים אונטערהאַנדלען, מעגלעך, אַז זיינע פערדלעך זיינען טאַקע בעסער פון דיינע; אויב אָבער פאַרקערט, דער ציגיינער כאַפּט באַלד דיר פאַרצולייגן אַ צוגאָב — אַנטלויף פון אים, אַ סימן אַז זיינע פערדלעך זיינען פיל ערגער פון דיינע און טויגן גאָר אויף כפרות...

65. אַ מענטש קען ניט וויסן

דער באַרימטער פראַגער רב ר׳ יונתן אייבשיץ איז געווען אַ מקורב למלכות. דער מלך פלעגט ליב האָבן אַמאָל מיט אים צו שמועסן און הערן פון אים דברי חכמה.

איינמאָל גייט ר׳ יונתן אין בית־המדרש, פאָרט דורך דער מלך, און ווי ער האָט דערזען דעם רב הייסט ער אָפּשטעלן די קאַרעטע און גיט אים אַ פרעג וואוהין ער גייט.

— איך וויים ניט, אַדוני קיניג! — ענטפערט דער רב.

ווערט דער מלך אויפגעבראַכט און הייסט ר׳ יונתנען אריינזעצן אין תפיסה.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען דער כעס איז דעם מלך אָפּגעגאַנגען, הייסט ער ברענגען פאַר זיך דעם רב און פרעגט אים:

— ווי פאַלט אים עס אוים אַזוי צו ענטפערן? ווייסט ער דען ניט אַז צו מאַכן שפּאַס מיט אַ מלך איז אַ פאַרברעכן?

— חלילה!—ענטפערט ר׳ יונתן—קיין מאָל וואָלט איך זיך ניט דערלויבט צו טרייבן קאַטאָוועס מיט אונדזער קיניג. געמיינט האָב איך עס גאַנץ ערנסט. קען דען אַ מענטש וויסן וואוהין ער גייט. אָט בין איך געגאַנגען אין בית־המדרש און אַנגעשפּאַרט אין תפיסה.

66. בעסער צוויי גויים

צוויי גאַליצישע חסידים האָבן געהאַט אַ שאַרפן וויכוח מיט אַ ליטוואַק. אַ פאַרברענטן מתנגד, וועגן חסידות.

צעהיצט זיך דער ליטוואַק מיט אַ געשריי:

— וואָס האָט מען צו רעדן מיט צוויי גויים?

רופט זיך אָן איינער פון די חסידים:

— כעס טויג ניט, כעס איז עבודה זרה. הערט בעסער אוים אַ תורה: ביי רבקהן שטייט געשריבן „ויתרוצצו הבנים בקרבה. ותאמר אם כן למה זה אנכי, ותלך לדרש את ה׳. ויאמר לה ה׳ שני

גויים בבטנך". די דאָזיקע פּסוקים זיינען פול מיט קשיות, דער אמתער פּשט איז אָבער אַזוי: רבקה האָט דערפילט אַז דער בחור ביי איר איר בויך איז עפּעס אַ מאָדנע בריה, וואָס צאַפּלט מיט אַלע אברים אַרויסצוגיין אי ביי אַ שול אי ביי אַ טומאה להבדיל. איז איר אַריין אַ געדאַנק אַז עס מוז זיין ניט אַנדערש ווי אַ ליטוואַק, איז זי געווען אין איינע צרות און געזאָגט: אם כן, אַז פונעם גרויסן צער פון טראָגן וועט אַרויס אַ ליטוואַק, למה זה אנכי — וואָס טויג מיר אין גאַנצן דער עסק? אַז מ'האָט אָבער געזאָגט: שני גויים בבטנך — צוויי גויים זיינען אין דיין בויך, האָט זי זיך געפונען שטאַרק גע־טרייסט, דאַנקען גאָט — האָט זי געזאָגט — בעסער צוויי גויים איי־דער איין ליטוואַק.

משומדים

67. אַ ייד שמדט זיך ניט

צו איינעם אַ רב איז מען געקומען און מען האָט דערציילט, אַז אַ ייד פון דעם שטעטל האָט זיך געשמדט.

— אַ ייד! — שרייט אויס דער רב — שקר וכזב. אַ ייד שמדט זיך ניט!

68. פיר משומדים

פיר משומדים זיינען געזעסן צוזאַמען און געשמועסט. נעמען זיי דערציילן, צוליב וואָס יעדער באַזונדער פון זיי האָט זיך געטויפט.

איינער דערציילט, אַז ער האָט אויף זיך געהאַט עפּעס אַ שרעק־לעכן בלבול, און כדי צו באַפרייען זיך פון אַ גרויסן עונש האָט ער קיין אַנדער עצה ניט געפונען, ווי נעמען און זיך אָפּשמדן.

דער צווייטער דערציילט, אַז געוואָרן איז ער אוים ייד נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיט די עלטערן זיינע, וועלכע האָבן אים געטאָן צום טויט פאַרוואָס ער איז ניט פרום ווי זיי האָבן געוואָלט, און ער האָט זיי דערמיט פשוט געוואָלט אָנטאָן אַ צו־להכעיס.

דער דריטער דערציילט אַ גאַנצע מעשה פון אַ הייסער ליבע צו אַ קריסטלעך מיידל, אַ זעלטענע פאַרשוין מיט אַלע מעלות, וואָס האָט אים געבראַכט דערצו ער זאָל זיך טויפן, כדי ער זאָל קענען פאַר איר חתונה האָבן.

צום סוף רופט זיך אָן דער פערטער:

— איך, זעט איר, האָב זיך ניט געשמדט צוליב קיין שום זייטיקע סיבה, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס איך בין געקומען, ווי איר זעט מיך אַ קריסט, צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז די קריסטלעכע רעליגיע שטייט העכער...

— דאָס — שרייען־אויס יענע דריי אין איין קול — גיי, זיי מוחל דערציייל זיי, די גויים.

69. שווער צו זאָגן „כשר"

ר' הירש לייב וואָלאָזשינער, איז אַמאָל געזעסן און געשמועסט מיט אַ פּאָר ווילנער משכּילים וועגן יידישע ענינים פון כּלל־זאַכן. איז צו־רייד געקומען וועגן אַ געוויסן משומד פּראָפעסאָר חוואָלסאָן וואָס האָט זיך שטאַרק אָוועקגעלייגט פאַר יידן זיך משתדל זיין און טאָן טובות ווי ווייט ער האָט געקענט. רופט זיך אָן איינער פון די משכּילים:

— וואָס זאָגט איר, רבי, אויף אונדזער משומד? מען דאַרף זוכן אַזאַ אוהב ישראל.

— איך וויל אייך, — זאָגט ר' הירש־לייב — דערציילן אַ מעשה:

איין מאָל איז אַ ייד געוואָרן מסוכּן קראַנק. מ'האָט אַראָפּגע־בראַכט צום חולה די גרעסטע פּראָפעסאָרן, און זיי האָבן געפונען אַז די איינציקע רפואה זיינע איז עסן חזיר. דער חולה איז געווען אַ גרויסער ירא שמים און ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט הערן פון אַזאַ רפואה. ווערט אים אָבער ערגער און ערגער. לויפט מען צום רב, ער זאָל פּועלן ביים חולה צו טאָן ווי די דאָקטוירים הייסן. קומט דער רב און נעמט רעדן איבער דעם חולה אַז דאָ גייט וועגן פּקוח נפש, און אין אַזאַ פאַל קוקט מען ניט אויף קיין עבירה און מען מעג אַלעס.

נאָך לאַנג רעדן האָט דער רב געפּועלט און דער חולה האָט מסכּים געווען צו פאָלגן די פּראָפעסאָרן, נאָר איין זאַך האָט ער פאַרלאַנגט, אַז אַ שוחט זאָל כּאָטש דעם דבר אחר שחטן און דערנאָך בודקן ווי דער דין איז. טוט מען אים אַלץ צוליב, מען קויפט אַ דבר־אחר און דער שוחט שחט אים. דערנאָך איז מען בודק די ריאה. מאַכט זיך גראָד אַ שאלה, און מען שיקט פרעגן דעם רב. דער רב באַטראַכט די ריאה און שווייגט. פרעגט מען אים, צי ס'איז טאַקע אַן אמתע סירכא.

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט דער רב — ווען אַזאַ שאלה מאַכט זיך אויף אַ כּשרע בהמה איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן און איך וואָלט באַלד אויפן שטעל געפּסקנט: כּשר. אָבער דאָ קען

איך זיך קיין עצה ניט געבן: ווי קען זיך עפּענען דאָס מויל צו זאָגן „כשר” ווען איך ווייס אַז ס'איז אַ דבר־אחר.

70. דאָס טעפּל איז טריף

ווען זעלביקן משומד חוואלסאָן האָט מען געפרעגט אַמאָל ר' אליה־חיים לאַדזשער ווי ער האַלט פון אים, האָט ער דערציילט אַזאַ מעשה:

אַ פרומער ייד פון דער ליטע איז אַמאָל געקומען אין טיף רוס־לאַנד ווענן מסחר־זאַכן. האָט ער באַדאַרפט פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין אַ דאָרף וואו קיין ייד איז נישט געווען. וואָס עסט מען אָבער? איז ער זיך מישב: אַזוי ווי ער קען שחיטה און אַ חלף האָט ער אויך מיט זיך, וועט ער קויפן אַן עוף און שחטן און האָבן וואָס צו עסן.

האָט ער אַזוי געטאָן, אַלצדינג ווי דער דין, געשחטן, געווייקט, געזאַלצן און אַליין געקאָכט. דאָס עוף איז שוין פאַרטיק און ער וויל נעמען עסן, דערמאָנט ער זיך אַז געקאָכט האָט ער אין אַ טריף טעפּל, רוקט ער אַוועק דאָס עסן פון זיך און קרעכצט נעבעך:

— אוי, וואָס טויג מיר די גאַנצע כשרות, אַז דאָס טעפּל איז טריף!..

71. שלעכטע געשעפטן

אין פוילן איז אַמאָל געווען אַ מנהג אַז די קאַטוילישע קירכנ־געמיינדעס פלעגן שענקען יעדן יידן וואָס האָט זיך געשמדט, אַ דוקאַט. האָבן זיך געפונען אַזעלכע מיני שנאָרערס וואָס האָבן זיך געמאַכט דערפון אַ געשעפטל: גיין פון אָרט צו אָרט, זיך לאָזן אַלע מאָל אויף דאָס ניי אָפּשמדן און באַקומען אַ פרישן דוקאַט. ביז עס האָבן זיך דערוואוסט קריסטן פון דעם איינפאַל, האָבן זיי זיך אויס־געגעבן פאַר יידן און כלומרשט זיך געשמדט כדי צו באַקומען דעם דוקאַט.

אַז מ'איז געוואויר געוואָרן פון דעם שווינדל האָט מען אויפ־געהערט צו צאָלן דוקאַטן די משומדים.

קומט נאָך דעם אַ פּשוט יידל צו אַ גלח און זאָגט אים אַז ער וויל זיך טויפן. דערציילט אים דער גייסטלעכער פון דעם פאַרבאָט

ניט צו צאָלן מער קיין דוקאַט, לאָזט אַרויס דער ייד אַ קרעכץ און זאָגט:

— אַ שטיקל גרינג פאַרדינסטל האָבן מיר געהאַט, האָט מען דאָס אויך ביי אונדז אַוועקגענומען.

72. צוליב איבערצייגונג

דער געוויסער פּראָפעסאָר דניאל חוואָלסאָן, ווי מען דערציילט, האָט וועגן זיין טויפן זיך אויסגעדריקט אַזוי:

איך האָב זיך געשמדט צוליב איבערצייגונג, ווייל איך בין געווען פעסט איבערצייגט, אַז אין אַלע ציטן איז פיל גלייכער און בעסער צו זיין אַ פּראָפעסאָר אין פּעטערבורג איידער אַ מלמד ערגעץ־וואו אין שקלאָוו.

73. גלייך ווי גאָרנישט

וועגן דעם זעלביקן פּראָפעסאָר דערציילט מען נאָך, אַז איין מאָל האָט זיך צו אים געווענדט דורך אַ בריוו איינער פון די גרויסע רבנים מיט אַ בקשה ער זאָל זען אויסצונוצן זיין גרויסע השפּעה אין פּעטערבורג צוליב זייער אַ וויכטיקן ענין, וואָס איז נוגע צום יידישן כלל, און אויסגעלאָזט האָט דער רב זיין בריוו מיט די ווערטער: „כי לכך נוצרת" *).

דער פּראָפעסאָר האָט אים דערויף אָפּגעענטפערט מיט די ווערטער פון דער תפילה: „עד שלא נוצרתי איני כדאי, ועכשו שנוצרתי כאלו לא נוצרתי".

74. קיין מניעה נישט

אויף וואָלף טוגענדהאָלד, אַ דייטשער ייד, וואָס איז געווען אַ היפּשע צייט יידישער צענזאָר אין ווילנע, דערציילט מען, אַז זיינער אַ זון האָט אים אַמאָל געשריבן אין אַ בריוו, אַז ער האָט חשק זיך אָפּצושמדן, נאָר ער קווענקלט זיך נאָך אַ ביסל דערפאַר וואָס ער

*) ווייל צוליב דעם ביסטו באַשאַפן געוואָרן. מיטן וואָרט „נוצרת" האָט דער רב געמיינט נאָך אַן אַנדער באַדייטונג: ביסטו געוואָרן אַ נוצרי, ד. ה. אַ קריסט.

טראַכט איבער, טאָמער וועט עס אים, דעם אַלטן פאָטער, די זאַך ניט אַזוי שמעקן. דערויף האָט אים דער פאָטער געענטפערט קורץ און שאַרף:

— בעבורי אל תמנע מים*).

75. ווי אַזוי נעמט אַ ייד און שמדט זיך?

איינער אַ ייד איז געזעסן מיט הרחבה שבת ביים טיש און מיט גרויס הנאה געגעסן די שבתדיקע מאכלים פונעם טשאָלנט: דעם פעטצאַ מיט דער קאַשע און דעם פעטן קוגל, דערנאָך האָט ער זיך פיין באַלעקט און מיט אַ שיינענדיקן פנים געזאָגט:

— רבונו של עולם, אַך ווי גוט און וואויל ס'איז צו זיין אַ ייד! איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי נעמט אַ ייד און וואַרפט אַוועק אַזאַ רעליגיע און שמדט זיך אָפּ!

76. אַ „חיי־שעה"

איינער האָט געפרעגט אַן אָרעמען משומד זיינעם אַ באַקאַנטן:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָסטו דאָ אַזוינס בעסער געמאַכט? פריער ווען דו ביסט אַ ייד געווען, ביסטו געווען אַ קבצן, און אַלע פרייטיק פלעגסטו האָבן געברענטעליידן פון דיין ווייב דער־פאַר וואָס דו האָסט ניט געהאַט איר צו געבן אויף שבת, און איצט נאָכן אָפּשמדן זיך ביסטו געבליבן דער זעלביקער קבצן וואָס פריער, און דו באַקומסט די שיינע פּאַרציע פון דיין ווייב מיט אַ טאָג שפּע־טער, שבת הייסט עס, דערפאַר וואָס דו האָסט איר ניט צו געבן אויף זונטיק.

— נאַרעלע, וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט? — ענטפערט דער משומד — אַ „חיי־שעה" איז אויך גוט.

77. פון אַ גאַנדז אַ פיש

אַ קאַטוילישער גלח כאַפּט אַ פריש־צאַפּלדיקן משומד ווי ער זיצט זיך אין איינעם פון די פאַסטן־טעג און פּאַקט אויף ביידע באַקן אַ געבראָטענע גאַנדז. מאַכט ער אים אַ בייזן פאָרוואורף:

*) פון מיינטוועגן זאָלסטו ניט אויסמיידן קיין וואַסער (טויף־וואַסער).

— ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָסטו זיך ביי מיר גע־טויפט און איצט טוסטו אַזאַ זאַך, נעמסט און עסט אין פאַסטן־טאָג גענדזן־פליייש!

— חלילה, פאָטער! — זאָגט דער משומד מיט האַרץ — דאָס איז ניט קיין גאַנדז וואָס איך עס, נאָר פיש.

— קאַרג דיר, ווייזט־אויס, די עבירה, מאַכסטו נאָך דערצו שפּאָט אויך!

— חלילה, וואָס הייסט שפּאָט? איך האָב געקוקט אויף אייך, פאָטער, צוגעזען וואָס איר טוט און האָב אייך נאָכגעטאָן. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט איר מיר אַזוי געזאָגט: ביז אַהער ביסטו געווען אַ ייד, פון היינט־אָן ביסטו שוין אויס ייד נאָר אַ גוי. גאַנץ גוט. דאָס זעלביקע האָב איך אויך איצט געטאָן — גענומען די גאַנדז אין דער האַנט און געזאָגט: ביז אַהער ביסטו געווען אַ גאַנדז, פון היינט־אָן ביסטו שוין אויס גאַנדז נאָר אַ פיש.

78. שוין צופיל יידן

איינער פון די גרויסע יידישע באַנקירן אין ווין האָט זיך גע־טויפט און געוואָרן אַ פּראָטעסטאַנט. פרעגט מען אים:

— פאַרוואָס האָט איר בעסער ניט אָנגענומען די הערשנדיקע רעליגיע, די קאַטוילישע?

— איך מוז זיך מודה זיין — האָט ער געענטפערט — נאָך מיר קומט־אויס, אַז צווישן קאַטאָליקן זיינען פאַראַן שוין צופיל יידן.

79. אַ גויישער קרייז

אַן אָנגעשטעלטער פון אַ קראָם האָט זיך געטויפט, פרעגט מען אים:

— צוליב וואָס האָט דיר געטויגט דאָס שמדן זיך? מילא דער עלטערער ברודער דיינער, וואָס האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק גע־טויפט, ער איז אַן אַדוואָקאַט, האָט אים דאָס יידישקייט, קען זיין, געשטערט צו זיינע הויכע פּלענער אין לעבן, אָבער אַזאַ אָרעמער דינער ביי יענעם ווי דו, צו וואָס, אַ שטייגער, קען דיר נוצן דאָס „איבערקערן זיך"?

— איך מיינט — האָט ער געענטפערט — אַז איך האָב עס געטאָן צוליב זיך? ניין, טאַקע נאָר צוליב אים. צוליב מיין ברודער

דעם אַדוואָקאַט, מיט וועלכן איך וואוין צוזאַמען: זינט ער האָט זיך געשמדט גאַרט ער אַלץ זיך צו געפינען שטענדיק נאָר אין אַ גוייִשן קרייז.

80. אין אַ פרעמדער פעל

אַן אַדעסער באַנקיר אַ משומד האָט שטאַרק געגאַרט אויסצוגעבן זיין איינציקע טאָכטער פאַר אַן עכטן קריסט, אַזעלכער וואָס זיינע אָבות-אָבותינו זיינען געווען קריסטן. נאָר ווי ער איז געווען אַ מוצלח אין געשעפטן, האָט אים גראָד דאָס מזל ניט געשפּילט, און נאָך דעם ווי זיין טאָכטער איז אַ כלה געוואָרן ווערט ער געוואויר, אַז דער חתן איז, ווי אויף צו להכעיס, אויך אַ משומדס אַ זון. וואָס העלפט עס? אַ פאַרפאַלענע זאַך.

אויף דער חתונה איז געקומען צופאָרן דעם חתנס פאָטער מיט נאָך עטלעכע נאָענטע מחותנים, כמעט אַלע משומדים. דער כלהס פאָטער איז געווען גאָרניט געשטימט יום-טובדיק. און באמת. ווי האָט ער געקענט זיין אויפגעלייגט, אַז דער איינציקער טאָכטער זיינער קומט-אויס אויך אַריינצופאַלן אַלץ אין אַ יידישן קרייז? אין דער צייט פון חתונה-מאָלצייט, האָט ער זיך ניט געקענט איינ-האַלטן און אָוועקגערופן אין אַ זייט זיינעם אַן אַלטן גוטן ברודער, אויך אַ משומד, און זיך אַ ביסל אויסגערעדט פאַר אים זיין ביטער האַרץ. רופט זיך יענער אָן:

— לאָמיר זיך אַנידערזעצן, מחותן. קיינער שטערט אונז ניט דאָ אין ווינקל, וועל איך אייך דערציילן אַ קורצע נאָר אַ שיינע מעשה, וואָס האָט אַ געווויסן שייכות צו אונדזער איצטיקן שמועס. די מעשה האָט זיך פאַרלאָפן ניט לאַנג אין אַמעריקע. איר מעגט עס, כ'לעבן, אויסהערן:

אין ניו-יאָרק האָט איינער געעפנט אַ גרויסן טירגאָרטן, וואו ס'האָבן זיך געפונען אַלערליי זעלטענע חיות. אין די אַפישן, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, איז געווען אַרויסגעשטעלט, נאָך אַלע אַנדערע פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען, איין הויפּט-נומער, אַז אַ מענטש אָנגעטאָן אין פעל פון אַ לייב וועט אַריינגיין אין דער שטייג פונעם טיגער מיט אים זיך דאָרט צו ראַנגלען. און דאָס איז ניט געווען קיין פאַלשע רעקלאַמע. ס'איז ווירקלעך געלונגען דעם אייגנטימער פונעם טירגאָרטן צו קריגן איי-

נעם אַן אָרעמען יידן ערגעץ פון איישעשאָק, וואָס האָט שוין עטלעכע יאָר דורכגעאַנד געהונגערט אין אַמעריקע מיט זיין הויז־געזינד, און יענער איז באַשטאַנען זיך איינצושטעלן דאָס לעבן פאַר אַ היפּשע סומע געלט, אויף צו באַוואָרענען זיין פאַמיליע, אויב אים וועט, חלילה, באַשערט זיין אומצוקומען...

דער עולם איז געלאָפן צו זען דעם וואונדער, און דער טיר־גאָרטן איז געווען פול געפּאַקט. געקומען צום הויפּט־נומער, גייט אַרויס דאָס יידל, בלייך ווי די וואַנט און ציטערט מיט אַלע אברים, קריכט אַריין פאַר אַלעמען אין די אויגן אין דער פעל פון אַ לייב, נעמט ברומען און קריכן אויף אַלע פיר צום טיגערס שטייג, עפנט עם מיט אַ יאושדיקן אימפּעט און אַריין אַהין. דערזען לעבן זיך דעם שרעקלעכן טיגער, גיט אונדזער רב לייב אַ געשריי ניט מיט זיין קול „שמע ישראל!" — און אין דער זעלביקער צייט לאָזט זיך הערן פונעם טיגער דאָס אויסגעשריי „ה' אלהינו ה' אחד!"

— וואָס הייסט? ווי קען דאָס זיין? — פרעגט דער כלהם פאַ־טער פאַרוואונדערט.

— פאַרוואָס קען עס ניט זיין? — ענטפערט יענער — גאָר פשוט. ווער, מיינט איר, אַשטייגער, איז געווען דער טיגער? אויך טאַקע אַ פאַרשטעלטער. דאָס איז געווען אין פעל פון אַ טיגער אַן אָרעמער ייד פון שניפּישאָק. ס'איז שוין, אַפּנים — האָט ער געענדיקט מיט אַ ביטערן שמייכל — אַזאַ באַשערטע זאַך, אונדזערע יידן זאָלן זיין אַלץ פאַרשטעלטע אין אַ פרעמדער פעל.

81. געגליכן צו אַ זאַמד

אין אַ צייט ווען אין רוסלאַנד האָט זיך געשטאַרקט די שמד־מגפה און פיל יידישע יונגעלייט האָבן זיך געשמדט צוליב קענען אַריין אין אוניווערסיטעט אד"גל, — איז געקומען אַ יונגערמאַן צום לאָדזער ראַבינער ד"ר יעלסקי, פרעגן אַן עצה וואָס ער זאָל טאָן.

— וואָס איז אַ ביסל וואַסער? — זאָגט דער יונגערמאַן — ממש טאַקע גאָר נישט. קען איך דען ניט בלייבן דערנאָך דער אייגענער ייד וואָס פריער, און דערווייל זאָל איך אויפגעריכט ווערן?

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט אים ד"ר יעלסקי — אויב איר האָט אַמאָל געלערנט חומש דאַרפט איר וויסן אַז יידן זיינען גע־

גליכן צו זאַמד, און זאַמד וויפל מען זאָל עס ניט קערן פון איין אָרט אויפן אַנדערן בלייבט עס אַלץ זאַמד, קוים אָבער גיסט מען אויף דעם אַרויף אַ ביסל וואַסער — ווערט עס בלאָטע.

82. פריער דער חתן

צו אַ גרויסן שר, אַ באַוואוסטער צורר היהודים, וואָס האָט געחלומט אָפּצושמדן אַלע יידן, איז איין מאָל געקומען אַ יונג מיידל פון אַ יאָר 14-15 מיט אַ ביטע, מען זאָל באַפרייען איר פאָטער פון אַ בלבול. מיט פחד איז זי צוגעגאַנגען צום טיש, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען יעזוס אויף אַ גרויסן גאָלדענעם קרייץ. רופט זיך אָן צו איר דער שר, אָנווייזנדיק אויף יעזוסן:

— פריער גיב אַ קוש דעם חתן.

— ביי אונדז יידן — זאָגט דערויף דאָס מיידל — איז דער מנהג, אַז דער חתן דאַרף פריער אַ קוש טאָן די כלה.

83. געשווינד זיך אויסגעלערנט

צוויי יידן נאָענט-באַקאַנטע האָבן באַשלאָסן גיין צוזאַמען זיך אָפּצושמדן. געקומען צום הויז פונעם גלח איז ביי זיי פאַרבליבן, אַז פריער זאָל איינער אַריין און דורכמאַכן די גאַנצע צערעמאָניע פונעם שמד, און נאָך דעם, אַז ער וועט אַרויסגיין און איבערדערציילן ווי אַלץ קומט דאָרט פאָר, וועט דערנאָך אַריינגיין דער צווייטער און אָפּטאָן דאָס זעלביקע.

— נו, דערצייל, גוטער ברודער, ווי עס גייט צו דאָרט? — פרעגט דער ייד יענעם, וואָס איז אַרוים פונעם גלחס הויז שוין אַן אָפּגעשמדטער.

דער פרישצאַפּלדיקער משומד קוקט אָן דעם פריערדיקן חבר זיינעם ווי אַ ווילד-פרעמדן און שרייט אוים מיט רציחה:

— מיט אַ פאַרפלוכטן יידן וויל איך איבערהויפּט גאָר ניט רעדן!

— אוהאָ! — מאַכט יענער — אַזוי גיך און געשווינד זיך אויסגעלערנט! אָן עבירה, ווי איך בין אַ ייד, וואָס איך בין ניט אַריין דער ערשטער. דעמאָלט וואָלט איך דיר דאָס אייגענע געקענט זאָגן.

84. שוין געוואָרן אַזאַ אייזל

אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ גרויס געשעפט האָט זיך געטויפט, אויף מאָרגן קומט ער אין קאָנטאָר און פאַרנעמט זיך, ווי געוויינלעך, מיט שרייבן געשעפטס-בריוו. דער פּרינציפּאַל כאַפּט אַ קוק אויף איינעם פון די בריוו און געפינט דאָרט היפּשע פעלערן. רופט ער זיך אָן מיט פאַרדרוס:

— ערשט פיר און צוואַנציק שעה אַ גוי און שוין געוואָרן אַזאַ אייזל!

85. שווער זיך אָפּצוגעוואוינען

אין אַ באַנק-געשעפט זיצט מען יום-כיפּור ביי דער אַרבעט און ביי יעדן שטייט אַ גלאָז טיי מיט פאַרבייסן. נאָר דער אַלטער קאַסירער, אַ משומד שוין פון עטלעכע צענדליק יאָר, זיצט פאַר-שמאַכט און פאַרזוכט גאָר נים.

— וואָס איז מיט אייך? — פרעגט מען אים — וואָס נעמט איר גאָר ניט אין מויל? איר זענט עפּעס ניט מיט אַלעמען?

— ניין — ענטפערט ער — נאָר איך בין שוין אַזוי געוואוינט פון קינדווייז אָן דעם טאָג צו פאַסטן. שווער פאַר אַן אַלטן מאַן זיך אָפּצוגעוואוינען פון אַ לאַנגיאָריקער רגילות!

86. אַ פּראַקטישער מענטש

אַ דייטשער ייד איז געקומען צום פּאַסטאָר זיך טויפן און בעט דערביי ער זאָל אים איבערבייטן דעם נאָמען זיינעם.

— ווי אַזוי ווילט איר מען זאָל אייך רופן?

— מאַרטין לוטער.

— וואָס הייסט — וואונדערט זיך דער פּאַסטאָר — וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלן אויסצוקלייבן גראָד דעם נאָמען פונעם גרעסטן גרינדער פון אונדזער רעליגיע?

— איך וועל אייך זאָגן, הער פּאַסטאָר, איך אַליין הייס איצט מאַרקוס לעווי, ווייל איך, פאַרשטייט איר מיך, פאַרשפּאָרן איבערצו-בייטן אויף מיין וועש די מאָנאָגראַם.

87. פריער אַ פּראָטעסטאַנט

— אַ משומד, אַ פּראָטעסטאַנט, איז געקומען צו אַ קאַטוילישן גלח נאָך אַמאָל זיך אָפּשמדן אויף אַ קאַטאָליק.

— ווי אַזוי האָסטו ניט קיין בושה? — מוסרט אים דער גלח — אַזוי גרינג נעמט מען אויסבייטן אַ רעליגיע! ערשט ניט לאַנג, זאָגסטו אַליין, ביסטו געוואָרן אַ פּראָטעסטאַנט, און איצט קומסטו און ווילסט שוין ווערן אַ קאַטאָליק.

— אויב איר ווילט וויסן דעם אמת, וועל איך אייך זאָגן — ענטפערט דער משומד — איצט קומט-אויס ניט אַזוי שיין, ווען איינער גיט מיר אַ פרעג, וואָס איך בין געווען פריער, איידער איך האָב זיך געטויפט. אָבער אַז איך וועל ווערן אַ קאַטאָליק וועט שוין זיין, מיט גאָטס הילף, אַלעס רעכט. איך וועל קענען גלייך ענטפערן: וואָס ביסטו? — אַ קאַטאָליק. — און פריער וואָס ביסטו געווען? — פריער אַ פּראָטעסטאַנט.

88. בעסער אויפהענגען אַ גוי

איינער אַ ייד איז צוליב אַן אמתן פאַרברעכן אָדער אַ פאַלשן בלבול פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען. ערב דעם טאָג וואָס ער האָט באַדאַרפט געהאַנגען ווערן, פרעגט מען אים, ער זאָל זאָגן וואָס זיין לעצטער פאַרלאַנג איז, וועט עס אים באַלד געטאָן ווערן.

— איך וויל זיך טויפן — זאָגט דער ייד.

געשווינדט האָט מען געלאָזט רופן אַ גלח, וואָס האָט דעם יידן אָפּגעשמדט. אויפן אַנדערן טאָג גאַנץ פרי קומט ווידער דער זעל-ביקער גלח אים צו באַגלייטן אויף דער אמתער וועלט, טרייבט אים דער פרישער משומד פון זיך מיט זידלעריי. קומט אַריין דער אויפ-זעער פון דער תפיסה אַן אויפגעבראַכטער און פרעגט אים:

— סטייטש, ערשט נעכטן האָסטו דאָך אַליין פאַרלאַנגט מען זאָל דיך טויפן, און היינט האָסטו אַזאַ העזה צו טרייבן פון זיך דעם גלח!

— אמת, איך האָב זיך געטויפט — ענטפערט דער ייד — נאָר דאָס האָב איך גאָר געטאָן צוליב אַן אַנדער זאַך: געוואָלט האָב איך, אַז וויבאַלד ס'איז שוין אַרויס אויף מיר אַזאַ גזירה געהאַנגען צו

ווערן, איז איידער מען זאָל הענגען אַ יידן זאָל מען בעסער אויפהענגען אַ גוי.

89. כאַטש זיין אַ פרומער קריסט

אַ ייד אַ סוחר איז פאַרפאָרן אין אַ דאָרף און איבערגענעכטיקט דאָרט ביי איינעם פון די דאָרפס־יידן. אויף מאָרגן הערט ער ווי די באַלעבאָסטע, אַן אַלטע יידענע, וועקט שטאַרק אַ יונגן גוי:

— היי, גרישקאַ, ווסטאַן, זוואָניאַט איוו קאָסטיאָל! (היי, גרישקאַ, שטיי־אויף, מען קלינגט אין קלויסטער).

וואונדערט זיך דער סוחר: ווי קומט עס וואָס די יידענע לעגט זיך אַזוי אַוועק, דער גוי זאָל חלילה ניט פאַרשפּעטיקן צו גיין אין קלויסטער? און ער פרעגט זי דעם פירוש דערפון.

— גרישקאַ — ענטפערט זי — דאָס איז טאַקע מיין אייגענער זון, מיין בן־יחיד, ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין פרומער ייד, לאָז ער כאַטש זיין פרומער קריסט.

90. ווען ווערט מען אַ ייד

אַ משומדס אַ קינד פרעגט דעם פאָטער:

— פּאַפּאַ, זאָג מיר, ווען ווערט מען אַ ייד? איך בין אַ קריסט, דו נאָך אויך אַ קריסט, און דער זיידע איז שוין אַ ייד. ווען־זשע ווערט מען עס אַ ייד?

91. אַן ענטפער דעם רבונו של עולם

אַן אַלטער מאַן, וואָס זיין בן־יחיד האָט זיך געשמדט, באַגעגנט אַ נאָענטן באַקאַנטן און יענער נעמט אים זאָגן מוסר:

— דער שיינער בן־יחיד אייערער האָט זיך אָפּגעשמדט און געבליבן זיצן ביי אייך אין שטוב גלייך ווי פריער און איר טרייבט אים ניט אַרויס. וואָס וועט איר טאָן, אַלטער פרומער ייד, אַז עס וועט קומען די צייט ווען איר וועט זיך שטעלן צום משפּט פאַר גאָט, ברוך־הוא, און ער וועט פאָדערן פון אייך דין־וחשבון פאַר אייער בן־יחיד, דאָס תכשיטל, וואָס איז געוואָרן אַ גוי?

— וואָס וועל איך טאָן? — מאַכט דער אַלטער רואיק — איך וועל אים אָפּענטפערן גאָר קורץ:

— נו, רבונו־של־עולם, און דיין בן־יחיד?

92. די משפחה איז צו גרויס

אַ בלינדער ייד, וואָס פלעגט אַרומגיין מיט אַ קליין יינגל קלייבן נדבות, האָט אין איין שיינעם טאָג באַשלאָסן אָפּצושמדן זיך, אפשר וועט דורכדעם אים גרינגער ווערן צו לעבן אויף דער וועלט.

דאָס יינגל איז געווען גאָר ניט קיין נאַר, פירט ער אַוועק דעם בלינדן אין שול, דערציילט שטילערהייט דעם גבאי אין גאַנצן די מעשה.

גייט צו דער גבאי צום בלינדן אַלס גלח און זאָגט אים אויף רוסיש:

— איר ווילט אָננעמען אונדזער גלויבן און ווערן אַ קריסט. זייער פיין. אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז איר קענט ניט ווערן קיין קריסט ביז איר וועט אָפּצאָלן פאַר אייערע יידישע זינד. דערפאַר מוזט איר פריער באַקומען צען שמיץ.

דער בלינדער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: מסכים, הייסט עס. מילא, פון צען שמיץ שטאַרבט מען ניט.

לייגט אים דער שמש אַנידער אויפן טיש און ציילט אים אָפּ געשמאַקע צען שמיץ.

— דאָס איז — זאָגט דער גבאי — פאַר גאָטס מאַמע. איצט נאָך צען שמיץ פאַר גאָטס זון.

דערנאָך הייסט דער גבאי געבן נאָך צען שמיץ פאַרן הייליקן פּעטרוס, און דערנאָך פאַר אַן אַנדער הייליקן.

דאָ האָט דער בלינדער מער שוין ניט געקענט אויסהאַלטן.

— איציק! — טוט ער אַ געשריי צום יינגל — געשווינד פיר מיך אַרויס, די משפחה איז צו גרויס!

אַפּיקורסים און „משכּילים"

93. אַ יידישע שטאָט

אין אַ שטעטל האָט איינער באַגעגנט זיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס איז געקומען פון דער גרויסער שטאָט אָדעס, פרעגט ער אים:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ס'איז אמת וואָס די וועלט זאָגט, אַז אָדעס איז אַ גויישע שטאָט און צען וויאָרסט אַרום אָדעס ברענט דער „גיהינום"?

— פונקט פאַרקערט — ענטפערט יענער — אָדעס איז דווקא גאָר אַן עכט יידישע שטאָט. שטעלט זיך פאָר, איר גייט שבת אין גאַס און זעט ווי איינער אַ גלוח פאָרט זיך מעשה־פריץ אויף אַ דראָזשקע מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, מיינט איר דאָס געוויס, אַז דאָס איז אַ גוי — לאָזט זיך אויס, אַז אַפילו דער דאָזיקער איז אויך אַ ייד.

94. געפרעגט דעם רב

אַן אַפּיקורס איז אַרויסגעגאַנגען שבת אין גאַס מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. באַגעגנט אים איינער און נעמט אים זידלען:

— אַפּיקורס איינער, מחלל שבתניק בפרהסיה!

— וואָס שרייט איר אַזוי? — מאַכט דער אַפּיקורס — איך האָב דאָך געפרעגט דעם רב.

— נו און דער רב וואָס האָט געזאָגט?

— וואָס זאָל ער זאָגן? געזאָגט האָט ער, אַז מען טאָר ניט, הער איך אים טאַקע ווי דעם רב.

95. פאַרגעסן

איין מאָל אין אַ שבת בייטאָג כאַפּט אַ שווער דעם איידעם זיינעם ווי ער רויכערט אַ פּאַפּיראָס. פאַלט ער אויף אים אָן מיט אַ געשריי:

— גוי, מחלל שבתניק, משומד איינער!
— כ'לעבן, שווער, איך האָב פאַרגעסן.
— וואָס הייסט, ווי פאַרגעסט עס אַ ייד אַז ס'איז שבת?
— ניין, חס ושלום? אַזאַ זאַך וועל איך נישט פאַרגעסן.
— וואָס דען־זשע, האָסט אפשר פאַרגעסן, אַז אַ ייד טאָר ניט רויכערן אום שבת?
— חלילה! ווי פאַלט איך איין, שווער, אַז איך זאָל אַזוינס פאַרגעסן?
— וואָס־זשע דען פאָרט האָסטו פאַרגעסן?
— איך האָב פשוט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ ייד...

96. און דאָס מעג מען?

איינער אַ יידישער סוחר איז געקומען פון שטאָט אין דאָרף וועגן עפּעס אַ געשעפט צום פּריץ. געווען ביים פּריץ האָט מען אים געזאָגט, אַז קומען וועט ער אַהיים פונעם פעלד ערשט נאָך האַלבן טאָג. איז דער סוחר דערווייל אַריינגעגאַנגען אין אַ שטיקל אַכסניא, וואָס אַ יידענע אַן אַלמנה האָט געהאַלטן, צו באַשטעלן דאָרט פאַר אַ מיטיק.
— וואָס פאַר אַ מיטיק זאָל איך אייך צוגרייטן? — פרעגט זי אים.
— איך ווייס? זאָל זיין אַ הון געפּרעגלט אין פּוטער.
— וואָס רעדט איר? —זאָגט די יידענע ווי דערשראָקן, — מעג דען אַ ייד עסן אַ הון געפּרעגלט אין פּוטער?
— נו און וואוינען אין דאָרף — מאַכט דער סוחר — דאָס מעג דען אַ יידענע?

97. למען־השם אָפּהיטן

אַ יונגערמאַן אַ משכיל איז אַנטלאָפן פונעם קליינעם שטעטל, וואו דער פאָטער זיינער דער שוחט האָט אים ניט געלאָזט קיין קאָפּ אויפהייבן און פלעגט אים טאָן צום טויט דערפאַר, וואָס ער איז ניט געגנוג פרום. געקומען אין דער גרויסער שטאָט, האָט דער יונגערמאַן געכאַפּט און זיך אָפּגעגאָלט דאָס בערדל, און די האָר האָט ער גענומען און זיי פאַרוויקלט אין אַ פּאַפּיר און אָפּגעשיקט דעם פאָטער אין שטעטל מיט אַזאַ בריוול:
— טאַטע! געדענקסטו וויפיל מאָל דו האָסט מיר אָנגעזאָגט

מיטן הארבן ווארט איך זאל היטן מיין בארד. איך געפין זיך אבער איצט אין דער פרעמד און קען עס ניט היטן ווי געהעריק, דערפאר האב איך זיך מישב געווען און שיק דיר עס אפ אהיים, דו זאלסט אליין זען עס דארט למען־השם אפצוהיטן.

98. איך האב פארגעסן

אן איידימל אין א קליין שטעטל, האבן א פאר דורכגייענדיקע יידן דערזען דורכן פענצטער ווי ער רויכערט אום שבת. לויפן זיי אריין אין שטוב אין א רציחה: סטייטש, אזא הולטיי, וואו איז דער שווער? מען דארף אים עוקר מן השורש זיין.

— שאט, יידן, נישט אזא געפילדער, איך האב פארגעסן.

— וואס פארגעסן, אז ס'איז שבת?

— ניין, ניט דאס. איך האב פארגעסן אראפלאזן די פאר־האנגלעך.

99. איין קלייניקייט פארגעסן

א פאר חסידים קומען אריין שבת בייטאג צו שמערל סניט־קעווער (הערשל אסטראפאליער?) און כאפן אים רויכערן א פאפיראס. לויפן זיי אוועק מיט א געוואלד צום רבין ר' ברוך. דער רבי שיקט אים באלד רופן און פרעגט אים מיט כעס: ווי פאלט אים איין צו טאן אזא זאך?

— רבי — ענטפערט שמעריל — איך האב פארגעסן.

— וואס האסטו פארגעסן, הולטיי, אז ס'איז היינט שבת.

— ניין, דאס האב איך גראד ניט פארגעסן.

— וואס דען האסטו פארגעסן, אז א ייד טאר שבת ניט רויכערן?

— וואס הייסט, רבי, איך זאל גאר אזא זאך פארגעסן?

— נו זאג, וואס האסטו פארגעסן.

— פארגעסן צו פארשליסן די טיר.

100. צו פרי געמאכט הבדלה

דער רב ר' דוד פרידמאן איז געגאנגען איין מאל שבת אין א זומער־טאג מנחה־צייט אונטערן שטאט שפאצירן, באגעגנט ער עטלעכע היינטוועלטיקע יונגעלייט מיט פאפיראסן אין מויל. די

יונגע לייט האָבן זיך שטאַרק פאַרשעמט דערזעענדיק דעם רב.

— איי, קינדערלעך — מאַכט צו זיי דער רב — היינטיקס מאָל האָט איר צו פרי געמאַכט הבדלה.

101. אויפן עולם השקר

ר׳ עקיבא איגר גייט אַמאָל אין אַ שבתדיקן טאָג אין גאַס, טרעפט ער אַ יידישן בחור וואָס רויכערט אַ פּאַפּיראָס. רופט ער צו דעם בחור און פרעגט אים:

— דו האָסט פאַרגעסן, אַפּנים, אַז היינט איז שבת גדול?

— ניין, רבי — ענטפערט ער — איך ווייס בפירוש אַז היינט איז שבת.

— אפשר ווייסטו ניט דעם דין — פרעגט ווייטער ר׳ עקיבא איגר — אַז שבת טאָר מען ניט רויכערן?

— ניין, רבי, איך וועל קיין ליגן ניט זאָגן, איך ווייס בפירוש אַז מען טאָר ניט.

— אפשר ווייסטו ניט, ווי האַרב עס איז די עבירה פון רויכערן אום שבת — פרעגט ווייטער ר׳ עקיבא איגר.

— איך ווייס, איך ווייס אַלץ, קיין ליגן וועל איך ניט זאָגן.

— אויב דו ביסט יאָ אַזאַ מענטש פון הוילע אמת — רופט זיך אָן דער גאון — ביז וואַנען וועסטו זיך אַרומדרייען דאָ אויפן עולם השקר?

102. פאַר מתן-תורה

איינער פון די אַלטע אַפּיקורסים, וואָס פלעגן ליב האָבן זיך צו וויצלען אויף אַלץ אין דער וועלט און צוליב אַ שאַרף גלייכוווערטל קיין זאַך ניט געשוינט, האָט געפרעגט אַזאַ קשיא:

— פאַרוואָס האָט גאָט געהייסן די יידן אין מצרים פאַרן ערשטן פסח זיי זאָלן מאַכן אויף די טירן פון זייערע הייזער סימנים פון בלוט, כדי דער „פאַרדאַרבער" זאָל דורך דעם דערקענען די יידישע שטוב און זי איבערהיפּן, — איז דען פאַר אַ יידישער שטוב ניטאָ אָן אַלעמען סימנים: בערגלעך מיסט און שמוץ?

— דער תירוץ איז — האָט דערויף דער אַלטער אַפּיקורס אַליין געענטפערט — ס׳איז דעמאָלט נאָך געווען פאַר מתן-תורה...

103. דער יונגער אַפּיקורוס

אַ יונגערמאַן, אַ קליינשטעטלדיקער אַפּיקורס, איז געקומען צו אַן אַלטן אַפּיקורס אין אַ גרויסער שטאָט און בעט ביי אים, ער זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תורה פון אַפּיקורסות: דאָס הייסט, וואָס פאַר אַן עבירה פון די גרויסע און פעטע עבירות דאַרף ער טאָן, כדי ער זאָל האָבן די ווערט צו טראָגן דעם נאָמען פון גאָר אַן עכטן אַפּיקורס.

— זאָג, אַז קיין גאָט איז אויף דער וועלט ניטאָ — עצהט אים דער אַלטער אַפּיקורס.

— וואָס רעדט איר? — זאָגט דער יונגער מיט גרויס ציטער־נישט — איך האָב מורא דערויף זיך איינצושטעלן.

— נעם עסן טריפע מאכלים.

— מיין מאָגן קאָן עס ניט פאַרדייען פאַר קיין פאַל.

— נעם רויכערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת.

— איך רויכער ניט אַפילו אין דער וואָכן.

— אויב אַזוי — מאַכט דער אַלטער אַפּיקורס מיט אַן ערנסטער מינע — האָב איך פאַר דיר קיין אַנדער עצה ניט, נאָר דו זאָלסט אין אַ שיינעם שבתדיקן פרימאָרגן זיך אַנידערשטעלן אין אַ רשות־היחיד און פון דאָרטן טאָן דיין קליינע באַדערפעניש אין רשות־הרבים אַרוים...

104. אָן אַ ברכה

צוויי קליינשטעטלדיקע משכילים זיינען געזעסן און אַריינגע־לאָזט זיך אין אַ טיפע חקירה, אויב ס'איז פאַראַן אַ גאָט וואָס פירט די וועלט צי ניין? לאַנג האָבן זיי אַוועקגעחקירהט מיט פייער און ברען, געדרונגען און געבראַכט פאַרשיידענע באַווייזן, אַזוי און אַזוי, ביז זיי זיינען ביידע געקומען צו איין דעה, אַז קיין גאָט, קיין מנהיג פון דער וועלט, איז טאַקע ניטאָ. דערנאָך נעמט איינער אַ גלאָז וואַ־סער און וויל טרינקען, רופט זיך אָן דער צווייטער:

— נו און אַ ברכה?

שטעלט יענער אויף אים אָן אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, ווי איינער רעדט: וויבאַלד קיין גאָט איז ניטאָ, צו וואָס טויג די ברכה?

— איך פאַרשטיי — זאָגט דער — וואָס דו קוקסט מיך אַזוי

משונה אָן. נאָר עס געהער זיך גאָר ניט אָן, צי ס'איז דאָ אַ גאָט צי ניין, אָבער אָן אַ ברכה טרינקט נאָר אַ גוי, ניט קיין ייד.

105. אַ מיטל ניט צו פאַסטן

אַ געוויסער אַפּיקורס פלעגט זאָגן:

— ווען עס קומט אַ תענית האָב איך שוין מיין שטענדיקן מיטל ניט צו פאַסטן, און דווקא על-פי-דין. וואָס, מיינט איר, טו איך? איך נעם אַרויס די תפילין מיינע און לאָז אַרויסגליטשן פון דער האַנט אויף דער ערד דעם של-יד אַליין, און אויף דעם איז דאָך פאַראַן אַ בפירושער דין אין שולחן-ערוך: אויב מען וואַרפט אַראָפּ דעם של-ראש דאַרף מען פאַסטן, וואַרפט מען אָבער אַראָפּ דעם של-יד דאַרף מען ניט פאַסטן.

106. אַ יידישע המצאה

איינער אַן אַפּיקורס האָט געזאָגט:

— ס'איז נאָר צו באַוואונדערן די יידישע המצאות: אַז אַ ייד, אַ שטייגער, זאָל ניט קענען עסן אום תשעה-באב אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים באַוואָרנט: מען לייגט ערשט תפילין צו מנחה — היינט גיי נעם עפּעס אין מויל פאַר תפילין-לעגן!

107. ניט קיין מסוכנער חולה

איינמאָל איז געקומען אַ יידישער יונגערמאַן פון די אַקציזניקעס תשעה-באָב אין דער פרי פון דאָרף אין שטעטל פאַרפאָרן אין אַ יידישע אַכסניא און האָט געוואָלט באַשטעלן פאַר זיך אַ מיטאָק. דער בעל-אכסניא האָט דאָס דערהערט איז ער פאַרציטערט געוואָרן: סטייטש אַ ייד זאָל וועלן אַזוינס טאָן אום תשעה-באב! לויפט ער געשווינד אַוועק צום רב און דערציילט אים די מעשה. דער רב שיקט באַלד דעם שמש זיינעם רופן צו זיך דעם אַקציזניק, דעם הולטיי, און אַז יענער איז געקומען פאַלט דער רב אויף אים אָן:

— סטייטש, סטייטש, וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות? אַ קלייניקייט עפּעס, אום תשעה-באב וועלן עסן מיטאָק? וואָס, איר זענט קיין ייד ניט?

— רבי — זאָגט דער אַקציזניק געלאַסן — אָן כעס, ס'איז ניט

כדאַי, כלעבן, זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ. הערט מיך אויס, איך בין אַ ייד און ווייס גוט, גלויבט מיר, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. ווי איז דער דין, זאָגט מיר, ווען איך בין, אַ שטייגער איצט אַ מסוכנער חולה, מעג איך עסן?

דער רב הויבט אויף די אויגן, כאַפּט אַ קוק אויפן הויכן און פּעטן פּנים פונעם אַקציזניק און ענטפערט:

— חולה מסוכן, זאָגט איר, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. איר זענט דאָך אָבער ניט קיין חולה, הלוואי חוץ אייער שאָדן אויף אַלע יידישע קראַנקע געזאָגט געוואָרן!

— הייסט עס, רבי — מאַכט דער אַקציזניק — אַז עסן אייגנט־לעך איז מיר ניט פאַרווערט אַפילו היינטיקן טאָג אויך, נאָר וואָס דען, אייך קוועטשט אין גאַנצן פאַרוואָס איך בין ניט דערצו קיין מסוכנער חולה. פרעג איך אייך, רבי, ווי שעמט איר זיך ניט צו זאָגן, אַז אייך אַרט וואָס אַ יידישער יונגערמאַן איז, ברוך השם געזונט?

108. נאָך אַ טויזנטער

תשעה־באב אין דער פרי באַלד נאָך די קינות קומט איינער אויף זיין אַכסניא און בעט די בעל־הביתטע זי זאָל אים צוגרייטן עפּעס אָנבייסן.

— וואָס רעדט איר? וואונדערט זיך די בעל־הביתטע — איר האָט אַפּנים פאַרגעסן אַז היינט איז תשעה־באב.

— פאַרגעסן האָב איך ניט, — ענטפערט דער אורח — נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז היינטיקן מאָל אָוועקלעגן דעם תענית אין אַ זייט צוליב אַ גרויסע מצווה: אַן אָרעמע יתומה, נעבעך, זאָל זיין פאַרזאָרגט מיט נאָך טויזנט רובל נדן.

— וואָס הייסט?

— ס'איז דאָ גאָר אַ פּשוטע זאַך — זאָגט דער אורח — נעכטן אין אָוונט, גייענדיק פון שול נאָך די קינות, הער איך ווי צוויי ווייבער שמועסן צווישן זיך, און איינע זאָגט דער צווייטער: „הלוואי רבונו־של־עולם, איך זאָל קענען געבן דער טאָכטער מיינער דער יתומה נדן אַזוי פיל טויזנטער, וויפל יידן וועלן היינטיקן תשעה־באב ניט פאַסטן!" האָב איך זיך מישב געווען: זאָל די אָרעמע כלה האָבן נאָך אַ טויזנטער! אַ רחמנות אויף דער בידנער יתומה נעבעך!

109. צוליב דריי טעמים

יידן האָבן דערטאַפּט שמערל שניטקאָווער אום צום־גדליה ווי ער זיצט זיך און עסט גאַנץ געשמאַק, פרעגט מען אים:

— ר׳ שמערל, וואָס הייסט עס? ווי קומט עס צו אייך? ווייסט איר דען ניט, אַז ס׳איז היינט אַ תענית, צום־גדליה?

— איך, פאַרשטייט איר — פאַרענטפערט זיך שמערל — בין זיך ניט נוהג צו פאַסטן צום גדליה צוליב דריי טעמים: ערשטנס, ווען אַ שטייגער גדליה בן אחיקם וואָלט דעמאָלט אין יענער צייט ניט געהרגעט געוואָרן, וואָלט ער דען סיי־ווי־סיי שוין לאַנג ניט געשטאָרבן? צווייטנס, וואָס זאָל איך עפּעס פאַסטן דערפאַר, וואָס מ׳האָט גדליהן דערהרגעט; ווען די מעשה זאָל זיין פאַרקערט, דאָס הייסט מען זאָל מיך, שמערלען הרגענען, וואָלט דען גדליה דערויף געפאַסט? דריטנס, שיקט זיך גלאַט ניט, וויבאַלד איך פאַסט ניט יום־כיפור, וועל איך פלוצעם גאָר נעמען און פאַסטן צום־גדליה!

110. נאָך פליישיקס מילכיקס

אַ יידישע דינסט פון אַ פרומער יידישער שטוב אין אַ קליין שטעטל קומט צו לויפן יום־כיפור בייטאָג אין דער ווייבערשער שול, רופט־אַוועק די בעל־הביתטע אין אַ זייט און רוימט איר איין אַ שרעקלעכן סוד, אַז דער בעל־הבית זיצט איצט אין דער היים און עסט פון די געבראָטענע „כפרות״.

טויט ווי די וואַנט איז די בעל־הביתטע אַוועקגעלאָפן געשווינד אַהיים און טרעפט דעם מאַן שוין נאָך אַלעמען, ווי ער ווישט זיך אָפּ דאָס מויל און מאַכט זיך גלייך ווי ס׳איז גאָרנישט פאָרגעקומען.

— אַפּיקורס, גזלן, הולטיי איינער! וויי איז צו מיר, ווינד איז צו מיר! וואָס האָסטו געטאָן אַזוינס? — ליאַרעמט דאָס ווייב און ברעכט די הענט.

דער מאַן מאַכט זיך ווי אַ תם און פרעגט, ווי איינער וואָס ווייסט פון גאָר ניט צו זאָגן:

— גאָט איז מיט דיר, מיין ווייב, וואָס גוואַלדעוועסטו אַזוי, זאָג, וואָס האָט זיך אַזעלכעס געטראָפן?

— וואָס, פרעגט ער. קאָרג דיר, פושע־ישראל, משומד, עסן „כפרות״ אום יום־כיפור?!

— ווער כפּרות, וואָס כפּרות? וואָס האָט זיך דיר אַזוינס געחלומט?

דאָס ווייב טוט אַ וואונק אויף דער דינסט, וואָס שטייט ביי דער טיר אַ דערשראָקענע, און מאַכט מיט אַ ביטער שמייכל:

— קוקט אים נאָר אָן, איך בעט אייך, ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן! שולדיק איז גאָר זי, גענומען און אויסגעקלערט אויף אים נעבעך אַ פאַלשן בלבול!

דער מאַן ווערט ווי אויפגעבראַכט, לויפט-צו געשווינד צום בר-פעט, עפנט אים האַסטיק אויף, כאַפּט פון דאָרט אַרויס אַ שטיק קעז און וואַרפט עס אַריין אין מויל און זאָגט דערביי מיט האַרץ:

— איצט זע אַליין, וואָס פאַר אַ מיאוסע ליגנערין דאָס איז! ווען איך זאָל געווען עסן ערשט ניט לאַנג פליישיקס, וואָלט איך דען געקענט נעמען אין מויל מילכיקס?

111. אויף אַן אמת

צום סלוצקער רב ר' יאָשע-בער זיינען געקומען אַ פּאָר בעלי-בתים פון די שיינע יידן, אין דער צייט וואָס ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן יונגעלייט משכילים, און האָבן זיך געקלאָגט פאַר אים:

— גוואַלד, רבי, וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַן עצה גיט איר אָקעגן די נייע חברה-לייט. רחמנא ליצלן, די כפירה איז זיך שטאַרק גובר!

— וואָס איז דער חידוש — זאָגט דער רב — תמיד איז דער אמת גובר.

— וואָס רעדט איר, רבי? — פרעגן די בעלי-בתים שטאַרק פאַרוואונדערט — ביי זיי, ביי די כופרים, איז דער אמת?

— פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט דער רב — די כופרים זיינען כופרים אויף אַן אמת, דערפאַר זיינען זיי מצליח; אָבער אונדזערע היינטיקע ערלעכע יידן זיינען ניט קיין א מ ת ע ערלעכע יידן.

112. ווי דער עולם וועט זיך נוהג זיין

איינער אַ משכיל, אַ גרויסער חצוף, איז אַמאָל געקומען צום מלבי"ם און געזאָגט:

— איך האָב אייך, רבי, צו פרעגן אַ האַרבע שאלה: אַז

מען זעט אַ רב דאַרף מען זיך אויפשטעלן, און אַז מען זעט אַ כלב דאַרף מען זיך אַנידערזעצן, ווי־זשע טוט מען אָבער, אַז מען דערזעט אינאיינעם אי אַ רב, אי אַ כלב?

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט דער מלבי"ם — קיין בפירושער דין איז דערויף ניטאָ, נאָר אין אַזאַ פאַל ווענדט זיך ווי דער עולם איז זיך נוהג. לאָמיר ביידע אַרויס גיין צוזאַמען אין גאַס וועלן מיר זען.

113. אַ רפואה פאַר דער מכה

ר' וועלוועלע מגיד פון ווילנע גייט אַמאָל שבת נאָכמיטיק אין שול צו זאָגן פאַרן עולם, ווי זיין שטייגער, זעט ער ווי אַ חברה יונגע לייט עסן אייז־קרים, די חברה־לייט האָבן זיך זייער פאַרשעמט פאַרן מגיד, ווייל ס'איז געווען ערשט נאָכן טשאָלנט, רופט זיך אָפּ איינער פון זיי:

— רבי, וואונדערט זיך ניט וואָס מיר עסן איצט מילכיקס נאָך פליישיקס, עס איז צוליב אַ רפואה, דער דאָקטאָר האָט עס אונדז געהייסן.

— איך ווייס — מאַכט ר' וועלוועלע — דער אייבערשטער שיקט שטענדיק די רפואה פאַר דער מכה, איצט האָט איר שוין די רפואה, פעלט אייך נאָך די מכה.

114. די לעצטע שמיץ

שמערל שניטקעווער האָט פאַרן טויט צוגערופן דאָס ווייב און געהייסן, זי זאָל אים געבן עסן אַ ווערעמדיקע פלאָם.

דאָס ווייב קוקט אים פאַרוואונדערט און פאַרשטייט ניט, וואָס ער מיינט דערמיט.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן — רופט ער זיך אָן צו איר — פאַרשטייסטו, אויף יענער וועלט, אַז מען וועט שמייסן און אויס־רופן יעדעס מאָל פאַר וואָסערע עבירה, איז וויבאַלד איך וועל דער־הערן די ווערעמדיקע פלאָם וועל איך וויסן, אַז עס האַלט שוין ביים סוף און איך באַקום די לעצטע שמיץ.

115. ביי דער טיר פון גיהנום

איינער פון די אַלטע אַפּיקורסים איז קראַנק געוואָרן און גע־האַלטן ביים שטאַרבן. שיקט ער בעטן דעם רב ער זאָל צו אים קומען

ווייל ער וויל זיך פאַר אים מתודה זיין און תשובה טאָן פאַרן טויט. שטייט דערביי איינער פון די יונגע אַפּיקורסימלעך און וואונדערט זיך שטאַרק דערויף. רופט זיך אָן צו אים דער קראַנקער:

— איר זאָלט, יונגערמאַן, זיך ניט וואונדערן. איך טו עס, דאַרפט איר וויסן, מיטן קלאָרן זינען און מיט חשבון. איך וויל, פאַרשטייט איר, דערמיט באַווייזן באַשיימפּערלעך, אַז וואָס די גמרא זאָגט: „רשעים אַפילו ביי דער טיר פון גיהנם טוען ניט קיין תשובה", — אַט דאָס אַפילו איז אויך ניט אמת.

116. די מורא

אַ יונגערמאַן פון די היינטוועלטיקע כופרים האָט זיך באַרימט פאַר זיינע חברים, אַז ער האָט פאַר קיין זאַך אויף דער וועלט ניט מורא, אַפילו פאַר גאָט אויך ניט.

דערווייל הויבט אָן שטאַרק צו בליצן און צו דונערן. ווערט דער יונגערמאַן בלייך ווי די וואַנט און הויבט אָן צו ציטערן מיט אַלע אברים. פרעגט אים איינער פון די חברים: האָסט דאָך ערשט געזאָגט, אַז דו האָסט פאַר קיין זאַך אויף דער וועלט קיין מורא ניט.

— דאָס איז אַן אַנדער זאַך — ענטפערט דער אַפּיקורס — איך האָב געזען און געהערט ווי עס בליצט אַזוי און דונערט האָב איך מורא באַקומען טאָמער נעמט גאָט און גיט אונדז ווידער אַ תורה.

117. דער אמת איז תמיד גובר

ווען אין לוצק האָבן זיך געוויזן די ערשטע סימנים פון דער השכלה, זיינען אַ פּאָר בעלי־בתים פון די שיינע יידן אַריינגעלאָפן צום רב מיט אַ גוואַלד־געשריי:

— רבי, ס'איז אַן אומגליק, די כפירה, רחמנא ליצלן, איז זיך מתגבר.

— וואָס איז דאָ דער חידוש? — זאָגט דער רב — דער אמת איז תמיד גובר.

— וואָס הייסט, רבי? — מאַכן די בעלי־בתים פאַרוואונדערט — ביי זיי, ביי די כופרים, שטעקט שוין דער אמת?!

— פאַרשטייט איר — זאָגט דער רב — אַט די כופרים זיינען כופרים אויף אַן אמת, דעריבער זיינען זיי מצליח, די ערלעכע יידן אָבער זיינען ניט קיין אמתע ערלעכע יידן.

בעלי־עבירות

118. ערגער ווי געשמדט

איינער אַ גרויסער הולטיי איז געקומען צום רב פון זיין שטעטל און טוט אים אויף געלעכטער אַ פרעג:

— רבי, זאָגט מיר, ווען איך זאָל וועלן ווערן גוט און פרום, וואָס פאַר אַ תשובה אויף מיינע עבירות וואָלט איר מיר אויסגע־געבן?

— מיין עצה וואָלט געווען — זאָגט אים דער רב — אַז פריער פון אַלעמען דאַרפסטו ווערן אַ געשמדטער.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז דערוויל ביז איצט ביסטו ערגער ווי גע־שמדט.

119. אַן עבירה — אַ מצווה

אַ באַוואוסטער בעל־עבירהניק איז געקומען אַמאָל צום פּראַ־גער רב ר׳ יחזקאל לאַנדא און זאָגט אים מיט אַן עזותדיקן געלעכטער:

— הערט איר, רבי, אַלע עבירות פון דער וועלט, מעג איך זאָגן באַשטימט, איז מיר שוין געראָטן אָפּצוטאָן אויף מיין לעבן, עס פעלט מיר נאָר איין עבירה פון מאבד עצמו לדעת (אַליין נעמען זיך דאָס לעבן).

— זעסטו — זאָגט אים דערויף דער פּראַגער רב, — אַזאַ מין עבירה אָפּצוטאָן וועט דיר קיין מאָל נישט געראָטן, ווייל דו וועסט נאָר דערמיט מקים זיין אַן אמתע מצווה פון דער תורה, ובערת הרע מקרבך (זאָלסט אויסרוימען דאָס שלעכטס פון דיר, ד״ה פון יידן).

120. פותר-חלום זיין

איינער פון די הולטייעס, די ווארילע יונגען, איז געקומען צו אַ רב און זאָגט אים אויף חוזק צו מאַכן:

— רבי, איך בין געקומען צו אייך איר זאָלט מיר פותר חלום זיין: יענע נאַכט האָב איך געזען אין חלום אַ שרעקלעך בייזן הונט...

— עס מאַכט ניט אויס — רופט זיך אָן דער רבי — פאַרן אייגענעם שאָטן איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן.

121. מער מקנא צו זיין

דער באַרדיטשעווער רב האָט אַמאָל געזאָגט ימים-נוראים צייט צו איינעם פון די געוויסע הולטייעס אין שטאָט:

— איך בין דיר איצט מקנא. געווים האָסטו פיל עבירות געטאָן איבערן יאָר, און אַז דו וועסט איצט תשובה טאָן וועלן דיר אַלע עבירות דיינע פאַררעכנט ווערן פאַר זכיות.

— וואַרט אויס, רבי, — רופט זיך אָן יענער — איבער אַ יאָר, אם ירצה השם, וועט איר מיר האָבן מער מקנא צו זיין...

122. עס קאָסט טייער

איינעם פון די ווארילע יונגען האָט מען געפרעגט ראש-השנה, פאַרוואָס ער גייט ניט צו תשליך?

— מיינע זינד — האָט ער געענטפערט — קאָסטן מיר זייער טייער, איז פשוט אַ גרויסע עבירה זיי נעמען און אַריינוואַרפן אין וואַסער.

123. כדאַי אַזוי איינצולייגן די וועלט

אַ ייד פאָרט אין אייזנבאַן-וואַגאָן און לאָזט זיך אַריין אין אַ גאַנץ פריינדלעכן שמועס מיט זיינעם אַ שכן אַ גוי. דערווייל שלעפט יענער אַרויס ביי זיך פון רענצל אַ שטיק ברויט מיט קאָלבאַס און נעמט עסן. דער קאָלבאַס האָט דעם יידן שטאַרק פאַרשמעקט, און אַז דער שכן האָט אים פאַרגעלייגט, ער זאָל אויך פאַרזוכן אַ שטיקל דערפון, האָט ער ניט געקענט ביישטיין דעם יצר-הרע און האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט. ווי נאָר אָבער ער האָט אַ ביס געטאָן פונעם קאָל-באַס, האָט געגעבן אַ בליץ, און אַ שטאַרקער דונער האָט אַ שרעק-

לעכן הילך געטאָן. דער ייד האָט זיך דערשראָקן אויף טויט און דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. דערנאָך האָט ער זיך באַרואיקט, איינגעשלונגען דעם ערשטן ביסן און ער וויל זיך נעמען ווייטער אַ בים טאָן, ערשט ווידער אַ בליץ און אַ דונער, נאָך שטאַרקער און שרעקלעכער ווי פריער. דער ייד גיט מיט שרעק אַ שטופּ פון זיך דעם קאַלבאַס און מאַכט מיט אַ ברוגזער מינע:

— זע נאָר זע, צוליב איין קליין ברעקעלע, גרויס אפשר ווי אַ כזית, איז כדאַי איינצולעגן די וועלט!

124. געוויס געמאַכט דערויף אַ „תשובה"

די געוויסע גמרא: „אם ראית תלמיד־חכם שעבר עבירה בלילה, אל תהרהר אחריו ביום, ודאי עשה תשובה" — האָט איינער פאַרטייטשט אַזוי: ווען דו זעסט איינעם אַ תלמיד־חכם טאָן אַן עבירה ביינאַכט, זאָלסטו ניט נאָכקלערן נאָך אים בייטאָג; „ודאי עשה תשובה" — ער האָט געוויס געמאַכט דערויף אַ „תשובה" אַז מען מעג.

125. די קאַסע שטימט

אַ דייטשער געשעפטסמאַן האָט אונטערגעפירט ערב יום־כיפּור די קאַסע זיינע און זי האָט ניט געשטימט: ס'האָט אים גע־פעלט גאַנצע הונדערט מאַרק. אומזיסט האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען אויף וואָס האָט ער דעם הונדערטער אויסגעגעבן.

ערשט אויף דער נאַכט צו כל־נדרי, זאָגנדיק „על חטא שחטאתי בגלוי עריות" — האָט ער זיך דערמאָנט און מיט שמחה אויסגעשריען: די קאַסע שטימט!

126. קיין ישראל געוויס ניט!

אַ יונגערמאַן אַ גלוח איז אַריינגעקומען צו אַ רב. באַטראַכט אים דער רב פון אַלע זייטן און טוט אים אַ פרעג:

— זאָג נאָר, יונגערמאַן, וואָס ביסטו, אַ כהן צי אַ לוי?

קוקט אָן דער יונגערמאַן פאַרוואונדערט און זאָגט:

— פאַרוואָס, רבי, אַ כהן צי אַ לוי?

— ווייל — ענטפערט דער רב — קיין ישראל זעסטו געווים ניט אוים צו זיין.

127. פקוח-נפש

אַ ייד אַ סוחר איז געקומען פון שטאָט אין דאָרף צום פּריץ, ביי וועלכן ער האָט געהאַלטן אין האַנדלען אַ וואַלד. טרעפט ער דעם פּריץ אין דער היים ביי אַ גוטן פרישטיק, אויפן טיש שטייען הייסע קאָטלעטן מיט אַ פלאַש טייערן וויין.

דער פּריץ נעמט-אויף דעם יידן זייער פריינדלעך, בעט אים זיך אויך צו זעצן צום טיש און לייגט אים פאַר אַ פרישן קאָטלעט. דער ייד באַדאַנקט און זאָגט זיך אָפּ.

— וואָס, עס שמעקט אייך ניט? — פרעגט דער פּריץ.

— אדרבה — זאָגט דער ייד — עס שמעקט מיר זייער, נאָר ביי אונדז יידן איז עס פאַרווערט צו עסן.

— האָ, איך וויים — מאַכט דער פּריץ און לאַכט דערביי גוטמוטיק — איך וויים, ווי אַזוי הייסט עס ביי אייך? טריף, טריף...

נאָך די קאָטלעטן גיסט-אָן דער פּריץ אַ גלאָז וויין זיך און אַ צווייטן פאַרן יידן. נאָר דער ייד זאָגט זיך ווידער אָפּ: מען טאָר דאָס אויך נישט.

דאָ קען שוין דער פּריץ זיך נישט איינהאַלטן און מאַכט אַזוי צום יידן:

— הערט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, דער גאָט אייערער איז שוין אַ צו האַרטער, ער לעגט-אַרויף אויף אייך צופיל שווערע קלעצער, וואָס איז ניט פאַר אַ מענטשלעכן כוח עס איבערצוטראָגן. מאָלט זיך אוים, אַ שטייגער, וואָס וואָלט איר געטאָן ווען איר ווערט פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין אַ וואַלד און עטלעכע טעג האָט איר ניט געהאַט גאָרנישט אין מויל און איר פילט, אַז די לעצטע כוחות גייען אייך אוים, אָט פאַלט איר אַנידער אַ טויטער, קומט-איינער און טראָגט אייך אונטער, אויף צו דערהאַלטן די נשמה, עפּעס טריפס?..

— דעמאָלט — זאָגט דער ייד — איז גאָר אַן אַנדער זאַך. ווען עס האַלט ביי פקוח-נפש, דאָס הייסט ווען עס גייט אין מענטשנס לעבן, זיינען אַזעלכע זאַכן, לויט אונדזער דין, ניט פאַרווערט.

פלוצים טוט דער פּריץ אַ שפרינג-אויף, דאָס פנים ווערט ביי

אים אָנגעצונדן ווי ביי אַ גזלן און ער שטעלט־אָן אויפן יידן אַ פּאָר רציחהשע אויגן און באַלד טאַקע כאַפּט ער אַרויס אַ רעוואָלווער, האַלט אים אָנגעשטעלט גלייך קעגן דעם יידן און באַפעלט מיט אַ געשריי:

— די מינוט זאָלסטו אויסטרינקען די גלאָז ווייַן; אויב ניט בלייבסטו ביי מיר דאָ אויפן אָרט!

דער ייד כאַפּט באַלד און טרינקט אויס איין גלאָז. דער פּריץ גיסט אָן מיט דער לינקער האַנט אַ צווייטע גלאָז — טרינקט דער ייד די צווייטע.

נאָך דעם לעגט דער פּריץ אַוועק דעם רעוואָלווער אויף זיין אָרט און ער זעצט זיך צוריק אַנידער רואיק ווי פריער, און זאָגט צום יידן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— האָט קיין פאַריבל ניט, איך בעט אייך, איך האָב געמאַכט מער ניט ווי אַ שפּאַס, זענט איר אויף מיר דערפאַר ניט בייז?

— וואָס הייסט ניט בייז — ענטפערט דער ייד — געווים בין איך בייז דערפאַר, וואָס איר האָט ניט געמאַכט דעם זעלביקן שפּאַס אַ ביסל פריער, ביי די פרישע קאָטלעטן.

128. הנאה האָבן מעג מען

איינער אַ לץ האָט זיך געוויצלט און שפּיציק אויסגעדרונגען אַזוי:

— דריי מאָל שטייט אין דער תורה „לא תבשל גדי בחלב אמו" (זאָלסט ניט קאָכן אַ ציגעלע אין דער מוטערס מילך), זאָגן אויף דעם אונדזערע חכמים, אַז איינס ווייזט אויף דעם אָסור צו קאָכן, איינס — עסן, און נאָך איינס — הנאה צו האָבן. „לא תנאף" אָבער שטייט נאָר צוויי מאָל, הייסט עס: קאָכן טאָר מען ניט, עסן טאָר מען ניט, דערפאַר הנאה האָבן מעג מען.

129. דאַרפן אָנקומען

אין אַ שטעטל האָט מען מתפלל געווען אויף רעגן, געזאָגט תהלים און געפאַסט — און ס'האָט אַלץ ניט געהאָלפן: קיין טראָפּן רעגן האָט זיך ניט געוויזן. האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אַסיפה, וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע כלי־קודש און די פיינסטע

בעלי־בתים. און ס'איז פאַרבליבן אַנצונעמען דאָס געוויסע מיטל — צו זוכן אין שטעטל חטאים.

געזוכט — און געפונען! מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז איינער האָט זיך מתיחד געווען אין אַ שטוב מיט אַ פרעמדער אשה אָן אַ שומר...

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געקאָכט. מ'האָט געשלעפּט דאָס זינדיקע פּאָרל צום רב מיט גרויס פּאַראַד. אַלע יידן פון קליין ביז גרויס, זיינען זיי נאָכגעלאָפן און געשאָלטן מיט טויטע קללות, און אַנדערע האָבן זיי נאָכגעוואָרפן שטיינדלעך מיט שטיקער בלאָטע.

פּלוצעם רוקט זיך אַרויס פונעם עולם שמערל שניטקעווער, נעמט מאַכן מיט די הענט און שרייט אויף אַ קול:

— יידישע קינדער, באַרעכנט זיך וואָס טוט איר? אומגליקלעך מאַכט איר זיך טאָקע אַליין. עס קען דאָך זייער זיין מיר זאָלן אַלע צו דעם דאָזיקן פּאָרל דאַרפן אָנקומען.

— וואָס רעדט איר, ר' שמערל? — פרעגט מען אים פון אַלע זייטן — פון זינען זענט איר אַראָפּ צי וואָס? וואָס הייסט מיר וועלן דאַרפן אָנקומען צו די דאָזיקע זינדיקע לייט?

— יאָ, יאָ, רבותי, — ענטפערט ער — איך זאָג אייך, אַז ס'איז שטאַרק מעגלעך. הייאנטיקס יאָר איז עצירות־גשמים און עס גייט ניט צוליב זיי קיין רעגן, ווער ווייסט אָבער וואָס איבעראַיאָר וועט זיין? אפשר וועלן דעמאָלט גיין צופיל רעגנס און מיר וועלן זיך מוזן ווענדן מיט אַ בקשה צו די דאָזיקע לייט, וואָס ווייסן אַ מיטל ווי איינצוהאַלטן דעם רעגן, זיי זאָלן אונדז ביישטיין אין דער גרויסער נויט.

130. געגעסן און ניט געבענטשט

איינער אַ יונגערמאַן רופט זיך אָן איין מאָל צו אַ פּאָר פרומע יידן:

— איך מוז זיך פאַר אייך מודה ומתודה זיין: אַנומלט האָב איך געגעסן און ניט געבענטשט.

— ווי אַזוי עסט אַ ייד און בענטשט ניט? — פרעגן זיי אים.

— פאַרשטייט איר, איך האָב זיך יענעם מאָל ניט געוואַשן און דערפאַר האָב איך ניט געבענטשט.

— און פאַרוואָס האָסטו זיך דענסטמאָל געפוילט צו וואַשן?

— איך האָב זיך ניט געוואָשן ניט פּאָר פוילקייט, נאָר ווייל דאָס עסן איז געווען ניט קיין כשרס.
— וואָס הייסט, ווי עסט עס אַ ייד טריפהס?
— אַ ברירה האָב איך געהאַט! אַלע כשרע רעסטאָראַנען זיינען געווען פאַרמאַכט.
— ווי קען דאָס זיין?
— ס'איז געווען, פאַרשטייט איר מיך, יום־כיפור.

131. פייניקן זיך

מ'האָט געכאַפּט אַ יידן ביי אַ מיאוסער עבירה, ברענגט מען אים צום רב, און דער רב לעגט אויף אים אַרויף אַ תשובה, ער זאָל אַ גאַנץ יאָר פאַסטן הפסקות.
— רבי, איך וועל עס ניט קענען אויסהאַלטן — בעט זיך דער זינדיקער מיט אַ דערשלאָגן קול — איך בין זייער אַ קרענקלעכער.
— אויב אַזוי וועסטו מוזן צעטיילן היפּש געלט אויף צדקה־זאַכן.
— רבי, איך קען דאָס אויך ניט. איך בין אַ מטופּל מיט אַ גרויס הויזגעזינד, קיין עין־הרע, און צו פּאָר זיי קוים־קוים פּרנסה.
—וואָס־זשע, זאָג קענסטו יאָ? — פרעגט דער רב שוין אַ ביסל אויפגעבראַכט.
— וואָס איך קען? — מאַכט יענער מיט אַ נאָך מער דערשלאָגן קול — איך קען, רבי, נעמען אויף זיך גאַנצע דריי יאָר דורכאַנאַנד ניט זיין אַפילו איין מאָל עולה לתורה.

132. לויט די יאָרן

דעם נביא ישעיהס ווערטער: אם יהיו חטאיכם כ ש נ י ם, האָט איינער וויציק איינגעטייטשט אַזוי:
— אויב אייערע זינד וועלן זיין ל ו י ט ד י י א ר ן, אַ שטייגער: ווען אַן אַלטער מאַן פירט די שטאָט און אַ בחור פירט זיך אַרום מיט בתולות, דעמאָלט „כשלג ילבינו" — קען מען אייך מוחל זיין. אָבער היינטיקע צייטן, ווען ס'איז פונקט דער היפוך דערפון: דער בחור פירט די שטאָט און דער זקן פירט זיך אַרום מיט בתולות — ווי קען מען עס מוחל זיין?

133. צען קלאָגן

צוויי ווייבער אין אַ קליין שטעטל זיינען אַרויסגעגאַנגען שבת ביי טאָג אַ ביסל שפּאַצירן און זיך פאַרשמועסט אַזוי ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דער באַן-סטאַנציע, וואָס ביים שטעטל. דערווייל האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אַ צוג, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן, און פון איין וואַגאָן איז אַרויס אַ יונגערמאַן אויפן וואָקזאַל.

— זע נאַר, זע! — רופט זיך אָן איינע פון די ווייבער און טוט אַ טייטל מיט די פינגער אויפן יונגנמאַן — אַ ייד פאָרט אום שבת, אַ קלאָג איז צו מיר!

— קומט אַריין מיט מיר אין וואַגאָן — מאַכט צו דער יידענע דער יונגערמאַן — וועט איר זען, אַז ניט איין קלאָג, נאַר צען קלאָגן אויף אייך, ווייל מיר פאָרן דאָרט צוזאַמען אַ גאַנצער מנין יידן.

134. אַ שבתדיקע גנבה

איין מאָל איז מען געקומען זיך קלאָגן פאַרן רב ר' עקיבא איגר אויף איינעם פון די שטאָט-לייט, וואָס איז געפאָרן שבת אין באַן. דער רב האָט אויף דעם געזאָגט:

— מיינט ניט, אַז יענער האָט געטאָן דערמיט איין עבירה פון פאָרן אום שבת; איר דאַרפט וויסן, אַז ער איז נאָך דערצו באַגאַנגען אַ פשוטע גניבה אויך, ווייל ער האָט דאָך ניט גענומען קיין בילעטן פאַר די צוויי מלאכים, וואָס באַגלייטן יעדן יידן אום שבת.

135. שוין געשטאָרבן און נאָך געלעבט

קהלת זאָגט: „ושבח אני את המתים שכבר מתו מהחיים אשר הם חיים עדנה (איך לויב בעסער די טויטע וואָס זיינען שוין געשטאָרבן איידער די לעבעדיקע וואָס לעבן נאָך). אין די דאָזיקע ווערטער שטעקט אַ שאַרפע סתירה צו דעם וואָס קהלת האָט פריער אַליין געזאָגט: „כי לכלב חי טוב מן האריה המת" (אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער פון אַ טויטן לייב).

נאָר דער מיין פון דעם פסוק איז גאָר עפּעס אַנדערש: ליבער זיינען מיר די טויטע „שכבר מתו" — וואָס איז אַז מען דערהערט דאָס זיי זיינען געשטאָרבן זאָגט מען: „שוין געשטאָרבן?", איידער די לעבעדיקע „אשר הם חיים עדנה" — וואָס מען זאָגט אויף זיי: „נאָך לעבן זיי!"

136. וואָס זיצסטו דאָ?

ווען ר׳ ישראל ריזשינער איז אַרויס פון תפיסה, וואו ער איז געזעסן אַ היפּשע צייט צוליב אַ מסירה, האָט ער געזאָגט:

— קיין מאָל האָב איך ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אין קהלת הייסט דער יצר־הרע „מלך, זקן וכסיל". מילא אַ מלך — ער געוועלטיקט איבער מענטשן; אַ זקן — ער קומט צום מענטשן פון קינדווייז אָן; אָבער פאַרוואָס זאָל ער הייסן נאַר? אין תפיסה איז מיר די שאלה פאַרענטפערט געוואָרן: אין דער גאַנצער צייט וואָס איך בין געזעסן פאַרשפּאַרט אין תפיסה איז ער אויך מיט מיר געזעסן און ניט אָפּגעטראָטן פון מיר. אויב אַזוי — זאָג איך צו אים — ביסטו דאָך טאַקע אַ נאַר אויף דער אמתן. מילא איך מוז זיצן פאַרשפּאַרט, איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט, אָבער דו, וואָס זיצסטו דאָ?

ג נ ב י ם

137. אַ קל-וחומר

איינער אַ געוויסער גנב אין ליטע, וואָס האָט נאָך געדענקט אַ ביסל תורה פונעם „חדר", האָט איין מאָל געדרונגען זיינעם אַ באַקאַנטן, אַז ער מעג ביי אים על-פּי-דין צונעמען זיין בייטל מיט אַ קל-וחומר:

מה-דאָך דו, וואָס מיין בייטל טאָרסטו ניט נעמען, מעגסטו דיין בייטל יאָ נעמען, הייגט אַז איך מעג מיין בייטל נעמען, — מעג איך דאָך דיינס געוויס נעמען.

138. אַ גאַנץ טוץ לעפל

נאָטקע גנב איז איין מאָל געלעגן קראַנק אויף אַן אַלטער קרענק זיינער. דער דאָקטאָר איז געקומען, אים באַטראַכט און פאַרשריבן אַ רעצעפּט, צו נעמען אַלע צוויי שעה אַ לעפל.

— וואָס פאַר אַ לעפל הייסט איר מיר נעמען, הער דאָקטאָר, אַ פּראָסטן צו אַ זילבערנעם? — פרעגט דער חולה.

— עס מאַכט ניט אוים אַ פּראָסטן אויך — ענטפערט דער דאָקטאָר מיט אַ שמייכל.

— ליבער הער דאָקטאָר — מאַכט נאָטקע מיט אַן ערנסטער מינע — וואָס פאַר אַ רפואה, האָט מיר קיין פּאַראיבל ניט, קען דאָס שוין זיין, אַז איך וועל נעמען אַלע צוויי שעה נאָר איין לעפל, און נאָך אַ פּראָסטן דערצו? איך האָב שוין געפּרוּווט, גלויבט מיר, נעמען אין איין מינוט אַ גאַנץ טוץ לעפל, און ניט פּראָסטע נאָר דווקא זילבערנע — און מיר האָט עס צו מיין קרענק אויך גאָר ניט געהאָלפן!

139. אומשולדיק געזעסן

דער זעלביקער נאָטקע גנב איז אָפּגעזעסן איין מאָל צוויי יאָר אין תפיסה פאַר אַ גניבה. געקומען אַהיים, געפינט ער ביים ווייב אַ

קראַנק קינד פון אַכט חדשים, וואָס האָלט שוין ביים אוועקגיין פון דער זינדיקער וועלט. אויף מאָרגן איז עס אויסגעגאַנגען. געשטאָרבן — באַגראָבן, און נאָטקע מיטן ווייב זעצן זיך שבעה.

אָפּגעזעסן אַ פּאָר טעג באַמערקט נאָטקע מיט אַ זיפץ:

— עפּעס בין איך דאָך אויף מיין לעבן שוין גענוג געזעסן, נאָר אַזוי אומשולדיק ווי איך זיץ איצט בין איך נאָך קיין מאָל ניט געזעסן.

140. נעבעך, אַ גנבֿ

אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן האָט מען געפירט איבער דער גאַס אין תפיסה אַריין. אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל אָפּ־רוען. שטייען דערביי עטלעכע יידענעס און שאָקלען מיטן קאָפּ און מאַכן:

— אַ גאָטס רחמנות, כמעט אַלע יידן, נעבעך!

פרעגן זיי איין יידן: פאַרוואָס מען האָט אים איינגעזעצט? ענטפערט ער: פאַר אַ פּאַס, וואָס אַיז געווען ניט אין גאַנצן כשר. מאַכן דערויף די יידענעס?

— נעבעך פאַר אַ פּאַס!

דעם צווייטן פרעגן זיי? פאַרוואָס אים? ענטפערט ער: פאַר אַ פּריזיוו. מאַכן זיי ווידער:

— נעבעך, פאַר אַ פּריזיוו!

דערנאָך פרעגן זיי אַ דריטן, איינעם אַ יונג מיט ביינער: פאַר־וואָס אים?

— איך בין, נעבעך, אַ גנבֿ! — ענטפערט ער.

141. אַ פּרנסה־זאַך

צוויי אומבאַקאַנטע יידן זיינען זומער־צייט פאַרפאָרן פון באַן אין אַן אַכסניא און כדי איינצושפּאָרן געלט האָבן זיי גענומען ביידע איין צימער. פאַרנאַכט האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין גאָרטן פון שטעטל אַ ביסל שפּאַצירן. אויפן וועג האָט איינער פון זיי פאַרלוירן פון קעשענע זיין בייטעלע געלט און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט האָט עם דער צווייטער געשווינד אויפגעהויבן. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט ווייטער, קערט־אום דער ייד, וואָס האָט געפונען, יענעם זיין פאַרלוירן בייטעלע און זאָגט אים דערביי:

— באַשערט מיר אַ מצווה פון השבת־אבידה (אומקערן אַ פאַר־לוירענע זאַך).

אויף מאָרגן גאַנץ פרי כאַפּט זיך יענער ייד, אַז דאָס בייטעלע זיינס מיטן געלט איז ווידער ניטאָ. מאַכט ער אַ גוואַלד, קומט אַ פּאָ־ליציאַנט און געפינט, אַז פריער פון אַלץ דאַרף מען באַזוכן דעם צווייטן יידן, וועלכער האָט מיט אים אין איין צימער איבערגענעכטיקט. וויפל דער האָט געטענהט, אַז ער גלויבט יענעם יידן ווי זיך אַליין, האָט ניט געהאָלפן — דער פּאָליציאַנט האָט יענעם באַזוכט ווי עס דאַרף צו זיין און טאַקע געפונען ביי אים באַהאַלטן די גניבה.

— וואָס הייסט עס — ווענדט זיך פאַרוואונדערט דער געליטע־נער צו יענעם — נעכטן אַז איר האָט אין גאַס געפונען מיין בייטעלע האָט איר עס מיר אַליין אומגעקערט, און דערנאָך האָט איר דאָס זעלביקע בייטעלע ביי מיר אַוועקגעלקחנט!

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? — ענטפערט יענער — אומקערן אַן אבידה איז אַ מצווה, און אויף אַ מצווה בין איך אויך אַ בעלן גלייך ווי יעדער ייד, אָבער גנבענען איז ביי מיר אַ פרנסה־זאַך, פון דעם לעב איך.

142. אַ מעסערל מיט זעקס מעלות

איינער האָט זיך באַרימט:

— איך האָב אַ מעסערל מיט זעקס מעלות: 1) אַ כשרס; 2) אַ טריפס; 3) אַ פליישיקס; 4) אַ מילכיקס; 5 אַ פאַרעוועס.

— נו, און די זעקסטע מעלה? — פרעגט מען אים.

— די זעקסטע — ענטפערט ער — אַן אַוועקגעלקחנטס.

143. וואָס־זשע טוט גאָט?

אַ קליינשטעטלדיקער ייד דערציילט דעם צווייטן:

— אַנומלט קום איך צופאָרן אין דער גרויסער שטאָט. אי־בערגענעכטיקט לאָז איך זיך אויף מאָרגן אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן און באַטראַכטן די חידושים פונעם כרך. פאַרווילט זיך מיר עסן, גיי איך מיר אַריין אין אַ פיינעם גאָרקיך, הייס מיר דערלאַנגען אַ שטיקל פלייש מיט יויך און צום סוף אַ ביסל צימעס. אָפּגעגעסן — אָפּגעבענטשט. פרעג איך וויפל עס קומט פון מיר, מאַכט מען מיר

דעם שיינעם חשבון אויף העכער אַ רובל. ווער איך נבהל ומשתומם רבונו-של-עולם, פאַרוואָס קומט דאָ אַ גאַנצער קאַרב נאָך מיט קאָ־פּיקעס? וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ס׳האָט מיר געברענט און גע־בראָטן! ס׳איז דאָך אמתע בייטלשניידערס! מילא וואָס העלפט עס? ווי זאָגט איר, אַ ברירה האָט מען? איך האָב געקרעכצט און באַצאָלט. וואָס-זשע טוט גאָט? נעם איך און לאָז אַראָפּגליטשן צו זיך אין קעשענע אַ זילבערנעם לעפל.

144. „מים גנובים״

ביי ר׳ בועז דעם רב האָט דער משרת אין אַ יום-טובדיקן טאָג אַראָפּגענומען בגניבה פון טיש אַ פלאַש ווייסן וויין און אַריינגע־שטעקט עס צו זיך אין קעשענע. דער רב האָט עס באַמערקט, גיט ער אַ פרעג דעם משרת:

— זאָג, וואָס איז דאָרט אין יענעם פלעשל, וואָס שטעקט דאָרט אַרויס ביי דיר פון דער קעשענע?

— וויים איך, קאַלטע וואַסער — ענטפערט דער משרת.

— גיב מיר נאָר אַהער אַ ביסל צו פאַרזוכן.

דער משרת האָט קיין ברירה ניט געהאַט און אַריינגעגאָסן אַ ביסל פון פלאַש אין אַ גלאָז. דער רב האָט פאַרזוכט און זיך אָפּ־גערופן:

— עפּעס האָט עס אַ זיסלעכן טעם, הערסטו, שלמה המלך איז טאַקע געווען אַ חכם און ניט אומזיסט זאָגט ער: „מים גנובים ימתקו״ (געגנבעטע וואַסער איז זיס).

פראַצענטניקעס

145. ביידע פון די ערשטע

צוויי מחותנים, ביידע פעטע פּראַצענטניקעס, זיצן ביי אַ ביסל ספּירט, פאַרבייסן גאַנץ געמיטלעך, און פירן צווישן זיך אינטים אַ שמועס. דערציילט איינער דעם אַנדערן:

— ווייסט איר, מחותן, פון וואָס איך האָב געמאַכט אַ פאַר־מעגן נאָר פון די ע ר ש ט ע ה ל ו א ו ת. דאָס ערשטע מאָל האָב איך יעדן געבן אַנטליען, פאַרשטייט זיך, גענומען אַ גוטן פּראָ־צענט, און דאָס ערשטע מאָל באַצאָלט מען געוויינלעך, כדי מען זאָל קענען לייען אַ צווייט מאָל. איך אָבער, אַז עס קומט צום צווייטן מאָל, גיב איך קיינעם ניט ער זאָל אַפילו זיין מר־בר־רב־אשי אַליין. און אַזוי איז מיר נאָך עד־היום קיין מאָל ניט פאַרפאַלן געוואָרן קיין איין פּרוטה.

— און איך, מחותן — באַרימט זיך דער צווייטער — האָב געמאַכט מיין עושר ביסל פאַרמעגן אויך פון די ערשטע, נאָר פון די ע ר ש ט ע מ ל ו ו ת. דאָס הייסט, אין יענע צייטן ווען איך האָב ניט היינט געדאַכט, ניט יענעם אַנטליען, נאָר ביי יענעם באַדאַרפט לייען, פלעג איך אַלע מאָל נעמען ביי אַן אַנדערן און קיינעם ניט אָפּגעבן דאָס ערשטע מאָל.

146. פול מיט ריבעס

איינער איז פאַרפאָרן ווינטער־צייט צו זיינעם אַ באַקאַנטן וואָכערניק, וואָס האָט געלעבט פון רבית (פּראָצענט). אין גאַס האָט געברענט דער פראָסט און אין שטוב איז אויך געווען אַ קרירה. כמעט ווי אין דרויסן ווייל דער וואָכערניק איז געווען אַ גרויסער קמצן און מען האָט ביי אים אין שטוב שוין אַ פּאָר טעג ניט געהייצט. רופט זיך אָן דער אורח צום בעל־הבית:

— ווי אַזוי שעמט איר זיך ניט, אין שטוב וואָס איז פול מיט רבית (ריבעס) זאָל זיין אַזאַ שרעקלעכע קעלט!

147. געשטעלט אויף די פיס

אַ פּראָצענטניק איז געגאַנגען אין גאַס מיט זיינעם אַ נאָענטן באַקאַנטן, ווייזט ער אים אָן פון וויטנס:

— זעסט גיין דאָרט יענעם פּראַנט מיטן קורצן שיינעם ראָק און מיט די לאַנגע הויזן, דאַרפסט וויסן, אַז אייגנטלעך האָב איך אים געשטעלט אויף די פּיס.

— מיט וואָס?

— מיט דעם, וואָס פריער פלעגט ער, ווי דו קוקסט אים אָן, שטענדיק אַרומפאָרן אין זיינער אַן אייגענער קאָרעטע. איצט האָב איך זי ביי אים צוגענומען פאַר אַן אַלטן חוב, גייט ער ביי מיר צו־פוס.

148. אַן אייביק פּלאַץ

אַ רייכער וואוכערניק איז געשטאָרבן, האָט די חברה־קדישא געפאָדערט ביי די יורשים אַ היפּשע סומע געלט פאַר דער קבורה. די יורשים האָבן זיך געדונגען, געמאַכט קולות: „סטייטש, אַזאַ רציחה אין דער וועלט! גלאַט וועלן ראַבעווען! — ס'האָט ניט גע־האָלפן. האָבן זיי זיך מישב געווען און זיינען געלאָפן זיך קלאָגן פאַרן גובערנאַטאָר. שיקט דער גובערנאַטאָר רופן דעם רב און פרעגט אים וואָס איז די מעשה. ענטפערט אים דערויף דער רב:

— דער פאַרשטאָרבענער איז געווען ביים לעבן אַ פּראָצענט־ניק, און אַזעלכע לייט, שטייט געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים, וועלן ניט אויפשטיין קיין תחית־המתים. הייסט עס, אַז מען גיט אים אַוועק אַ פּלאַץ ניט ווי אַן אַנדערן אויף אַ צייט, נאָר אויף אייביקע יאָרן; אַוודאי קומט צו נעמען טייערער פאַר אַזאַ אייביק פּלאַץ.

מוסרים

149. תקיפות פון אַ מסור

אין אַ שטעטל איז געווען איינער אַ מסור, וואָס האָט אָנגעטאָן שרעקלעכע צרות די בעלי־בתים מיט זיינע מסירות. באַלד עפּעס איז ביי אים געווען פּאַרטיק אַ „דאָנאָסל" אויף דעם און אויף יענעם, ניט אויסצוהאַלטן איז געווען פון אים. זיינען זיך מישב עטלעכע בעלי־בתים, שיקן רופן דעם בחור און זאָגן אים אַזוי:

— זיי וויסן, אַז מיר האָבן אויף דיר אָנצואווייזן אַזעלכע פאַר־ברעכנס, וואָס דו קענסט פאַר זיי פאַרפוילט ווערן אין תפיסה, זיינען מיר דיר מתרה, אַז אויב דו וועסט זיך דערוועגן צו געבן נאָך איין מסירה אויף וועמען ס'איז, נעמען מיר און שטעלן־צו, וואו מען דאַרף, דיר אַזאַ בענקעלע, אַז דו וועסט שוין פאַרזאָגן אויף קינדס־קינדער צו זיין אַ מסור.

שטייט דער מסור, הערט עס אוים און שמייכלט.

— וואָס שמייכלסטו? — פרעגן אים די בעלי־בתים — אויף וואָס פאַר אַ תקיפות שלאָגסטו עס?

— זאָלט איר טאַקע וויסן — ענטפערט ער — אַז איך בין מער תקיף פון אייך אַלע, ווייל איך ווייס פעסט, אַז קיינער פון אייך וועט ניט וועלן אויף קיין פאַל ווערן אַ מסור...

150. פאַרוואָס זאָל אַ ייד אַזוי הנאה האָבן

אַ יידישער מסור אין מינסק האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט און מען האָט אים מכבד געווען מיט היפּשע שמיץ ביי דער פּאָליציי. נאָכדעם ווען מען האָט אים שוין אָפּגעטאָן זיין רעכט, שטעלט ער זיך אַוועק ביי דער זייט און שמייכלט.

— וואָס קוועלט איר עס אַזוי? — טוט אים אַ פרעג איינער אַ ייד, וואָס איז דערביי געשטאַנען.

— פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט דער מסור — מיר טוט די זאַך ווילד הנאה, וואָס מ'האָט גענומען און אָפּגעשמיסן אַ יידן.

— אויב עס טוט אייך אַזוי הנאה — פרעגט אים יענער ווייטער — פאַרוואָס-זשע האָט איר בשעת מעשה אַזוי געשריען ניט מיט אייער קול?

— דערפאַר טאַקע — מאַכט דער מסור — האָב איך געשריען, ווייל מיר האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס זאָל אַ ייד האָבן אַזאַ הנאה?

עזות־פנימער

151. היינט און אַלע טאָג

צום באָברויסקער גביר ר' ברוך-מרדכי איז איינמאָל געקומען אַ ייד גאַנץ פרי זיך אויסצוטענהן וועגן עפּעס אַ זאַך און גענומען ריידן מיט גרויס עזות. ר' ברוך-מרדכי האָט אויף דעם יידן אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און אים געזאָגט אַזוי:

— הערט איר, אַלע מיינע יאָרן פלעגט מיר זיין זייער קשה די זאַך, ווי קומט עס וואָס ביי אונדז איז איינגעפירט צו זאָגן אין דאַוונען: „יהי רצון שתצילנו היום ובכל יום מעזי-פנים" — וואָס דאַרפן מיר בעטן גאָט ער זאָל אונדז מציל זיין פון עזות-פּנימער „היינט און אַלע טאָג"; אַ ייד פאַרפעלט דאָך ניט איין טאָג צו דאַוונען, איז דען ניט גענוג צו בעטן יעדן טאָג און אויף „היינט" אַליין, צו וואָס טויג נאָך צולעגן דערצו „אַלע טאָג"? איצט פאַרשטיי איך שוין דעם רעכטן טעם דערפון: די אַנשי-כנסת-הגדולה האָבן אַרויסגעזען מיט רוח-הקודש, אַז עס קען זיך מאַכן אַזאַ עזות-מחוצף-פּנים וואָס זאָל גאָר קומען גאַנץ פרי נאָך פאַרן דאַוונען, דערפאַר האָבן זיי איינגעפירט מען זאָל אויך זאָגן „און אַלע טאָג" — בעטן גאָט אויך אויף מאָרגן פאַרטאָג...

152. ווי דער מנהג איז

אַ יונגערמאַן אַ חצוף פון די נייע וואוילע יונגען איז געקומען צום מלבי"ם און אים אויף ליצנות אַ פרעג געטאָן:

— רבי, איך האָב אייך צו פרעגן אַ שאלה: ווען איינער גייט אין גאַס און באַגעגנט אַ בייזן הונט איז פאַראַן אַ מיטל זיך אַנידער־צוזעצן, און פאַר אַ רב ווידער מוז מען זיך אויפשטעלן; ווי־זשע איז דער דין, אַ שטייגער, אַז מען באַגעגנט מיטאַמאָל אַ רב מיט אַ הונט צוזאַמען, וואָס דאַרף מען טאָן דעמאָלט?

— די דאָזיקע שאלה — ענטפערט דער מלבי"ם — איז טאַקע אַ גאַנץ שווערע. נאָר אין אַזאַ פאַל דאַרף מען שטענדיק קוקן, ווי דער מנהג־העולם איז. ווייסטו וואָס, לאָמיר ביידע צוזאַמען אַרוים־גיין אין גאַס, וועלן מיר זען וואָס דער עולם וועט טאָן.

153. צוויי טייטשן

אַ רב איז געפאָרן מיט זיין שמש אין אַ וואָגן. אַנטקעגן זיי זיינען געזעסן צוויי געגאָלטע „דייטשן" און איינער פון זיי האָט ניט אויפגעהערט הוזק צו מאַכן פונעם רב. רופט זיך אָן דער שמש צום רב:

— רבי, וואָס איז די מעשה וואָס איר שוויגט דעם חצוף און לאָזט אים אַזוי פלאַפלען?

— איר ווייסט דאָך — ענטפערט דער רב — אַז אומעטום וואו ס'איז פאַראַן ביי רש"ין צוויי טייטשן, מוז שטענדיק זיין איינער פון זיי אַ „דבר־אחר".

אַפּאָרערס און ליגנערס

154. אמת אויף דער וועלט

איינער האָט געזאָגט:

— אָפט וועט איר הערן טענהן, אַז אויף דער וועלט איז ניטאָ קיין אמת; זאָג איך אייך, אַז דאָס איז בפירוש אַ ליגן. ס'איז גאָרנישט, גלויבט מיר, אַזוי ווי מען מאַכט. אַ באַוויז ווילט איר? אָט טראָגט מיר אַ יידענע אַלע טאָג מילך, קען איך אייך זאָגן אויף געוויס, אַז דאָס איז אמתע וואַסער.

155. דעם רמב״מס זייגערל

אַ גרויסער ליבהאָבער פון זעלטענע אַלטע זאַכן, איז איין מאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ קרעמל, וואו עס פאַרקויפט זיך אַזעלכע אַנטיקוואַרישע זאַכן, און געזאָגט דעם קרעמער, ער זאָל אים ווייזן אויף צו קויפן עפּעס אַלטוואַרג פון די אַנטיקן. דער קרעמער וואַרפט אָן אויג אין אַלע ווינקעלעך, כאַפּט פון ערגעץ אַ ווינקל אָן אַלט זייגערל, דערלאַנגט דעם קונה און זאָגט אים:

— זעט איר, מיין ליבער ייד, אָט האָט איר פאַר אייך אַ זייגערל פון די גרעסטע חידושים אויף דער וועלט. אַז דער רמב״ם איז געווען אַ באַרימטער דאָקטאָר, ווייסט איר געוויס, איז אָט דאָס זיין זייגערל, אויף וועלכן ער פלעגט קוקן ווען ער האָט געהאַלטן דעם דפק פונעם קראַנקן, און געבראַכט האָט עס דער רמב״ם מיט זיך ווען ער איז געקומען צוריק פון אַמעריקע.

— וואָס רעדט איר — וואונדערט זיך דער קונה — דער רמב״ם איז דען געווען אַמאָל אין אַמעריקע? ווער האָט דען געוואוסט אין זיינע צייטן אַפילו צי ס׳איז פאַראַן אַן אַמעריקע גאָר אויף דער וועלט!

— הערסטו — מאַכט דער פאַרקויפער — אָט דאָס איז דאָך דער חידוש, און דערפאַר איז דאָך טאַקע דאָס זייגערל אַן אַנטיקל!

156. אַ יידישער טאַטע

אין אַ קליין שטעטל איז געקומען איינער אַ פרעמדער, געזאָגט, ער הייסט אברהם און איז אַ גר, און ער איז אַרומגעגאַנגען און געמאַכט ביים עולם געלט. דערווייל האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז פשוט אַ יידישער רמאי, וועלכער האָט זיך געמאַכט אַ פרנסה דערפון, וואָס ער נאַרט-אָפּ דעם עולם, אַז ער איז כלומרשט אַ גר. שיקט אים רופן דער רב און נעמט זיך בייזערן אויף אים וואָס ער איז געקומען אַהער אין שטעטל אָפּנאַרן אַ גאַנצן קהל און דערציילן מעשיות, אַז ער הייסט אברהם און איז אַ גר.

— רבי — זאָגט יענער — איך האָב נישט אויסגעטראַכט, אברהם הייס איך טאַקע; אֵי וואָס, איך קום אַרויס פון יידן? הויב איך ניט אָן צו פאַרשטיין מיט וואָס וואָלט אייך בעסער געווען ווען מיין טאַטע וואָלט געווען אַ גוי. וואָס, אַ שטייגער, קען אייך הארן, אַז מיין טאַטע איז אויך געווען אַ ייד!

157. אָפּגענאַרט גאַנץ אָדעס

אַ קליינשטעטלדיקער איז געקומען אַהיים פון דער גרויסער שטאָט אָדעס צו זיך אין שטעטל, באַרימט ער זיך, אַז ער האָט קונציק אָפּגענאַרט גאַנץ אָדעס.

— ווי אַזוי? — פרעגט אים איינער פון זיינע באַקאַנטע.

— גאָר פּשוט — ענטפערט ער — ווען איך בין געקומען קיין אָדעס האָב איך יעדן באַזונדער געזאָגט, אַז רופן רופט מען מיך ניט ברוך, ווי איך הייס, נאָר גאָר זרח — און ביי די אָדעסער איז עס געבליבן רעכט ביז היינטיקן טאָג.

158. גאָר קיין קונץ ניט

דער בריסקער גאון ר׳ יוסף-בער, דערציילט מען, האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ הירשל-לייב דעם וואָלאָזשינער ראש-ישיבה. דערנאָך זיינען זיי געוואָרן צווישן זיך מחותנים, און ר׳ יוסף-בערס זון האָט גענומען ר׳ הירשל-לייבס טאָכטער. אויף דער חתונה זיינען געקומען די גרעסטע רבנים און למדנים פון יענער צייט. זיצט מען און מ׳איז זיך מפלפל, ווי דער שטייגער, אין תורה, רופט זיך אָן ר׳ יוסף-בער:

— הערט רבותי! גענוג זיך שוין מפלפל צו זיין. ס׳איז דאָך עפּעס אַ חתונה און מען דאַרף משמח זיין חתן-כלה. ווייסט איר וואָס, אויב איר ווילט קען איך אייך באַווייזן אַ קונץ: זאָל אָקאָרשט דער מחותן ר׳ הירשל-לייב אויף יעדן עק פון טיש אַוועקלייגן אַ זילבער-נעם רובל און אין מיטן טיש זאָל מען אַוועקשטעלן אַ גלאָז, וועל איך זאָגן אַזעלכע ווערטער און אַלע פיר רובל וועלן זיך באַווייזן אינעווייניק אין גלאָז. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלט וועט דעמאָלט געהערן צו מיר. און כדי קיינער זאָל מיך ניט חושד זיין, אַז איך מאַך דאָ, חלילה, עפּעס אַ פאַלש, שטעל איך זיך אַוועק ווייט פונעם טיש.

ווייבאַלד דער מחותן האָט אַוועקגעלייגט די פיר זילבערנע רובל אין די פיר עקן טיש, טוט ר׳ יוסף-בער אַ זאָג צום חתן:

— חיימקע! נעם אָקאָרשט די רובלען און לעג זיי אַריין אין גלאָז.

און חיימקע האָט אַזוי געטאָן. דאָ האָט זיך אויפגעהויבן ר׳ הירשל-לייב מיט אַ געשריי:

— ניין, דאָס איז ניט קיין קונץ, מחותן, דאָס הייסט גאָר פּשוט אויסגענאַרט.

בלייבט מען זאָל האָבן אַ דין־תורה. רבנים זוכן האָט מען ניט באַדאַרפט: ס'איז געווען אויפן אָרט, ברוך־השם, איבער גענוג. האָבן זיך די רבנים אַנידערגעזעצט צום דין־תורה. לאַנג־לאַנג האָט מען זיך געאַמפּערט; ביידע צדדים האָבן אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות און שאַרפע חריפות. צום סוף האָבן די רבנים אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין, אַז דאָס געלט קומט ר' יוסף־בערן, ווייל אַזוי אויסנאַרן הייסט אויך אַ קונץ.

ווען ר' יוסף־בער האָט שוין געהאַט די פיר זילבערנע רובל ביי זיך אין קעשענע, רופט ער זיך אָן צו ר' הירשל־לייבן:

— איר ווייסט, מחותן, איר האָט געהאַט איין טענה אַ גוטע, מיט וועלכער איר וואָלט געקאָנט גאָר אין גאַנצן מבטל מאַכן דעם פּסק־דין.

— דהיינו?

— איר וואָלט געקענט טענהן, אַז ביי אייך אויסנאַרן איז גאָר ניט קיין ק ו נ ץ.

159. אַלץ אמת אויסער איניקע קליניקייטן

יידן זיצן אין אַן אייזנבאַן־וואַגאָן און פירן צווישן זיך אַ שמועס. ווי דער שטייגער, נעמט איינער דערציילן חידושים פון דער גרויסער שטאָט אָדעס:

— שטעלט זיך פאָר וואָס אין אַזאַ אָדעס קען מען זיך פאַר־גינען: מ'האָט אויסגעשריבן אַ חזן, אמת, שוין איינמאָל אַ חזן, אַ צאַצקע, אַ חזן פון חוץ־לאַנד. אָדער ווי זיי רופן אים דאָרט „קאַנ־טער", — וויפל אָבער, אַ שטייגער, מיינט איר, פאַרגינען זיך אָדעסער שאַרלאַטאַנעס צו צאָלן דעם נייעם „קאַנטער" שכירות אַ יאָר? ניט מער און ניט ווייניקער ווי צוואַנציק טויזנט קאַרבן, אַחוץ זייטיקע הכנסות און גלאַט מתנות...

— צוואַנציק טויזנט! מאַכט איינער — דאָס איז שוין אַ שטיקל גוזמא.

— און איך זאָג אייך — רופט זיך אָן אַן אַנדערער — אַז ס'איז גאָרנישט קיין ברעקל גוזמא. מיר איז אויך באַקאַנט די מעשה, נאָר געווען איז זי אַ ביסל אַנדערש: ניט אין אָדעס איז דאָס פאַרגע־

קומען נאָר אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און ניט מיט אַ חזן נאָר מיט אַ סוחר פון געהילץ און ניט ער האָט פאַרדינט צוואַנציק טויזנט נאָר אַנגעוואוירן דרייסיק טויזנט. ווייטער, אויסער די אייניקע קלייני־קייטן, איז אַלץ אמת.

160. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט

— דו ווייסט, גוטער ברודער, איך באַדאַרף בענטשן „גומל״.

— וואָס איז? וואָס פאַר אַ נס האָט זיך מיט דיר געטראָפן?

— אַ נס צו אַ נס איז ניט גלייך. שטעל זיך פאָר מיין לאַגע: אויפן וועג קומט מיר אויס דורכצופאָרן אַרום האַלבע נאַכט אַ געדיכטן וואַלד. ס׳איז שטאָק־פינצטער, קיין לעבעדיקן נפש זעט מען ניט, נאָר עס הערט זיך גאָר פון נאָענט אַ שרעקלעך ברומען פון אַלערליי חיות רעות. פלוצעם וואַקסט־אויס אַקעגן מיר, גלייך ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, צוועלף גזלנים, אומגעהויערע ריזן, מיט אָנגעלאָדענע ביקסן אָנגעשטעלט אַלע אויף מיר — אָט־אָט שיסן זיי אויס און ס׳איז אַן עק פון מיר.

— ווי אַזוי־זשע פאַרט ביסטו ניצול געוואָרן?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאָט, טוט גאָט איין קלייניקייט: לאָזט זיך אויס, אַז די גאַנצע מעשה, פון אָנהויב ביזן סוף, **איז אַ ליגן.**

161. אַ טאָקער

אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר פון די געוויסע ליגנערס האָט זיך געקליבן צו פאָרן אויף אַ שטיקל צייט קיין מאָסקווע, און זיך גענומען נאָכ־פרעגן ביי געניטע לייט, וואו מען געפינט דאָרט אַ זיכערע אַכסניא וואו אַ ייד ווי ער זאָל קענען איבערנעכטיקן עטלעכע נעכט אָן ציטערניש פאַר פּאָליציי. רופט זיך אָן צו אים זיינער אַ גוטער ברודער:

— וואָס טויגן דיר אַזעלכע קונצן? אַ ייד ווי דו האָסט אין מאָסקווע אין אַלע צייטן וואוינרעכט גאָר אויף אַ כשרן אופן: דו האָסט דאָך אַ מלאכה אין די הענט.

— וואָס פאַר אַ מלאכה?

— וואָס פרעגסטו? דו ביסט דאָך אַ טאָקער אַ קינסטלער, און האָלסט אין איין טאָקן ליגנס אויף וואָס די וועלט **שטייט...**

162. נישט לאָזן יענעם רעדן

צום לאַנדאָנער רב ר׳ נתן אַדלער איז אַמאָל געקומען אַ ייד, אָפּגעזעסן אַ היפּשע צייט און געהאַלטן אין איין רעדן. ווי נאָר ר׳ נתן האָט געוואָלט אויך עפּעס זאָגן אַ וואָרט, האָט יענער איבערגע־האַקט און ווייטער געשאָטן מיט רייד.

צום סוף זאָגט דער ייד דעם רב, אַז ער וויל אים דערציילן וואָס ער האָט געהערט פון איינעם אַ גרויסן רב. זאָגט אים ר׳ נתן: ס׳איז אַ ליגן!

— וואָס הייסט, רבי — וואונדערט זיך יענער — איר האָט דאָך נאָך ניט געהערט וואָס איך וויל אייך דערציילן, פון וואַנען ווייסט איר אַז ס׳איז אַ ליגן.

— גאָר פּשוט — זאָגט דער רב — ווי איז דאָס מעגלעך איר זאָלט פון עמעצן הערן, אַז איר לאָזט קיינעם קיין וואָרט ניט אויס־רעדן!

163. אָפּגעברענט

אַ ייד איז אַריינגעקומען אין אַ שטוב בעטן אַ נדבה, ער איז נעבעך אַ נשרף.

— פון וואַנען קען איך וויסן — פרעגט יענער — אַז איר זענט אַ נשרף.

— וואָס הייסט פון וואַנען? — ענטפערט דער אָרעמאַן — אָט האָט איר אַ כתב פונעם רב פון אונדזער שטעטל.

— ווי אַזוי קען איך וויסן, אַז ס׳איז אַ ריכטיקער כתב?

— וואָס הייסט ווי אַזוי? אָט האָט איר אַ קלאָרן באַווייז, דער כתב איז אין אַ ווינקל אַ ביסל אָפּגעברענט פון דער שׂרפה.

164. קען אַריינפאַלן

איינעם אַ געוויסן ליגנער פון אַ קליין שטעטל לעבן ווילנע האָט מען אַמאָל געפרעגט:

— וואָס דאַרפסטו פאָרן קיין ווילנע און דערנאָך דערציילן פון דאָרט אויסגעטראַכטע ליגנס; אַ מער קענסטו זיך רואיק זיצן

אין דער היים און דאָ אויפן אָרט אויסטראַכטן די אייגענע ליגנס פון ווילנע?

— ווען איך פאַר ניט — האָט ער געענטפערט — קען זיך מאַכן איך זאָל אַמאָל אַריינפאַלן און גראָד דערציילן אַן אמת.

געשעפטן און שטעלעס

165. ווי אין „ספירה“

— ווי גייען די געשעפטן? — פרעגט איינער אַ נאָענטן באַקאַנטן ביים באַגעגענען זיך.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — ענטפערט יענער — די געשעפטן, גוטער ברודער, גייען ווי אין „ספירה“.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז וואָס מער מען ציילט ווערט אַלץ ווייניקער, און יענעם טאָר מען ניט אויסזאָגן וואו מען האַלט אין דער „ספירה“...

166. אַ גוט געשעפט

איינער קלאָגט זיך פאַר זיינעם אַ גוטן פריינד, אַ ווערטלזאָגער, אַז די געשעפטן זיינע גייען אים שלים-שלימזל, און פרעגט ביי אים אַן עצה, וואו נעמט מען עפעס אַ ניי געשעפט, נאָר אַ גוטס, וואָס גוט הייסט.

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן — מאַכט יענער — פאַלג מיך און גיי אין דער ערד, ווייל דאָרטן ליגן היינטיקע ציטן די בעסטע געשעפטן.

167. אַ געשעפט אויף כמה יאָרן

— איר קלאָגט זיך — זאָגט איין ייד צום אַנדערן, אַז איר האָט ניט קיין געשעפטן, האָב איך פאַר אייך אַ געשעפט אויף גאָר אַ היפשע צייט: אַנו פרואווט מיר אַנטלייען אַ פאָר הונדערטער, וועט איר זען, אַז איר וועט האָבן מיט גאָטס הילף אַ געשעפט מיט מיר אויף כמה וכמה יאָרן.

168. אין דער ערד

אַ געוויסער קיעווער צוקער־מעקלער ברוך הורוויץ איז קראַנק געוואָרן און געהאַלטן ביים שטאַרבן. איז אים געקומען בראָדסקי מבקר חולה זיין פאַרן טויט — און דעמאָלט איז צוקער געשטאַנען זייער אין אַ שלעכטער לאַגע. רופט זיך אָן דער חולה:

— איר ווייסט, הער בראָדסקי, צוקער איז איצט אין דער ערד, רופט מען מיך אַפּנים אַהין זיין אַ מעקלער...

169. ווי איבער אַ יאָר

צוויי סוחרים באַגעגענען זיך. פרעגט איינער דעם אַנדערן?

— ווי גייט עס?

— עס גייט שוין, ברוך השם, ווי איבער אַ יאָר — ענטפערט יענער.

— וואָס הייסט, ווי איבער אַ יאָר.

— פאַרשטייט איר, יידישע געשעפטן מוזן דאָך וואָס אַ יאָר גיין ערגער און ערגער, האַלטן שוין די געשעפטן מיינע אויף איבעראַיאָריקן שטייגער.

170. די בעסטע פּרנסה

— ווי מיינט איר — פרעגט מען אַ יידן, אַ געניטן אין וועלט־זאַכן—ווי מיינט איר, וואָס קען מען רעכענען פאַר אַ גוטער פּרנסה, אַז מען זאָל זי קענען ראַטן אַ נאָענטן מענטשן.

— איך רעכן — ענטפערט יענער — אַז די בעסטע פּרנסה איז צו ווערן אַ בעקער. ווי עס זאָל נישט גיין, אָבער מיט ברויט אין שטוב איז מען שטענדיק פאַרזאָרגט.

— יאָ, וואָס טוט מען אָבער, אַז מ'האָט ניט קיין מעל אויף צו באַקן?

— אַ קלוגע שאלה! דעמאָלט איז מען דאָך ניט קיין בעקער.

171. אַ פּרנסה אויף קינדער און קינדס־קינדער

אַ יונגערמאַן פון די „זיידענע איידעמלעך" האָט באַדאַרפט אַראָפּ פון קעסט, האָט ער גענומען האַנדלען. און באַלד ווי דער

שטייגער, אַנגעוואוירן דעם גאַנצן נדן. קומט ער צו איינעם פון די היינטוועלטיקע סוחרים צו בעטן פאַר זיך עפּעס אַ פּאַסיקע שטעלע. רופט זיך אָן דער סוחר צום ייִדענעם יונגנמאַן:

— יאָ, ס'איז פאַראַן אַ שטעלע אַ בכבודיקע, גלייך ווי אַנגע־מאָסטן פאַר אייך: איר ווייסט דאָך, אַז דריי טעג פאַר משיחס קומען וועט אליהו הנביא אַרויף אויפן באַרג מוריה און בלאָזן מיטן גרויסן שופר. וואָס־זשע דאַרפט איר טאָן? ניט מער ווי שטיין און וואַרטן ביי יענעם באַרג, און באַלד ווי איר וועט נאָר דערזען פון דער ווייטנס אליהון גיין מיטן גרויסן שופר, זאָלט איר לויפן געשווינד אָנזאָגן די בשורה ביי אונדז אין שטעטל.

גוט — זאָגט דער יונגערמאַן — וויפל וועל איך האָבן דערפאַר געהאַלט?

— צען גילדן אַ וואָך.

— קען מען דען לעבן און מפרנס זיין ווייב און קינד מיט אַזאַ געהאַלט?

— אמת, יונגערמאַן — מאַכט דער סוחר — גערעכט זענט איר, דאָס געהאַלט איז קליינלעך, דערפאַר אָבער קענט איר זיין באַ־וואָרנט מיט אַ שטענדיקער פּרנסה אויף קינדער און קינדס־קינדער.

172. ניט געפּרואווט

איינמאָל אין איינעם פון די יאַריד־טעג האָט מען אין בית־המדרש פאַרנאַכט־צייט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער אַריינצורופן אַ יונגנמאַן, וואָס איז דורכגעגאַנגען. דער יונגערמאַן איז אַריינגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס מען רופט אים.

— אויף וואָס רופט מען אים אין אַ בית־המדרש? — ענט־פערט מען אים — ס'איז שוין צייט מנחה צו דאַווענען, פעלט איינער צום מנין.

— ניין — זאָגט ער — איך קען ניט פאַרבלייבן דאַווענען מנחה, ווייל איך האָב שוין אויסגעפּרואווט, אַז שטענדיק ווען איך דאַוון ניט קיין מנחה האָב איך אַ גוטן יאַריד.

— נו און אַז איר דאַוונט יאָ?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך האָב עס קיינמאָל נאָך ניט געפּרואווט.

173. פון יענעמס שוויס

יידן פאָרן אין אייזנבאַן־וואַגאָן און ווי געוויינלעך, שמועסט מען וועגן יידישע געשעפטן און פרנסות. רופט זיך אָן איין ייד:
— מען זאָגט, אַז אַזאַ ייד ווי איך לעבט פון לופט; גלויבט עס נישט. ניט פון לופט: נאָר פון שוויים לעב איך, טאַקע ווי אין פסוק שטייט: „בזעת אפך״... אוי ברודער, באַגיסט מען זיך מיט טייכן שוויים איידער מען פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט.
— און איך — זאָגט אַ צווייטער ייד — לעב אויך פון שוויים, אָבער ניט פון אייגענעם נאָר פון פרעמדן שוויים...
— וואָס הייסט — פרעגט מען אים — איר זענט אפשר אַ פאַבריקאַנט, און ביי אייך אויף דער פאַבריק אַרבעטן מיט שוויים אַ סך אַרבעטער.
— חלילה, ווי קום איך צו זיין אַ פאַבריקאַנט? איך בין פשוט אַ בעדער.

174. איבערנעכטיקן

צו איינעם אַ גביר איז געקומען זיינער אַן אָרעמער קרוב בעטן פאַר זיך עפּעס וואָס־עס־איז אַ שטעלע. דער גביר לייגט אים פאָר פאַרשיידענע שטעלעס ביי זיך און דער קרוב זאָגט זיך אַלץ אָפּ: דאָס קען ער ניט, יענס שטייט אים ניט אָן, צי ס׳איז אים גלאַט שווער.
— אדרבא — מאַכט אים דער גביר — זאָגט איר אַליין וואָס פאַר אַ שטעלע ווילט איר ביי מיר באַקומען?
— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט דער אָרעמער קרוב — עס מאַכט זיך אַמאָל, מען פאָרט אַלע וואָך פון אַ שטוב, אויף אַ חתונה, אַ שטייגער, דאַרף מען דעמאָלט האָבן איינער זאָל בלייבן אין שטוב נעכטיקן. קען איך, פאַרשטייט איר מיך, פאַרנעמען ביי אייך אויף שטענדיק די שטעלע פון אַן איבערנעכטיקער.

175. אַ גוטער בעל־יועץ

צו אַ סוחר אַ גביר מיט אַ סך גרויסע געשעפטן איז געקומען איינער פון זיין ווייבס קרובים בעטן עפּעס אַ שטעלע.
— וואָס פאַר אַ שטעלע — פרעגט אים דער גביר — וואָלט איר געקענט פאַרנעמען? אַ בוך קענט איר פירן?

— ניין, דאָס קען איך ניט — ענטפערט יענער.

— אפשר קענט איר זיין אַ קאָרעספּאָנדענט, דאָס הייסט בריוו שרייבן?

— ניין, דאָס אויך ניט.

דער גביר רעכנט אויס נאָך אַנדערע שטעלעס, און דער קרוב ענטפערט אַלץ ניין און ניין.

— זאָגט־זשע מיר, מיין ליבער ייד — מאַכט דער גביר — וואָס פאַרט קענט איר יאָ?

דער קרוב פאַרטראַכט זיך אַ ביסל און זאָגט דערנאָך מיט אַ געהויבענער שטימע:

— אָט וואָס: גאָט האָט אייך געבענטשט און איר האָט, קיין עין־הרע, אַזעלכע גרויסע עסקים, איז כ'לעבן פאַר אייך שטאַרק נויטיק צו האָבן שטענדיק ביי דער זייט איינעם אַ מענטשן אַזוינעם, מיט וועלכן מען קען זיך מיישב זיין און עצהן זיך ווען מען באַדאַרף. און דאָס, הערט איר, מעג איך זיך אַליין לויבן, אַז ווי איר קוקט מיך אָן בין איך ברוך השם, אַ גוטער בעל־יועץ.

— אויב אַזוי — רופט זיך אָן דער גביר — וויבאַלד איר זענט יאָ אַזאַ גוטער בעל־יועץ, וואָלט איך אייך געבעטן איר זאָלט מיר שוין תיכף טאַקע געבן די ערשטע עצה: ווי אַזוי ווערט מען אייערער פּטור?

176. זיך נישט קלאָגן

אַ מענטש וואָס זוכט אַ שטעלע איז געקומען צו איינעם פון די קליינע סוחרימלעך בעטן עפּעס אַ שטעלע.

— איך האָב איין מענטשן — זאָגט יענער — און ער קלאָגט זיך אויך אַז ער האָט ניט וואָס צו טאָן.

— אויב אַזוי — מאַכט דער שטעלע־זוכער — זאָגט־אָפּ אייער מענטשן און נעמט־צו מיך וועל איך זיך נישט קלאָגן.

177. אַ מציאה

אַ באַקאַנטער באַגעגנט אויף אַ יאַריד אַ מלמד פון אַ נאָענט שטעטל, פרעגט ער אים: וואָס טוט ער דאָ, וואָס פאַר אַ „מציאות" רעכנט ער דאָ צו האַנדלען?

— האַנדלען? — מאַכט דער מלמד — דאָס איז זייער אַן איידעלע זאַך, מען דאַרף האָבן אויף דערויף מזומנים, און ווי קום איך דערצו. נאָר איין מציאה האָף איך דאָך צו כאַפּן: עס פאָרן צוריק פונעם יאַריד פורן אין אונדזער שטעטל אַזוי פיל, ווי וועל איך צווישן זיי ניט קריגן קיין איין אומזיסטיקע פור?

178. שיינע געשעפטן

אַ רב פון אַ קליין שטעטל איז געקומען קיין וואַרשע צום דאָקטאָר און פאַרבליבן דאָרט אויף עטלעכע טעג. שבת בייטאָג לאָזט ער זיך דורכגיין אַ ביסל שפּאַצירן איבער די וואַרשעווער גאַסן. גייט ער פאַרביי אַ היפּשע קראָם, שטעלט ער זיך אָפּ און באַטראַכט זי. רופט זיך אָן צו אים דער קרעמער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר:

— רב קרוב, קומט-אַריין אין קראָם, דאָ האָט איר די טייערסטע סחורה בחצי חנם, פאַר האַלב געלט באַקומט איר דעם בעסטן אַנצוג.

דער רב וואונדערט זיך און טוט אַ זאָג דעם קרעמער:

— איר זענט אַ ייד, ווי-זשע שעמט איר זיך ניט צו פירן בפרהסיא אום שבת געשעפטן?

— געשעפטן רופט איר עס אָן — מאַכט דער קרעמער — אַז איך זאָג אייך בנאמנות איך גיב אַוועק אַ גאַנצן אַנצוג פאַר האַלב געלט? שיינע געשעפטן!

179. אַ שׂכחה-קרעמל

איינער דערציילט דעם אַנדערן, אַז די לעצטע צייט האָט ער זיך געמאַכט אַ שכחה-קרעמל. און אויף יענעמס שאלה, וואָס דאָס הייסט, דערקלערט ער:

— דאָס הייסט ווייט פון מאַרק, און אין אַ פאַל פון שכחה, ווען אַ יידענע, מאַכט זיך, פאַרגעסט עפּעס איינצוקויפן אין מאַרק, קומט זי צו מיר אין קרעמל דערקויפן וואָס עס פעלט איר עפּעס דרויב-זאַכן.

— האָט איר פרנסה פון אייער שכחה-קרעמל?

— אַ שיינע פרנסה, אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן!

מיינע קונים, וואָס קומען צו מיר אין קרעמל, האָבן זיך ליב צו דינגען אין טאָג אַריין און איך מוז פאַרקויפן מיין סחורה ביליק, ביליקער אָפּטמאָל ווי מיר אַליין קאָסט. היינט דאַרפט איר וויסן, אַז די יידענע וואָס פאַרגעסט איינצוקויפן אין מאַרק, פאַרגעסט אויך גאַנץ אָפט מיטצונעמען געלט, און ווען זי נעמט ביי מיר אין קרעמל אָן געלט, פאַרגעסט זי דערנאָך אָפּצוגעבן.

— צו וואָס-זשע, זאָגט מיר, טויג אייך אין גאַנצן האַלטן דאָס קרעמל?

— וואָס רעדט איר, זאָלט איר מיר געזונט זיין! פון וואַנען דען וועל איך לעבן?

180. ניט געלעבט, ניט געשטאָרבן

אַ קרעמער באַגעגנט זיינעם אַ גוטן פריינד און קלאָגט זיך פאַר אים אויף די שלעכטע צייטן.

— איך פאַרשטיי ניט וואָס דאָס איז — זאָגט ער — איך האָב מיין אייגנס ניט אין קאָפּ נאָר גאַנצע צוויי: פון ברויט און לייוונט, און פון ביידע פאַרדינט זיך ניט קיין גראָשן אויף פרנסה. פאַרשטיי איך ניט וואָס דאָס הייסט: ממה-נפשך: לעבט די וועלט — דאַרף מען דאָך עסן ברויט, שטאַרבט מען — דאַרף מען דאָך לייוונט אויף תכריכים!

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט? — ענטפערט יענער — די וועלט, אייגנטלעך, ניט זי לעבט, ניט זי שטאַרבט — זי מאַטערט זיך...

181. אַ רעכטער קונה

איינער איז אַריינגעקומען אין אַ יאַטקע און פאַרלאַנגט דער קצב זאָל אים וועגן 19 און אַ האַלב פונט פלייש. דער קצב האָט אַ נעם געטאָן פון קלאָץ אַ „זייטל פלייש" און אַרויפגעלעגט עס אויף דער וואָג. וועגט עס פונקט אַ האַלבן פוד.

— נעמט עס אינגאַנצן — זאָגט דער קצב — וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט נאָך אַ האַלב פונטל?

— ניין — מאַכט יענער — איך דאַרף פונקט 19 און אַ האַלב.

דער קצב האָט אָפּגעשניטן פונעם שטיק אַ האַלבן פונט, און

פֿרעגט דעם יידן, צי ער וועט דאָס פֿלייש נעמען מיט זיך, אָדער ער זאָל עס אים צושיקן אַהיים.

דערויף ענטפֿערט יענער:

— איר דאַרפֿט זיך ניט מטריח זיין. חלילה, איר מיינט איך וועל עס קויפֿן? נאָר אַזוי ווי איך בין ערשט אַרויס פֿון שפּיטאָל און דאָרט האָט מען מיר געזאָגט אַז איך האָב פֿאַרלוירן 19 און אַ האַלב פֿונט, האָב איך בלויז געוואָלט זען מיט מיינע אויגן וואָס פֿאַר אַ שטיק פֿלייש דאָס איז.

182. נאָך דער צייט

אַ גרויסהענדלער האָט זיך בעראַטן מיט זיין געשעפֿטס־פֿירער: וואָס טוט מען מיט אַ צוואַנציק בלוזעס, וואָס זיינען פֿאַרבליבן נאָך דער צייט. און קיינער וויל זיי אין דער האַנט ניט נעמען? ער איז גרייט אָפּלאָזן און פֿאַרקויפֿן זיי אונטער דעם קרן, אַבי פּטרן זיי אַלע מיטאַמאָל.

— איך האָב אַן עצה — מאַכט דער געשעפֿטספֿירער — מיר וועלן זיי צושיקן צו פֿיר פֿון אונדזערע בעסטע קונדן, יעדן צו פֿינף שטיק, און שרייבן יעדן דערביי אַז מיר שיקן פֿיר. איך קען, ברוך השם, אונדזערע יידן און ווייס גאַנץ גוט אַז אויף אַן אומזיסטער זאַך איז אַ ייד אַ בעלן אין אַלע צייטן, וועלן זיי עס געוויס אויפֿכאַפּן.

דער סוחר האָט געהייסן טאָן לויט דער עצה פֿונעם געשעפֿטס־פֿירער.

אין אַ שטיקל צייט פֿרעגט דער סוחר דעם געשעפֿטספֿירער זיינעם, וואָס עס הערט זיך מכּוח די בלוזעס?

— וואָס זאָל זיך הערן? — ענטפֿערט יענער — גאָט האָט זיך עס אויסגעקליבן אַ פֿאָלקל, זאָג איך אייך! אונדזערע קונדן האָבן געטאָן איין קליינע קיים: זיי האָבן צוריק אָפּגעשיקט די בלוזעס, יעדער צו פֿיר, ווי מיר האָבן געשריבן, מיט אַ צעטל אַז די סחורה נוצט זיי ניט, ווייל ס'איז נאָך דער צייט.

183 זוכט צוויי שותפֿים

איינער האָט געזאָגט:

— איך זוך איצט צוויי שותפֿים צו אַ געשעפֿט: איינער זאָל

אַריינלייגן דאָס געלט וואָס מען דאַרף צום עסק, און איינער זאָל אויף זיך נעמען צו פירן דאָס געשעפט.

184. אין מיטן טוט מען אַ שטאַרב

איינער אַן אונטערנעמער (פּאַדריאַטשיק), גאָר פון די גרויסע, רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר זיינעם אַ גוטן פריינד:

— די וועלט לעבט אין טעות און מיינט, אַז וויבאַלד אַן אונטער־נעמער פלאַמט און פּלאַקערט, מאַכט ער געווים די גלענצנדסטע געשעפטן, און פון יעדער אונטערנעמונג שאַרט ער אַן גאָלד מיט לאָ־פּעטעס. עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, ס׳איז נישטאָ, זאָג איך אייך, איין אונטערנעמונג וואָס מען זאָל צו דעם נישט דערלעגן, פון פאַר־דינען איז אָפּגערעדט.

— וואו־זשע, זאָגט מיר — פרעגט יענער — נעמט איר יעדעס מאָל צו דערלייגן?

— איך וועל אייך אויסזאָגן דעם סוד: אַלע מאָל נעם איך אָן וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערע אונטערנעמונג, עס זאָל זיין דערוויל מיט וואָס צו פאַרדעקן די פריערדיקע און אַ ביסל פּאַלט־אַראָפּ אויף חיי־שעה אויך.

— אָבער עס מוז דאָך קומען אַמאָל צו אַ סוף?

— וואָס פאַר אַ סוף? דערווייל העלפט גאָט און אין מיטן טוט מען אַ שטאַרב.

סוחרים, באַנקראָטן

185. וואָס די ערד דעקט צו

— האָט איר שוין דאָס וועקסל אונטערגעשריבן?

— יאָ, איך זוך נאָר אַ ביסל זאַמד אויף צו באַשיטן.

— וואָס טויג אייך זאַמד? אָט האָט איר דאָך לעש־פּאַפּיר.

— ניין, איך האָב ליב אַ וועקסל מיט זאַמד צו באַשיטן.

— פאַרוואָס עפּעס בעסער מיט זאַמד?

— פאַרשטייט איר, די וועלט זאָגט: וואָס די ערד דעקט צו פאַרגעסט מען...

186. נו-נו

איינעם אַ סוחר איז געקומען אַ היפשער חוב פון אַ צווייטן סוחר אין אַן אַנדערער שטאָט. וויפל ער האָט שוין געשריבן בריוו און דערמאָנט מיטן הארבן וואָרט וועגן דעם חוב, האָט אַלץ ניט געהאָלפן: יענער האָט זיך אַלץ אָפּגעבעטן אַלע מאָל אויף אַ נייעם טערמין. געקומען פאַרן לעצטן טערמין הייסט דער סוחר זיינעם אַ מענטשן אין קאָנטאָר אָנשרייבן צו יענעם סוחר אַ דעפּעש, נאָר עס זאָל זיין וואָס קירצער, ווייל יעדעס וואָרט קאָסט געלט. דער מענטש האָט אָנגעשריבן גאָר אַ קורצע דעפּעש, דער סוחר האָט אָבער געפונען, אַז דאָס איז אויך צו לאַנג, און גלאָט שרייבן איבעריקע ווערטער אין אַ דעפּעש איז אַן עבירה פאַר גאָט, דאָס הייסט נעמען און פשוט וואַרפן געלט אין בלאָטע.

— דאַכט זיך, אַז מער קען מען ניט פאַרקירצן — מאַכט דער מענטש.

— אָט וועל איך אייך ווייזן ווי מען שרייבט קורץ און שאַרף — זאָגט דער סוחר, נעמט די פען און שרייבט איין וואָרט: „נו".

מ'האָט אָוועקגעשיקט די דאָזיקע דעפּעש, און אויף מאָרגן קומט-אָן פונעם בעל-חוב אַ טעלעגראַפישער ענטפער: „נו-נו".

187. אַ גרויסער בעל-חוב

אַן אָרעם יינגל איז אַריינגעקומען אין אַ גרויסער קראָם עפּעס צו קויפן. בלייבט ער שטיין פאַרגאַפט און באַטראַכט די קראָם פון אַלע זייטן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקוקט, יינגעלע, — פרעגט אים דער קרעמער, איינער פון די גרויסע סוחרים אין שטאָט.

— איך קוק נאָר און קלער ביי זיך, — ענטפערט דאָס טשיקאַווע יינגל — ווען די מאַמע מיינע, וואָס האַלט אַ קליין קרעמל פאַר עטלעכע רובל, איז זי אויף דעם שולדיק גאַנצע צען קאַרבן, — הייַנט אַז ביי אייך אין קראָם געפינט זיך אַזוי פיל סחורה, — ווי אַזוי מוזט איר שוין זיין אַ גרויסער בעל-חוב!

188. פרעמדע האָר

אַ סוחר, וואָס די געשעפטן זיינע האָבן געהאַלטן גאַנץ שמאָל, איז אַמאָל אין אַ פרימאָרגן אויפגעשטאַנען פון בעט מיט אַ קאָפּ

פול מיט פעדערן און אזוי איז ער ארויס פארטראגענערהייט אין גאס, באגעגנט אים זיינער א גוטער פריינד און פרעגט אים פאר־וואונדערט: וואס איז די מעשה, וואס פארן ארויסגיין אין גאס האט ער פארגעסן צו פארקאמען א ביסל די האר?

— פארשטייסטו מיך, גוטער ברודער — ענטפערט דער סוחר מיט א ביטערן שמייכל — דיר מעג איך דאך זאגן, דו וועסט קיינעם ניט גיין דערציילן: איך בין די לעצטע צייט, ניט פאר דיר געזאגט, שוין אזוי פארבאדן אין חובות איבערן קאפ, אז ממש די האר זיינען ניט מיינע. היינט פרעג איך דיך, אקעגן וואס זאל איך גלאט נעמען און קעמען פרעמדע האר?

189. פארערכנט פאר א גביר

ביי איינעם א סוחר האט זיך דאס רעדל, ווי עס מאכט זיך, אין גאנצן איבערגעדרייט און ער איז געווארן א שטארקער יורד; די שטאט־לייט אבער האבן פון קיין זאך ניט געוואוסט און אים אלץ געהאלטן פאר א גביר ווי פריער און ניט אויפגעהערט צו אים צו קומען נאך א „שיינע נדבה”. האט ער זיך אויסגערעדט אמאל דאס הארץ פאר זיינעם א גוטן פריינד:

— הערסטו, גוטער ברודער, ס'איז פאראן א יידישע ברכה, וואס איז אמאל ערגער פון א קללה. אט איז, למשל, איצט אין מיר מקויים געווארן אזא מין ברכה, וואס יצחק האט געבענטשט יעקבן: „הוה גביר לאחיך”, — זיי א גביר ביי דיינע ברידער, דאס הייסט: ביי אלעמען וועסטו זיין פארערכנט פאר א גביר און מען וועט דיך דערפאר ניט לאזן צורו און פארביטערן וועט מען דיר דאס לעבן.

190. „הנני העני”

איינער האט דערציילט מיט גרויס התפעלות פון א חזן מיט א זעלטענעם קול, וואס אז ער פלעגט געבן ימים נוראים א זאג „הנני העני”, פלעגן אלע אין שול פארציטערט ווערן. שטייט דער־ביי א ייד א סוחר וואס האט געפירט מסחרים מיט א סך שטעט, רופט ער זיך אן:

— איך בין ניט קיין חזן און פארמאג ניט קיין שטארקן קול, פונדעסטוועגן קען איך אייך פארזיכערן אויף געוויס, אז וויבאלד

איך וועל, אם־ירצה־השם, נאָך ימים־טובים אַ זאָג טאָן „הנני העני״ וועט מען אין אַ סך שטעט ווערן שטאַרק פאַרציטערט.

191. זאָל מען שוין ווייטער פויקן

אין פריערדיקע צייטן איז געווען איינגעפירט אין איניקע שטעט, אַז עס האָט זיך געמאַכט איינער האָט אָנגעזעצט, פלעגט מען עס אין זיין גאַס אויספויקן. איינמאָל האָט אין אַ שטעטל איינער, וואָס איז שוין געווען גאָר נאָענט צו באַנקראָטירן, דערהערט אין זיין גאַס פויקן, טראַכט ער זיך, אַז דאָס מיינט מען אים, ווערט ער אָבער געוואויר אַז מיינען מיטן פויקן דאָס מאָל מיינט מען גאָר דעם שכן זיינעם, רופט ער זיך אָן:

— הערט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַז מען האַלט ביי פויקן לאָז מען שוין ווייטער פויקן, טאָקע צוליב מיר אויך.

192. צו אַ גרויסער אָטשערעד

ביי איינעם אַ גביר, וואָס האָט געדרייט אַ וועלט, האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט און ער האָט אָנגעזעצט. קומט איינער צו אים מאָנען אַ גמילת־חסד.

— מילא — טענהט יענער — איר האָט זיך געשטעלט און צאָלט ניט קיין וועקסל, נאָר אַ גמילת־חסד.

— און אַז אַ גמילת־חסד איז וואָס — זאָגט דער גביר — דאָס איז קיין געלט?

— וואָס טויג מיר אייערע גלייכווערטלעך? — רופט זיך אָן יענער — מיר ברענט עס און בראָט און איר ווערטלט זיך גאָר. שעמען מעגט איר זיך!

— ווייסט איר גאָר וואָס איך וועל אייך זאָגן — מאַכט דער גביר — קושט מיר אין פופיק!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דיבורים אַזעלכע — צעשרייט זיך יענער אויף אַ קול — אַ לייטישער מענטש, כ׳לעבן, באַצאָלט מיר שיין פאַר מיין טובה!

— הערט איר — זאָגט דער גביר קאַלטבלוטיק — רעדט בע־סער געלאַסן. איך האָב בטבע פיינט, אַז איינער נעמט און שרייט. וואָס־זשע, עס לוינט אייך ניט אין פופיק, איר ווילט דווקא פון הינטן?

זעט איר, איך וואָלט אייך ניט געעצהט: דאָרטן, פאַרשטייט איר, איז אַ צו גרויסע אַטשערעד!

193. ניט געשריגן

צו אַ סוחר, וואָס איז געווען איבערן האַלדז אין חובות, איז איינמאָל געקומען אַ ייד און גענומען זיך בייזערן און שרייען אויף קולות:

— סטייטש, וואו איז מיין געלט? וואו איז דער יושר? די לעצטע עטלעכע רובל מיינע האָב איך אייך אָוועקגעליען, און איר קלערט אַפילו ניט אָפצוגעבן!

און דער סוחר זיצט זיך געלאַסן, גלייך ווי ניט אים מיינט מען עס, רויכערט רואיק זיין ליולקע און ענטפערט ניט קיין וואָרט. ווערט יענער נאָך מער אין כעס און נעמט שרייען נאָך העכער און העכער.

דערווייל קומט אַריין אַ צווייטער, וואָס אים קומט אויך געלט, זעצט זיך אַוועק גאַנץ געלאַסן ביים טיש, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, קוקט דעם סוחר גלייך אין פנים און גיט זיך גאַנץ שטיל אַ פרעג:

— נו, וואָס הערט זיך?

— וויפל קומט אייך? — טוט אים אַ פרעג דער סוחר.

— קומען קומט מיר — ענטפערט יענער שטיל — נאָך זעכציק רובל.

— נאַט אייך דערווייל — זאָגט דער סוחר — אַ פינף־און־צוואַנציקער, דאָס איבעריקע באַקומט איר אין אַ פאָר וואָכן אַרום.

ווען דער צווייטער איז אַוועקגעגאַנגען נעמט דער ערשטער שרייען נאָך שטאַרקער:

— סטייטש, איך פרעג אייך אַליין, וואו איז אייער יושר? איך בין שוין דאָ ביי אייך אַ היפשע ווײַלע, און מיר איז שוין טרוקן אין האַלדז שרייענדיק און איר האָט מיר גאַרנישט געגעבן, און יענער איז ערשט אַריין און נישט אויסגערעדט קיין הויך וואָרט אַפילו, און איר האָט שוין גענומען און געגעבן אים געלט!

— פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט דער סוחר — איר שרייט אויף קולות. וויפל קען אַ מענטש אַזוי שרייען? נאָך צען

מינוט, צוואַנציק מינוט, און אַפילו אַז אַ שעה, עס מוז דאָך מיאוס ווערן. וועט איר אויפהערן שרייען און זיך גיין געזונטערהייט אַהיים. היינט צוליב וואָס זאָל איך אייך אַוועקגעבן דאָס לעצטע ביסל געלט וואָס איך האָב? יענער אָבער איז זיך געזעסן קאַלט, רואיק, און גערעדט געלאַסן. אַזאַ פּאַרשוין קען נישט מיאוס ווערן אָפּצוזיצן ביי מיר ווער ווייסט וויפל און אַלעמאָל אַ פרעג טאָן: „נו, וואָס הערט זיך? אַזוינעם מוז מען געבן עפּעס געלט און פּטור ווערן פון אים.

194. ניט געשוויגן

צו אַ גביר, וואָס האָט באַנקראָטירט, איז געקומען איינער מאַנען אַ גמילת-חסד. ער רעדט איבער אים און טענהט מיט גוטן און מיט בייזן — און דער גביר שווייגט, ענטפערט ניט קיין איין וואָרט, גלייך ווי ניט אים מיינט מען עס.

— וואָס שווייגט איר? — שרייט שוין דער מאַנער שטאַרק אויפגעבראַכט — וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג פון אַ מענטשן? יענער ווערט שונאי ציון צעזעצט רעדנדיק און ער שווייגט! לאָמיך פון אייך הערן עפּעס אַ וואָרט, כאָטש „קוש מיך...״

— ניין, — מאַכט דער אָנזעצער געלאַסן — דעם דאָזיקן פּסוק דאַרפט איר וויסן, זאָג איך ניט יעדן, נאָר אַזעלכן וואָס האָט אויף מיר אַ וועקסל.

195. געגנוג דעם קאָפּ געדרייט

איינער אַ סוחר האָט געפירט גרויסע געשעפטן. ווי דער שטייגער איז, האָט ער אָן גרויסע הלוואות אין די בענק ניט געקענט אויסקומען און אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען: געקומען דער טערמין צו דעקן אַ וועקסל אין איין באַנק, למשל, אין אַזיאַטישער, איז כדי צו באַצאָלן דאָרט אין דער צייט פלעגט ער נעמען אין קאָמערץ-באַנק. און דערנאָך ווען ער האָט באַדאַרפט איינצאָלן אין קאָמערץ-באַנק פלעגט ער נעמען ווידער אין אַזיאַטישער. דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אַזוי געדרייט דעם קאָפּ ביז ס'איז אים מיאוס געוואָרן די גאַנצע מעשה און ער האָט זיך מישב געווען און גאָר אויפגעהערט צו צאָלן. באַגעגנט אים זיינער אַ באַקאַנטער פון דער אַזיאַטישער

באַנק און פרעגט אים: ווי קומט עס, וואָס ער האָט נאָך ניט געדעקט דאָס לעצטע וועקסל.

— איך פאַרשטיי ניט — מאַכט ער — וואו שטייט עס געשריבן אַז איך דאַרף לויפן אין קאָמערץ־באַנק צו קריגן דאָרט געלט אויף צו באַצאָלן דעם חוב אין אַזיאַטישער, און דערנאָך פאַרקערט? קראַנק זיינען אייערע בענק אַליין אויסצוצאָלן איינע דער צווייטער? גענוג האָב איך זיך שוין דעם קאָפּ געדרייט!

196. די סדרה

— וואָס פאַר אַ סדרה גייט? — פרעגט מען אַ סוחר, וואָס האָט זיך פאַרדרייט אין זיינע געשעפטן.

— גלויבט מיר — ענטפערט ער, — איך ווייס אייך ניט וואָס צו זאָגן, ווייל אייגנטלעך קען ביי מיר גיין מיט אַמאָל אַ סך סדרות: דאָס לעבן, אַ שטייגער, לערנט מיט מיר די סדרה „כי תצא למלחמה״, דאָס ווייב „תולדות״, דאָס געלט — „וילך״, די געשעפטן — „נצבים״, די וועקסלען — „ויגש״, און אַט־אַט האַלט איך שוין ביי „וישב״...

197. אויך עפּעס געניסן

איינעם אַ גרויסן סוחר האָט געפרעגט זיינער אַ גוטער באַקאַנטער:

— ווי קומט עס וואָס איר האָט גענומען און אויסגעגעבן אייער איינציקע טאָכטער פאַר אייערן אַ קאַסירער, אויף וועלכן איר האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז שטאַרק טרויען קען מען אים ניט?

— דערפאַר טאַקע האָב איך עס געטאָן — ענטפערט דער סוחר, — ווייל ביי מיר טוט זיך אַלץ מיט חשבון, האָב איך זיך באַרעכנט, אַז טאָמער מאַכט זיך, דער שיינער בחור טוט מיר אָפּ אַ שפּיצל און אַנטלויפט מיט מיין געלט, זאָל כאָטש דעמאָלט מיין טאָכטער אויך עפּעס געניסן.

198. פיינט צו זיין שולדיק

איינער אַ סוחר האָט באַשלאָסן אין איין שיינעם אָוונט זיך אָפּצושטעלן פון צו צאָלן חובות. שוין שפּעט ביינאַכט גייט ער צום שכן זיינעם, וועלכן ער איז געוועזן שולדיק היפּשלעך געלט,

און וועקט אים אויף פון שלאָף. יענער כאַפּט זיך אויף און פרעגט שטאַרק דערשראָקן: וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט?

— גאָרנישט — ענטפערט דער סוחר — איך בין אייך נישט מער ווי געקומען אָנזאָגן, אַז איך האָב באַנקראָטירט.

— טפו צו אַלדע שוואַרצע יאָר! — שרייט אויס יענער אין כעס — איר האָט ניט געקענט וואַרטן מיט דער זיסער בשורה ביז מאָרגן פרי?

— פאַרשטייט איר מיר, — מאַכט דער סוחר — איך האָב בטבע פיינט צו זיין שולדיק אַפילו איין איבעריקע שעה.

199. פאַר רחמנות

אַ סוחר מיט זיין זון, וואָס האָט זיך שוין אויך געשניטן אויף אַ סוחר, איז געקומען פונעם קליינעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט איינצוקויפן סחורה. אין דער ערשטער קראָם דינגט זיך דער פאָטער שטאַרק אויף יעדער פּרוטה. מאַכט דער זון שטילערהייט צום פאָטער:

— טאַטע, דו נעמסט דאָך די סחורה אויף באָרג, און היינטיקס מאָל, ווי איך ווייס, טראַכסטו גאָרניט אָפּצוצאָלן — וואָסזשע דינגסטו זיך אַזוי?

— איך טו עס נאָר פאַר רחמנות אויף דעם יידן — ענטפערט אים דער פאָטער אָפּ שטילערהייט און גיט אַ וואונק אויף דעם פאַרקויפער — איך קען אים גוט, ער איז זייער אַ לייטישער מענטש, ווייל איך אַז ער זאָל וואָס ווייניקער האָבן שאָדן.

200. געהאַלטן וואָרט

צוויי יידן האָבן אַ דין תורה ביי אַ רב.

— רבי — טענהט איינער — מיר קומט ביי דעם יידן פינף הונדערט קאָרבן און ער וויל מיר ניט אָפּצאָלן.

— וואָס הייסט, איך וויל נישט — זאָגט דער צווייטער — איך קען נישט, וואָס זאָל איך טאָן? איך קען פאָרט היינטיקן חודש ניט צאָלן.

— רבי — היצט זיך דער ערשטער — די זעלביקע דיבורים האָט ער מיר געזאָגט אויך יענעם חודש.

— נו, איז וואָס — מאַכט דער צווייטער גאַנץ קאַלטבלוטיק
— האָב איך דען נישט געהאַלטן וואָרט?!

201 אָנגעהויבן אויסצוצאָלן

— איך האָב געהערט, אַז אייער קאַסירער איז אַנטלאָפן און האָט פאַרנומען מיט זיך די קאַסע מיט דער טאָכטער אייערער, איז עס אמת?

— אמת איז עס, נאָר ווי עס וויזט-אויס האָט דער פיינער בחור שוין חרטה און וויל תשובה טאָן. אַ סימן, ער האָט מיר ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסצוצאָלן.

— אַזוי, ער האָט אייך אָפּגעשיקט אַ ביסל געלט?

— דאָס נאָך נישט, דערווייל האָט ער מיר נאָר אָפּגעשיקט די טאָכטער מיינע.

202. קוויט

צוויי יידן סוחרים זיינען געפאָרן מיט געלט איינצוהאַנדלען סחורה אויף אַ יאַריד. איז זיי אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך אַ וואַלד, און גזלנים זיינען זיי דאָרט באַפאַלן. די סוחרים האָבן געזען, אַז זיי שפּילן דאָ מיטן לעבן, האָבן זיי אַרויסגענומען דאָס געלט, יעדער וויפל ער האָט ביי זיך געהאַט, אָפּצוגעבן די גזלנים. כדי צו ראַטעווען דעם נפש. פּלוצעם טוט זיך איינער אַ כאַפּ און גיט אַ זאָג דעם אַנדערן:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך בין אייך שולדיק אַ גאַנצן טויזנטער. אָט נאָט אייך אָפּ דעם טויזנטער, וואָס איך קומט, און מיר זיינען קוויט!

בעלי־מלאָכות

203. צוויי דריטל מלאכה

איינער האָט אַוועקגעגעבן זיין קינד פאַר אַ לערנייגל צו אַ שניידער אויף דריי יאָר מיט דעם תנאי, אַז אַלע יאָר זאָל ער

צאָלן דעם שניידער פאַר דער לערע צו הונדערט רובל. נאָך דעם ווי ס'איז אַוועקגעגאַנגען צוויי יאָר און דער שניידער האָט נאָך ניט געוויזן דעם יינגל אַפילו ווי צו נעמען אַ נאָדל אין דער האַנט, קומט דער פאָטער און מאַכט אַ געשריי: סטייטש, דער שניידער האָט אים אָפּגענאַרט! רופט זיך אָן דער שניידער:

— וואָס ליאַרעמט איר אומזיסט-אומנישט? — איך האָב מיין וואָרט געהאַלטן. פון די דריי יאָר איז אַריבער ערשט צוויי און אייער קינד קען שוין צוויי דריטל מלאכה.

— וואָס הייסט?

— איר דאַרפט וויסן, אַז אַ לערניינגל ביי אַ שניידער נאָכ־דעם ווי עס ענדיקט זיך זיין לערע דאַרף ער קענען דריי זאַכן: ערשטנס טאָן שטוב-אַרבעט און אויסקערן, אַרויסטראָגן דעם צעבער און ניאַנטשען דאָס פּיצל קינד: צווייטנס, גיין אַ גאַנג אין גאַס און אין מאַרק, און דריטנס, פאַרשטיין אַ ביסל אין שניידעריי. נו, די ערשטע צוויי דריטל קען ער שוין, ברוך השם, פעלט נאָך איין דריטל, דאָס איז שוין אַ קלייניקייט.

204. שטייט און ליגט

אַ שניידער לערנט זיין לערניינגל, ווי ער זאָל זיך פירן ווען ער טראָגט אָפּ אַהיים צו אַ בעל-הבית אַ שטיקל אַרבעט:

— זאָלסט ניט שלאָפן און קוקן מיט אויגן אין אַלע ווינקעלעך, און אַז דו דערזעסט עפּעס אַ רעכטע זאַך ליגן פון אויבן, לאָזט מען עס אַראָפּ אין קעשענע אָדער מען פאַרשטעקט עס אונטער דער פּאָלע אַזוי אַז קיינער זאָל עס ניט באַמערקן.

דאָס לערניינגל, אַ קינד פון אָרעמע נאָר ערלעכע עלטערן, שטעלט-אויס אַ פּאָר אויגן און זאָגט מיט גרויס וואונדער:

— בעל-הבית, מען מעג דען גנבענען?

— פון וואַנען ווייסטו אַז מען טאָר ניט?

— דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי שטייט אין דער תורה.

— נאַרעלע איינער — מאַכט צו אים דער בעל-הבית — עס געהער זיך גאָר ניט אָן, דאָס וואָס עס שטייט לאָז שטיין, אָבער דאָס וואָס עס ליגט דאַרף מען צונעמען.

205. ווער זאָל זיך קריגן

אין אַ שטעטל איז געווען אַמאָל אַ גרויס מחלוקת איבער אַ חזן. ווי דער שטייגער איז האָבן מער פון אַלע געפּלאַמט און געאַרבעט מעשים די בעלי־מלאכות: שניידער, שוסטער, וואָס זיי־נען שטענדיק מרעיש עולם וועגן אַ חזן.

האָט אויף דעם געזאָגט דער רב פון שטעטל:

— אַז די יידן זיינען געווען אין דעם מדבר, געפינען מיר אַז זיי האָבן געפירט אַפּטע מחלוקת מיט משה און מיט אהרנען איבער פאַרשיידענע זאַכן: איבער וואַסער, איבער פליש, איבער כהונה. איז דאָך אַ קשיא: פאַרוואָס געפינען מיר ניט איינמאָל אַז זיי האָבן געפירט מחלוקת איבער אַ חזן? נאָר אויף דעם איז דאָ גאָר אַ פּשוטער תירוץ. אין דעם מדבר זיינען ביי יידן די גאַנצע צייט, ווי די תורה דערציילט אונדז, די קליידער נישט צעריסן גע־וואָרן, און אַן שיך איז מען זיך אויך באַגאַנגען. אויף אַזאַ אופן זיינען דאָך נישט געווען דאָרט נישט קיין שניידער און נישט קיין שוסטער. היינט ווער־זשע וועט זיך קריגן איבער אַ חזן?

206. אַ גוטע וועטשערע

אַ שניידער האָט גערופן צו זיך אַהיים פון דער גאַס אַן אָרעמאַן אויף וועטשערע. אַליין איז ער געווען אַ ביסל שיכורלעך, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס, קומט ער אַריין אין שטוב און זינגט אונטער דאָס לידעלע: „אבינו מלך — דאָס האָרץ איז מיר פריילעך".

— חייקע — מאַכט ער צום ווייב — אנו באַווייז זיך פאַרן גאַסט מיט דער גוטער און שיינער וועטשערע. זאָג וואָס האָסטו אַזוינס און אַזעלכעס אין אַ גוטער מזלדיקער שעה געקאָכט?

— אַ גוטע קרענק — רופט זיך אָן דאָס ווייב.

— זעט איר שוין, מיין ליבער ייד — זאָגט דער שניידער צום אורח, — און איר האָט זיך געזאָרגט, אַז מיר וועלן ניט האָבן קיין גוטע וועטשערע!

207. אַ שידוך מיט אַ שניידער

אַ פאַרמעגלעכער שניידער האָט גענומען אַ רבס אַ זון פאַר אַן איידעם. אויף דער חתונה, בשעת דער חתן האָט געזאָגט די דרשה זיינע, זעצט זיך דער מחותן, דער שניידער, אוועק אין אַ ווינקל

און גיסט מיט טרערן. דער רב האָט עס באַמערקט, גייט ער צו און פרעגט אים:

— וואָס איז מיט אייך, מחותן?

— איך זע אַרויס — זאָגט דער שניידער ווישנדיק די טרערן — אַז מיט דער צייט וועט דער חתן אונדזערער אויך ווערן אַ רב, וועט ער דאָך נעבעך דאַרפן מיט זיין קינד אויך טאָן אַ שידוך מיט אַ שניידער!

208. זאָל ער דערוויייל הייסן יענקל

אַ שוסטער האָט זיך ניט געקענט אויף קיין פאַל אויסגלייכן מיטן ווייב, וואָס איז געווען אויף דער צייט, ווי אַנצורופן דאָס קינד וואָס וועט געבוירן ווערן, אויב עס וועט זיין אַ יינגל: ער האָט געוואָלט ניט אַנדערש, מען זאָל דאָס קינד אַ נאָמען געבן נאָך זיין פאָטער, און זי האָט זיך איינגעשפּאַרט — דווקא נאָך איר פאָטער. אַ היפּשע צייט האָבן זיי זיך וועגן דעם אָוועקגעאַמפּערט און געקריגט — ביז ס'איז ביי זיי פאַרבליבן צו פאַרלאָזן זיך אויפן רב, און ווי ער וועט פּסקענען אַזוי וועט זיין.

געקומען צום רב, פרעגט ער דעם מאַן:

— ווי האָט געהייסן אייער פאָטער?

— יענקל — האָט ער געענטפערט.

— נו, און אייער פאָטער? — ווענדט זיך דער רב צו דער פרוי.

— אויך יענקל — זאָגט זי, — איך וויל אָבער דאָס קינד זאָל הייסן יענקל נאָך מיין פאָטער, ניט נאָך זיינעם.

— וואָס איז געווען אייער פאָטער? — פרעגט זי דעם רב ווייטער.

— אַ שניידער.

— נו, און אייער פאָטער? — פרעגט ער דעם מאַן.

— דאָס אייגענע וואָס איך, אויך אַ שוסטער.

— אויב אַזוי — זאָגט דער רב — איז מיין עצה אָט־וואָס: הייסן זאָל דערוויייל דאָס קינד יעקב, דאָס הייסט יענקל, און דערנאָך וועט מען שוין זען: אויב עס וועט אויסוואַקסן אַ שוסטער, וועט עס הייסן נאָכן זיידן פון פאָטערס צד, און אויב אַ שניידער — נאָכן זיידן פון מוטערס צד.

אַכסניות און בעלי־אַכסניות

209. זיך איבערקערן

צוויי באַקאַנטע יידן זיינען פאַרפאָרן אין אַ שטאָט אויף איין אַכסניא, און כדי איינצושפּאָרן הוצאות האָבן זיי גענומען צוזאַמען איין קליין צימערל מיט איין בעטל. ביינאַכט האָבן זיי זיך ביידע געלייגט אויפן שמאָלן בעטל, ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַ ריר צו טאָן מיט קיין האַנט און מיט קיין פוס און ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן.

אַזוי זיינען זיי אָפּגעלעגן אין געהאַקטע וואונדן אַ פּאָר שעה, פּלוצעם האָט זיך איינער פון זיי אויפגעהויבן און גענומען אַראָפּקריכן פונעם בעטל.

— וואוהין איז? — פרעגט אים דער צווייטער.

— איך גיי — ענטפערט יענער — זיך איבערקערן אויף דער אַנדערער זייט.

210. צוויי פוילע

אין אַן אַכסניא האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוויי יידן אין איין חדר. ביינאַכט האָט זיך יעדער פון זיי געלייגט אויף זיין בעטל שלאָפן און דעם לאָמפּ אויפן טיש האָבן זיי פאַרגעסן צו פאַרלעשן. עס גייט אַוועק אַ היפּשע ווילע, ביידע שלאָפן נאָך נישט.

— מען וואָלט שוין לאַנג גענדאַרפט פאַרלעשן דעם לאָמפּ, נאָר איך פויל זיך פשוט פונעם געלעגער אויפצוהויבן.

— און איך — זאָגט דער צווייטער — האָב שוין לאַנג געטראַכט דערפון, נאָר איך האָב זיך געפוילט דאָס צו זאָגן.

211. אַ גרויסע לוויה

אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין שטעטל אין אַ יידישער אַכסניא. ביינאַכט אין בעט איז אים אויסגעקומען

מלחמה צו האַלטן מיט די וואַנצן, וואָס זיינען אויף אים אָנגעפאַלן גאַנצע מחנות, און ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט געקענט צומאַכן. אויף מאָרגן פרעגט אים די בעל־הביתטע, ווי אים האָט זיך געשלאָפן ביינאַכט.

— ניט אַזוי גוט — ענטפערט ער.

— פאַרוואָס איז עס?

— איך וויים, עפּעס האָב איך אָנגעטאַפּט ביינאַכט אויף מיין געלעגער אַ טויט וואַנצעלע.

— איין וואַנצעלע און נאָך אַ טויטס דערצו, וואָס מאַכט עס אים?

— יאָ, עס וואָלט געווים טאַקע גאָרניט אויסגעמאַכט, האָט אָבער דאָס טויטע וואַנצעלע געהאַט אַ גרויסע לוויה און ס׳איז נאָך דעם נאָכגעגאַנגען שיינע עטלעכע מנינים לעבעדיקע און היפּש־אָנגעפּאַשעטע וואַנצן.

212. אַלטע נייס

אין אַ גאָרקיך ביי אַ יידישער אַכסניא האָט מען איינעם דערלאַנגט אַ קאָפּ פון אַ פיש, וואָס האָט שוין אַ ביסל געהאַט אַ ריח. בויגט זיך יענער אָן צום טעלער און מאַכט מיט די ליפּן, גלייך ווי ער פירט מיט דעם פיש אַ שמועס. פרעגט אים דער בעל־הבית:

— רב קרוב, וואָס מאַכט איר עס עפּעס מיט די ליפּן?

— גלאַט אַזוי — ענטפערט יענער — איך שמועס זיך דורך אַ ביסל מיט דעם דאָזיקן פיש, איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, צי פילט ער זיך גוט אויף דער וועלט? האָט ער מיר געענטפערט: „זייער גוט און וואויל, איך שמעלץ זיך אין פּוטער". פרעג איך אים ווייטער: פון וואַנען ער איז אַהער אָנגעקומען? ענטפערט ער: „פונעם טייך דווינאַ". בעט איך מיר צו דערציילן די לעצטע נייס פון דאָרט, מאַכט ער דערויף: „איך קען אייך נאָר דערציילן גאָר אַלטע נייס, ווייל ווי איר קוקט מיך אָן בין איך שוין אַ היפּש שטיק צייט פונעם טייך.

213. אַ מעלה מיט אַ חסרון

אַן אורח האָט געטרונקען קאַווע אין אַ יידישער אַכסניא. פרעגט אים דער בעל־אַכסניא:

— ווי געפעלט אייך אונדזער קאַווע?

— די קאַווע אייערע — ענטפערט יענער — האָט אַ מעלה מיט אַ חסרון. די מעלה אירע איז, וואָס זי האָט כמעט ניט קיין ציקאָריע, און דער חסרון וואָס ס'איז אין איר ניטאָ קיין קאַווע.

214. מפּני שיבה תקום

מאָטקע חבד איז איינמאָל אַריין אין אַ רעסטאָראַן עסן מיטאָג. דערלאַנגט מען אים פיש גאָר נישט קיין פרישע. שטעלט ער זיך אויף און זאָגט דעם רעסטאָראַטאָר: איר ווייסט פאַרוואָס איך שטיי־אויף פאַר אייערע פיש? איך בין מקיים אַ מצווה פון דער תורה: מפּני שיבה תקום.

215. אַלצדינג ווילט זיך אים

איינער איז געקומען אין אַן אַכסניא און פאַרלאַנגט עסן. פרעגט די בעל־הביתטע: וואָס אַ שטייגער ווילט איר?

— אַ געבראָטנס אָדער קאָטלעטן מיט קאַרטאָפל.

— דאָס איז איצט גראָד נישטאָ.

— נו, זאָל זיין אַ פיינקוכן.

— אַ פיינקוכן? דערצו דאַרף מען האָבן אייער, האָב איך איצט נישט.

— ווייסט איר גאָר וואָס — זאָגט דער אורח — איר קענט מיר געבן פשוט אַ הערינג, דערצו אַ ציבעלע, און דערנאָך אַ גלאָז טיי, — קען מען דערפון אויך נישט שטאַרבן פון הונגער.

— אַ מאָדנער ייד דאָס איז — מאַכט זי — אַלצדינג ווילט זיך אים!

216. אַ שמאַטע

איינער זיצט אין אַ גאַרקיך און עסט אַ יויך. פּלוצעם שפּרינגט ער אויף און שרייט אויף קולות און שפּייט קלעק. גייט־צו דער בעל־הבית און פרעגט אים: וואָס ער ליאַרעמט אַזוי?

— אַ שיינע גאָלדענע יויך האָט איר מיר געגעבן — שרייט יענער — קוקט וואָס איך האָב דאָרט געפונען: אַ שטיק שמאַטע!

— און וואָס האָט איר געוואָלט — מאַכט דער בעל־הבית גע־לאַסן — אַז פאַר אייערע פאָר גראָשנס זאָלט איר דאָרט געפינען אַ גאַנץ זיידן טליתל.

217. אַ מיטל צו וואַנצן

אַ בעל־אַכסניא האָט דערלאַנגט דעם אורח פאַרן אָוועקפאָר אַ חשבון מיט זייער גרויסע פּרייזן, זאָגט ער אים:

— מילא, די פּרייזן וואָס איר שטעלט, בין איך אייך מוחל, אָבער די וואַנצן אייערע איז גאָר ניט אַריבערצוטראָגן. איך בין אַרוים פון זיי קוים אַ לעבעדיקער.

— יאָ, מיין ליבער אורח, וואָס טוט מען דערצו? אפשר ווייסט איר עפּעס אַן עצה זיי צו פאַרטרייבן? איך האָב שוין אי־בערגעטאָן אַלץ אין דער וועלט און עס העלפט ניט.

— יאָ, איך האָב אַן עצה — מאַכט דער אורח — איר נעמט און דערלאַנגט זיי אַזעלכע חשבונות ווי צו די אורחים, וועט איר זען אַז זיי וועלן אַנטלויפן פון אייך און ניט וועלן די אַכסניא מער אָנקוקן.

218. פונקט אַרום צוועלף

— ווי האָט זיך אייך געשלאָפן היינטיקע נאַכט? — פרעגט אינדערפרי דער בעל־הבית פון אַ יידישער אַכסניא איינעם פון זיינע אורחים.

— זייער שלעכט געשלאָפן — ענטפערט דער אורח — די פליגן לאָזן ניט צומאַכן מיט קיין אויג. ווי נעמט זיך ביי אייך, זאָגט מיר, אַזוי פיל פליגן?

— פליגן מאַכט דער בעל־אַכסניא — איז ביי אונדז זומער־צייט אַ מכת מדינה. זיי זיינען פול אין אַלע שטיבער. נאָר ווייסט איר וואָס איך וואָלט אייך געעצהט, מיין ליבער ייד, איר זאָלט זיך צולעגן אַ ביסל דרימלען פונקט אַרום צוועלף פאַר מיטאָג. דע־מאָלט, פאַרשטייט איר, זיינען אַלע פליגן ביי אונדז אויפן קאָמפּאָט.

219. דער חשבון

אויף אַן אַכסניא איז אַן אורח אָפּגעשטאַנען עטלעכע טעג. פאַרן אָוועקפאָר דערלאַנגט אים דער בעל־הבית אַ חשבון. דער אורח כאַפּט אַ קוק אין חשבון און זעט, אַז אַנשטאָט איין פלאַש וויין, וואָס ער האָט גענומען, איז דאָרט אַריינגערעכנט, אויף זייער אַ הויכע פּרייז, צוויי פלעשער. רופט ער זיך אָן:

— איך מוז אייך זאָגן, אַז איר האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. מילא אויף דער צווייטער פלאַש ווײַן, וועלכע איך האָב אין די אויגן ניט געזען, וועל איך ניט פרעגן קיין קשיא, אפשר האָט איר מיט דעם געמיינט אַ טייערע פלאַש ווײַן, טאַקע פּרימאַ פונעם ערשטן סאָרט; אָבער די ערשטע פלאַש ווײַן, וואָס איך האָב יאָ באַקומען און געטרונקען, ווײַס איך דאָך וואָס פאַר אַ טעם, מיש־טיינסגעזאָגט, עס האָט געהאַט דער ווײַן — ווי־זשע פאַלט אײַך אויס צו רעכענען פאַר דעם אַזאַ אומגעהייער טייערן פּרייז?!

220. אַ טײַערער ביסן

אַ יונגערמאַן באַטראַכט דעם חשבון וואָס דער בעל־אַכסניא האָט אים דערלאַנגט, דרייט ער מיטן קאָפּ און מאַכט אַזוי:

— אָ, אַ טײַערער ביסן ביי אײַך! איך מיין אָבער אַז פאַר אייערן אַ קאַלעגע וואָלט איר געמעגט רעכענען אַ ביסל ביליקער.

— וואָס — רופט זיך אָן יענער — איר זענט אויך אַ בעל־אַכסניא?

— ניין — ענטפערט דער — איך בין אויך אַ רויבער.

221. צוויי שלעסער

אַ משולח איז פאַרפאָרן אין אַן אַכסניא, אַנידערגעשטעלט דאָרט זיין קעסטל מיט אַ היפּשן שלאָס און זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אויף אַרבעט.

דער בעל־אַכסניא האָט באַלד דערשמעקט אין דעם משולח וואָס פאַר אַ מין פּאַרשוין דאָס איז, נעמט ער און הענגט אויף אויפן קעסטל נאָך אַ צווייטן שלאָס.

דער משולח קומט און דערזעט אויף זיין קעסטל אַ פרעמדן שלאָס, מאַכט ער קולות און פרעגט דעם בעל־הבית, ווער האָט עס אויפגעהאַנגען אויף זיין קעסטל אַ צווייטן שלאָס?

— נו, און איר — פרעגט אים יענער — צוליב וואָס האָט איר אויפגעהאַנגען דעם ערשטן שלאָס?

— וואָס הייסט צוליב וואָס? — זאָגט דער משולח — כדי מען זאָל פון דאָרט עפּעס ניט אַרויסנעמען.

— און איך — מאַכט דער בעל־הבית — האָב אויפגעהאַנגען דעם צווייטן שלאָס, כדי מען זאָל אַהין עפּעס ניט אַריינלייגן.

שענקערס

222. ביליגער אויף באָרג

איין שענקער זאָגט דעם צווייטן:

— איך גיב בראָנפן זייער זעלטן אויף באָרג, דערפאַר אָבער ווען איך באָרג שוין איינעם אַמאָל, זע איך שוין יענעם אַריינהאַקן אַ פרייז ווי איך פאַרשטיי.

— און איך — זאָגט דער צווייטער — רעכן, פונקט פאַרקערט, אויף באָרג ביליקער ווי פאַר מזומן.

— וואָס איז דער שכל?

— דער שכל איז גאָר אַ פשוטער: זייער אָפט מאַכט זיך, אַז יענער צאָלט דערנאָך ניט אָפּ; לאָז-זשע כאָטש דעמאָלט ווינציקער ווערן פאַרפאַלן.

223. פון וואַנען נעמט זיך דער דלות

אַ שענקער זיצט מיטן ווייב אין אַ רואיקער שעה און שמועסן צווישן זיך מכוח דער שיינער פרנסה זייערער, און בײדע וואונדערן זיך דערויף, וואָס די האָראָוואַניע איז אַזוי גרויס און קיין מזל-ברכה זעט מען ניט אַרויס.

— איך הויב ניט אָן צו פאַרשטיין — רופט זיך אָן די שענ-קערין — דאַכט זיך מיר וואָלטן באַדאַרפט זיין רייך ווי קורח: פאַר בראָנפן לייזן מיר, דאַנקען גאָט, גאָר ניט שלעכט, ניט צו פאַר-זינדיקן, דערצו נאָך גיסן מיר צו אינעם בראָנפן היפּשלעך וואַסער; היינט וויפל, צווישן אונדז גערעדט, מאַכט זיך, אַז מיר שרייבן צו מיטן קריידל די בעלי-חובות אונדזערע, צום סוף...

— הערסטו, מיין ווייב — מאַכט דער שענקער — איצטער איז מיר איינגעפאַלן פון וואַנען ביי אונדז נעמט זיך דער דלות: אין יענעם בראָנפן, וואָס מיר שרייבן-צו, גיסן מיר דאָך נישט צו קיין טראָפּן וואַסער!

224. דעם וויינשענקערס סוד

אַ וויינשענקער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן און האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. פאַרן טויט האָט ער צוגערופן די קינדער זיינע און זאָגט זיי אַזוי:

— הערט איר, מיינע ליבע קינדער, איך גיי פון דער וועלט און איר וועט געוויס זיך אויך באַשעפטיקן מיט דער זעלביקער פּרנסה וואָס איך, מיט וויינשענקעריי, זאָג איך אייך דעם סוד: איר האָט זייער אָפּט מיך געזען גיסן וואַסער אין פאַס, קענט איר דאָך מיינען, אַז וויין מאַכט זיך נאָר פון הוילע וואַסער; זאָלט איר וויסן, אַז אייגנטלעך מאַכט זיך וויין אויך פון טרויבן...

225. אַן עצה צו פאַרקויפן טאָפּל

דער שריפטשטעלער ברוידעס איז אַמאָל געקומען אין אַ שענק אַריין און פאַרלאַנגט אַ גלאָז ביר. דערלאַנגט מען אים ביר מיט אַ האַלבער גלאָז שוים פון אויבן. ברוידעס רופט צו דעם שענקער און זאָגט אים. אַז פאַר איין אומזיסטע גלאָז ביר קען ער אים געבן אַ גוטע עצה ווי אַזוי ער זאָל פאַרקויפן צוויי מאָל אַזוי פיל ביר ווי איצט.

— אדרבה — זאָגט דער שענקער.

— מיין עצה — מאַכט ברוידעס ערנסט — איז גאָר פּשוט: אויב איר וועט נעמען פון איצט אָן און ווייטער געבן אַלע אייערע קונים פולע גלעזער ביר אָן שוים, וועט איר פאַרקויפן טאָפּל ביר ווי איצט.

בעלי־עגלות

226. געקומען גאַנץ פרי

איינער אַ סוחר האָט באַשטעלט אַ בעל־עגלה אויף זונטיק צו פאָרן אין אַ נאָענט שטעטל. ס׳איז אַריבער כמעט אַ גאַנצע וואָך, דער סוחר האָט שוין אין דער צייט באַוויזן צו פאָרן מיט אַן אַנדערן וואוהין ער האָט באַדאַרפט און קומען צוריק, — ערשט פרייטיק גאַנץ פרי קומט אַריין דער בעל־עגלה צום סוחר אין שטוב בריית-

לעך מיטן בייטש אונטערן אָרעם און רופט אים שוין פאָרן: די פור שטייט אין דרויסן און וואַרט.

— וואָס הייסט — פרעגט אים יענער פאַרוואונדערט — איך האָב דאָך אייך באַשטעלט נאָך אויף זונטיק און היינט איז שוין, ברוך השם, פרייטיק!

— איך ווייס — ענטפערט דער בעל־עגלה רואיק — אויף ווען איר האָט מיך באַשטעלט, נאָר וויבאַלד איר האָט מיר געהייסן קו־מען זונטיק בייטאָג, האָב איך אַליין פאַרשטאַנען, אַז מיינען מיינט איר ניט זונטיק, און מאָנטיק אוודאי ניט, נאָר דינסטיק. נו, האָב איך שוין געוואָלט קומען מיטוואָך, האָב איך זיך צוריק באַרעכנט, אַז מיטוואָך איז אויך ניט קיין גוטער טאָג און ס'איז גלייכער דאָנער־שטיק, נאָר איך האָב אַ ביסל אָפּגעלעגט אויף פרייטיק. און אָט, זעט איר, בין איך היינט געקומען גאַנץ פרי.

227. צוויי משיחן

אַ רב איז געפאָרן אויף אַ וואָגן פון איין שטאָט אין דער אַנ־דערער. אויפן וועג איז אים אויסגעקומען, ווי דער שטייגער, שטאַרק צו ליידן פונעם בעל־עגלה מיט זיינע גראָבע בעל־עגלהשע שטיק. נאָר ער האָט אויף אַלץ אָפּגעשוויגן. אין מיטן וועג רופט זיך אָן דער בעל־עגלה צום רב:

— רבי, איך האָב געהערט אַנומלט שמועסן אין שול־הויף פון יידן וואָס קענען אין די קליינע אותיות, אַז קומען דאַרף צו אונדז יידן ניט איין משיח, נאָר גאַנצע צוויי. זאָגט, איז דאָס טאַקע אמת?

— יאָ, ס'איז אמת — ענטפערט דער רב — איינער הייסט משיח בן יוסף און דער צווייטער משיח בן דוד.

— גיט־זשע מיר צו פאַרשטיין, רביניו, צוליב וואָס טויג צוויי? וואָס איז, איינער אַליין איז ער קליין אויסצולייזן אונדזערע יידעלעך פונעם גלות?

— ניין, מען מוז האָבן צוויי — זאָגט דער רב — איינער זאָל אויסלייזן יידישע קינדער פון ג ל ו ת, און דער צווייטער זאָל זיי אויסלייזן פון די ב ע ל י ־ ע ג ל ו ת.

228. ווען זיצן אויף דער פור

אַ בעל־עגלה לערנט מיט די פאַרשוינען זיינע, ווען מען דאַרף נאָכגיין נאָך דער פור צופוס:

— ווען די פור גייט אַרויף־באַרג — איז גלייכער נאָכצוגיין צופוס צוליב צער־בעלי־חיים; ווידער ווען זי גייט אַראָפּ־באַרג — איז אויך גלייכער נאָכצוגיין צופוס, ווייל אויב נישט שטעקט דערביי אַ שטיקל סכנה. און ווען די פור פאָרט אויף גאָר אַ גלייכן פּלאַץ איז גלאַט כדאי בעסער צו גיין צופוס, ס׳איז דאָך דעמאָלט אַ פאַרגעניגן צו מאַכן אַ שפּאַציר.

— ווען־זשע, ר׳ בעל־עגלה — קומט־אויס נאָך אייך, אַז מען מעג יאָ זיצן אויף דער פור?

— דעמאָלט — ענטפערט דער בעל־עגלה — ווען מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אונטערפּאַשען די פערדלעך.

229. זיי ווילן ניט

פאַרשוינען קלאָגן זיך וואָס די פור שלעפּט זיך אַזוי, און בעטן דעם בעל־עגלה ער זאָל אַ ביסל אונטערטרייבן די פערדלעך זיינע.

— ס׳איז ניט נויטיק — זאָגט זיי דער בעל־עגלה — גלויבט מיר, איך קען די פערדלעך מיינע ניט פון נעכטן, זיי דאַרפן נאָר וועלן — נעמען זיי פליען ווי די אָדלער?

— נאָר וואָס דען?

— וואָס דען? גאָר ניט, ס׳האָט זיך נאָך דערווייל איינמאָל ניט געטראָפן זיי זאָלן וועלן.

230. וועמען בעסער גלויבן

אַ יונגער בעל־עגלה איז געקומען צו אַן עלטערן בעל־עגלה מיט אַ בקשה ער זאָל אים טאָן אַ טובה און לייען זיין פערד אויף אַ פּאָר שעה.

דער עלטערער בעל־עגלה האָט קיין חשק געהאַט אים צו געבן, זאָגט ער אַ תירוץ אַז דאָס פערד איז איצט אויף דער פּאַשע. דערווייל הערט זיך פון שטאַל ווי אַ פערד הירזשעט, זאָגט דער יונגער בעל־עגלה.

— אָט הער איך דאָך דיין פערד אין שטאַל!

— נו, פרעג איך דיך — זאָגט יענער — שוין־זשע גלויבסטו בעסער דעם נאַרישן פערד ווי אַן אַלטן גוטן פריינד?

231. אַ דין-תורה מיט אַ פערד

דער דובנער איז אַמאָל געפאָרן אין וועג מיט אַ בעל-עגלה. געקומען באַרג-אַרויף, נעמט דער מגיד און קריכט-אַראָפּ פונעם וואָגן. מאַכט צו אים דער בעל-עגלה:

— רבי, איר קענט זיצן אויף אייער אָרט. דאָס פערד, נישקשה, מעג אייך פירן באַרג-אַרויף אויך.

— עס קען זיין — זאָגט דער דובנער מגיד — אַז אויב דאָס פערד וועט מיך איבערקערן און איך וועל ברעכן רוק-און-לענד, און דערנאָך קומען אויף יענער וועלט און האָבן מיטן פערד אַ דין-תורה וועל איך טאַקע געווינען; די מעשה איז אָבער, וואָס איך וויל נים האָבן קיין דין-תורה מיט אַ פערד.

232. אַ זומערדיקע תורה

אַ סוחר האָט געדונגען ווינטער-צייט אַ בעל-עגלה איבערצופירן גלאָזוואַרג. אויפן וועג איז אַ טייל דערפון צעבראָכן געוואָרן. רופט דער סוחר דעם בעל-עגלה צום רב, און דער רב פסקנט, אַז על-פי-דין תורה איז מחויב דער בעל-עגלה צו באַצאָלן פאַרן שאָדן.

— רבי — רופט זיך אָן דער בעל-עגלה צום רב — זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווען איז געגעבן געוואָרן די תורה?

— דעמאָלט ווען די יידן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים — ענטפערט דער רב.

— ניין, איך מיין אין וואָס פאַר אַ צייט פון יאָר?

— ווער ווייסט נישט, אַז אַ מתן תורה איז געווען אום שבועות.

— האַ! — מאַכט דער בעל-עגלה — זומער-לעב הייסט עס, ווען דער וועג איז טרוקן און גלאַט. אויב אַזוי, רבי, פאַרשטייט איך איצט פאַרוואָס די תורה הייסט מיר באַצאָלן. וואָלט אָבער די תורה געשריבן געוואָרן ווינטער-צייט, ווען עס רעגנט און שנייט און דער וועג איז גליטשיק, וואָלט זי דעמאָלט, נישקשה, גערעדט גאָר אַנדערע ווערטער.

233. פול מיט פערד

איינעם אַ בעל-עגלה אין אַ קליין שטעטל האָט דאָס מזל גע-שפּילט און קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי אַרום, נאָר ער איז שטאַרק

אויפגעקומען. אויף דער עלטער האָט ער זיך געקויפט אַ שטאָט אין בית-המדרש אויבנאָן אין מזרח-וואַנט. איין מאָל שבת צום דאַווענען קומט אַריין אין בית-המדרש אַ פרעמדער, וואָס איז אַמאָל באַקאַנט געווען מיטן געוועזענעם בעל-עגלה, דערזעט ער יענעם זיצן אויבנ-אָן, חידושט ער זיך און גיט אַ פרעג ביי איינעם פון די אונטערשטע בעלי-בתים:

— ווי קומט עס, זאָגט מיר, אַ בעל-עגלה זאָל פאַרנעמען ביי אייך אַ פּלאַץ אין מזרח?

— זאָל אייך קיין חידוש ניט זיין — ענטפערט יענער — דער מזרח איז פול מיט פערד, דאַרף מען צו זיי האָבן אַ בעל-עגלה.

234. תשובה טאָן

אַן אָרעמער בעל-עגלה איז עפּעס דורך אַ מין צופאַל אויפגע-קומען און ער האָט אָנגעהויבן צו פירן גרויסע געשעפטן. אַוועק-געגאַנגען אַ שטיקל צייט האָט זיך דאָס רעדל געגעבן אַ דריי-איבער און ער איז ווידער געבליבן אַזאַ קבצן ווי פריער. וואָס טוט מען? פאָרט ער צום רבין, רעדט-אויס פאַר אים דאָס האַרץ און פרעגט אַן עצה אויף ווייטער, זאָגט אים דער רבי קורץ:

— פאָר אַהיים טו תשובה.

ווייסט ער ניט דעם פּשט דערפון: וואָס פאַר אַ חטא האָט ער אַזוינס געטאָן ער זאָל דערפאַר תשובה טאָן? קומט ער אַהיים און דערציילט עס זיינעם אַ נאָענטן באַקאַנטן, וואָס אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ יידן אַ פּקח, און בעט יענער זאָל אים דערקלערן די כוונה פונעם רבינס ווערטער. זאָגט אים יענער:

— תשובה איז די טייטש אַ ווידערקער צוריק, און „טו תשובה" הייסט גאָר פּשוט: אַ בעל-עגלה ביסטו געווען — ווער-זשע ווידער אַ בעל-עגלה.

235. שמירן די רעדער

שבת ביינטאָג, ווינטער, פרעגט איין בעל-עגלה דעם צווייטן:

— איך האָב שוין אָפּגעזאָגט היינט גאַנץ תהלים, דאַרף איך נאָך איצט זאָגן „ברכי נפשי", וואָס איז אויך אַ קאַפּיטל תהלים, נאָך אַמאָל באַזונדער?

— וואָס איז פאַר אַ שאלה? — ענטפערט יענער — אַז דו

פירסט אויפן וואָגן אַ גאַנצע פּאָס דזשעגעכץ, דאַרפסטו דען דעריבער ניט שמירן די רעדער?

236. בעבור שנדר — אַ פּוד האָבער

אַ בעל־עגלה, אַ בעל־גוף, האָט געהאַלטן שבת אין אַ קליין שטעטל. שבת אינדערפרי קומט ער אין שול, איז מען אים מכבד מיט מפטיר. עס קומט צו „בעבור שנדר", זאָגט ער: אַ פּוד האָבער. דער גבאי קוקט אים אָן פאַרוואונדערט און זאָגט אים שטילערהייט: ביי אונדז איז מען מנדר אָדער מזומן געלט אָדער ליכט אויף דער שול. זאָגט ער ווידער: אַ פּוד האָבער.

נאָכן דאַוונען פרעגט אים דער גבאי וואָס דאָס הייסט.

— וויבאַלד איר — מאַכט דער בעל־עגלה — זענט אַזוינע פערד און גיט מיר מפטיר, קומט אייך האָבער.

237. אַ למדן אין „עברי"

דער רב ר' הלל פּאַריטשער איז אַמאָל געפאָרן אין וועג אויף אַ פור. אַרויסגעפאָרן איז מען פאַרטאָג, און אויפן וועג האָט זיך דער בעל־עגלה אָפּגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע מען זאָל דאָרט אָפּדאַוונען. ר' הלל מיטן בעל־עגלה זיינען אַריינגעגאַנגען, ביידע אין איין צייט אָנגעטאָן טלית־און־תפילין און זיך געשטעלט דאַוונען. דער בעל־עגלה האָט עס געמאַכט איינס און צוויי, און ווען ר' הלל האָט ערשט געהאַלטן ביי „הודו" איז דער בעל־עגלה שוין געווען פאַרטיק מיטן גאַנצן דאַוונען.

דערנאָך ווען ר' הלל האָט אויך געענדיקט דאָס דאַוונען זאָגט ער דעם בעל־עגלה:

— קיין עין־הרע, פאָרט איר געשווינד ווי אַ קוריער־צוגביים דאַוונען.

— רבי — פרעגט אים דער בעל־עגלה — וויפל יאָר, אַ שטייגער, האָט איר געלערנט „עברי" אין חדר?

— איך — ענטפערט דער רב — האָב געלערנט עברי דריי חדשים און דערנאָך אָנגעהויבן חומש.

— און איך, רבי — מאַכט דער בעל־עגלה — האָב געלערנט „עברי" עטלעכע יאָר כסדר, וואָס־זשע איז דאָ דער חידוש, אַז איך קען גיכער זאָגן „עברי".

שדכנים און בדחנים

.238 אַן אײן און אײנציקן חסרון

אַן אַלטער שדכן איז געקומען רעדן אײנעם אַ יונגנמאַן אַ שידוך מיט זײנער אַ באַקאַנטער בתולה עפּעס גאָר אַ פּאַרזעעניש. דער יונגערמאַן קוקט אַן דעם שדכן װי אַ משוגענעם און זאָגט אים אויפ־געבראַכט:

— װאָס הײסט, איר קומט מיר רעדן אַזאַ מין שידוך? ניט אַנדערש, אַז איר מאַכט מיט מיר גלאַט אַ שפּאַס.

— דו האָסט אַ טעות — רופט זיך אָן דער שדכן — איך האָב פּײנט צו מאַכן שפּאַס. איך מײן עס גאַנץ ערנסט. װאָס איז דיר דאָ, זאָג מיר, אַזױ פּריקרע?

— סטײטש, זי איז דאָך גאָר אַ בלינדע!

— אַ חסרון איז דאָס בײ דיר? װעדליק איך קען דיך, רעכן איך גאָר פּאַרקערט, אַז ס׳איז פאַר דיר אַ מעלה: זי װעט ניט קענען זען דײנע שײנע געננ.

— זי איז דאָך שטום אויך...

— דאָס איז געװיס אַ מעלה בײ אַ װײב: דו װעסט מיט איר אָפּלעבן ביז הונדערט און צװאַנציק יאָר און קײן מאָל פון איר מויל ניט הערן קײן סימן אַפילו פון אַ קללה.

זי איז דאָך טויב אויך...

װאָס קען זײן אַ בעסערע מעלה דערפון? אַלע צײטן קענסטו זיך רעדן פאַר איר אין די אויערן אויף אַ קול װאָס דו װילסט, אַפילו שעלטן זי מיט טויטע קללות װיפל דײן האַרץ גלוסט.

— זי איז דאָך קרום אויך...

— דאָס איז אפשר אויך אַ חסרון? כ׳לעבן, גאָר שלעכט װעט דיר זײן, אַז דו װעסט מעגן זיך אַרומדרײען װי אַ פרײער פויגל, און זי װעט דיר ניט קענען נאָכלויפן װאו דו שטײסט און גײסט, װי דער שטײגער פון אַנדערע װײבער.

— זי איז דאָך האָרבאַטע אויך...

— איך פאַרשטיי דיך נישט — מאַכט דער שדכן שוין אַ ביסל בייזלעך — אַפּנים, דו וואָלסט חשק געהאַט, אַז די כלה דיינע זאָל זיין טאַקע מיט הוילע מעלות, אָן איין און איינציקן חסרון!

239. עס מאַכט ניט אויס

אַ שדכן איז געקומען צו אַ יונגנמאַן אים רעדן אַ שידוך.

— די כלה — זאָגט דער שדכן — איז זייער אַ פיינע און אַ וואוילע — אַ זעלטענע בתולה, וואָס האָט מען דאָ צו רעדן, אַזאַ יאָר אויף אַלע מיינע ליבע, נאָר וואָס דען, אויסגעקליידט איז זי שיין וואָס שיין הייסט, אָבער קיין נדן פאַרמאָגט זי ניט צו געבן.

— עס מאַכט ניט אויס — זאָגט דער יונגערמאַן.

— נאָך אַ קליינעם חסרון האָט זי: אויף איין אויער הערט זי אַ ביסל שלעכט.

— עס מאַכט ניט אויס.

— היינט דאַרף איך אייך זאָגן, אַז אויף איין אויג זעט זי ניט גאָר גוט.

— עס מאַכט ניט אויס.

— זי הינקט נאָך אַ ביסל אונטער אויך.

— עס מאַכט ניט אויס.

— נאָך איין קלייניקייט מוז איך אייך זאָגן, ווייל איך בין ניט גלייך צו אַנדערע שדכנים, איך האָב ליב שטענדיק דערציילן אַלצדינג פריער, עס זאָל דערנאָך ניט זיין חלילה, קיין טענות מיט קיין תרעומות: זי האָט אַ קליינעם האָרב.

— עס מאַכט ניט אויס.

— ווען־זשע — פרעגט דער שדכן — גייען מיר אָנקוקן די כלה?

— וואָס דאַרף איך זי אָנקוקן? געזאָגט האָב איך „עס מאַכט ניט אויס", ווייל מיר מאַכט כלל ניט אויס, וויבאַלד איך וועל זי סיי־ווי־סיי ניט נעמען.

240. אַ ליבע־שידוך

— איך האָב פאַר דיר — זאָגט אַ באַרימטער שדכן איינעם אַ בחור — אַ גאַנץ צעטל שידוכים אויף אויסצוקלייבן וואָס דיין האַרץ

גלוסט. אין מיין צעטל, זאָג איך דיר, איז איין שידוך בעסער פונעם אַנדערן. ווילסטו געלט — האָב איך פאַר דיר אַ כלה מיט נדן גאָר אַ היפשן; ווילסט שיינקייט — האָסטו ביי מיר אַ פאַרשוין, מען דאַרף אויספאָרן גאַנצע מדינות אויף אַזעלכע צו געפינען; ווילסטו ווידער יחוס — קען איך דיר געבן אַזעלכע, וואָס איז איינגעטונקט אין יחוס, טאַקע פון דער אמתער גאָלדענער פאַן.

דער שדכן רעדט און רעדט און דער בחור הערט זיך ניט אויף צו קנייטשן, ווי איינער זאָגט: ניין, ניין, ניט דאָס מיין איך. צום סוף רופט ער זיך אָן:

— הערט איר, מיין ליבער ייד, איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז אייער טרחה איז אומזיסט, אַרויסגעוואָרפן אַלע אייערע רייד. איך בין ניט פון די אַלט-מאָדישע יונגעלייט און ניט אויף אַזעלכע שידוכים קוק איך אַרוים.

— אויף וואָס דען פאַר אַ שידוכים?

— איך וויל נאָר טאָן אַ שידוך דורך ליבע.

— אָך, אַ ליבע-שידוך! — מאַכט דער שדכן — וואָס-זשע שווייגסטו! ביי מיר אין צעטל געפינען זיך פון אַלע מינים. ווילסט אַ ליבע-שידוך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!

241. מעג זיין אַ משוגענע

אַ שדכן הערט-אוים פון אַ יונגנמאַן וואָס פאַר אַ כלה ער פאַרלאַנגט, מען זאָל אים ריידן, רופט ער זיך אָן צו אים אַ ביסל אויפגעבראַכט:

— איך מוז אייך זאָגן, יונגערמאַן, האָט מיר קיין פאַריבל ניט, אַזאַ כלה ווי איר פאַרלאַנגט מיט אַלע מעלות פון דער וועלט: אי אַ שיינהייט, אי פון פיינסטן יחוס און נאָך מיט היפש נדן דערצו, דאַרף זי דאָך זיין אַ ריינע משוגענע, זי זאָל אַזעלכן ווי איר וועלן!

— זעט איר — מאַכט דער חתן קאַלטבלוטיק — דאָס אַרגט מיר גראָד ניט, זי מעג זיך זיין אַ משוגענע.

242. די משוגענע שעה

אַ ישיבה-בחור האָט געבעטן אַ שדכן:

— זוכט פאַר מיר אוים אַ כלה אַזעלכע, וואָס זאָל זיין מיט אַלע מעלות: אי רייך, אי אַ פאַרשוין און דערנאָך פון שענסטן

יחוס, ווייל מיר אַליין, מוז איך אייך זאָגן דעם אמת, פעלן די אַלע זאַכן: קיין גרויסער פּאַרשוין, ווי איר זעט, בין איך ניט, קיין רייכער געווים ניט, און פון קיין הויכן יחוס, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, קום איך אויך ניט אַרויס.

— איך האָב פאַר דיר אַ כלה — זאָגט דער שדכן — איינס אויף דער וועלט, מיט אַלע מעלות וואָס דו פאַרלאַנגסט אויפן בעסטן אופן, זי האָט אָבער איין שטיקל חסרון.

— איין חסרון מאַכט ניט אויס. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין חסרון?

— איין שעה אין יאָר איז זי משוגע.

— איין שעה אין יאָר מאַכט ניט אויס. הכלל, איך באַשטיי דערויף, מאַכט־זשע איר ניט קיין לאַנגע שהיות און נעמט זיך אין אַ גוטער שעה צום עסק, נאָר תיכף־ומיד.

— ניין — מאַכט דער שדכן ערנסט — תיכף־ומיד איז אוממעגלעך, די זאַך מוז האָבן אַ ביסל געדולד.

— פאַרוואָס?

— ווייל פון אַזאַ חתן ווי דו, פאַרשטייסטו מיך, וועל איך קענען קומען מיט איר רעדן ערשט דעמאָלט ווען עס וועט איר אָנקומען די משוגענע שעה.

243. וואו שטייט אין דער תורה

איינמאָל איז געשלאָסן געוואָרן אַ שידוך, ווי דער שטייגער, דורך אַ שדכן און חתן־כלה האָבן זיך ניט געזען ביז אונטער דער חופּה. דעמאָלט ווען די כלה האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען דעם חתן, האָט זי גענומען שרייען און יאָמערן. וואָס איז? דער חתן לאָזט זיך אויס אין אַ נאָז.

אַז דער שדכן האָט דערהערט די קולות מאַכט ער מיט גרויס וואונדער:

— האָסטו געהערט אַזעלכעס! וואו שטייט עס אין דער תורה אַז אַ חתן מוז דווקא האָבן אַ נאָז?

244. נאָר האַלב משוגע

איינער דערציילט דעם חבר זיינעם, אַז אין יענער פריילין איז ער שטאַרק פאַרליבט, ער איז ממש האַלב משוגע.

— נו, — זאָגט דער חבר — האָב מיט איר חתונה.

— וואָס הייסט — ענטפערט ער — איך בין דאָך נאָר האַלב משוגע, ניט אינגאַנצן.

245. אַ זעלטענע טייערע סחורה

אַ שדכן האָט געפרעגט איינעם ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן זיינעם אַ באַקאַנטן יונגנמאַן מכח אַ שידוך.

— דעם דאָזיקן בחור — ענטפערט יענער — קומט געווים צו נעמען גאָר היפּש נדן, ווייל אַזאַ סחורה איז זעלטן טייער היינ־טיקע צייטן, צוליב כמה טעמים: אַ פערד וואָס פלעגט אַמאָליקע יאָרן קאָסטן העכסטנס אַ פינף־און־צוואַנציקער, דאַרף מען פאַר אים איצט אוועקגעבן אַ גאַנצן הונדערטער; אַ חזיר ווידער, וואָס די העכסטע פרייז פאַר אים איז געווען אַ צען־רובל־שטיק, קאָסט־אַפּ איצט דריי מאָל אַזוי פיל; היינט גלאַט אַ בחור, וואָס פלעגט אַמאָ־ליקע צייטן נעמען קוים הונדערט רובל נדן, באַקומט איצט עטלעכע הונדערט. היינט וויפל־זשע, באַרעכנט איר אַליין, קומט אָפּצוצאָלן פאַר דער דאָזיקער סחורה, וואָס איז אי אַ פערד איינס אין דער וועלט, אי אַ חזיר וואָס זיין גלייכן איז ניטאָ, און דערצו נאָך אַ בחור אויך.

246. בלויז ווען ער רעדט

אַ שדכן דערציילט דער כלה וועגן די מעלות פונעם חתן וואָס ער רעדט איר:

— דער חתן, זאָג איך אייך — און אַז איך זאָג מעגט איר מיר גלויבן! — איז אַ בחור מיט אַלע מעלות, אָבער טאַקע וואָס מעלות הייסט. נאָר איין שטיקל חסרון האָט ער: ער שטאַמלט.

— שטאַמלט ער שטענדיק? — פרעגט די כלה.

— חלילה! — ענטפערט דער שדכן — בלויז ווען ער רעדט.

247. די סחורה צוריק

— שוין באַלד אַ יאָר זינט איך האָב אייך חתונה געמאַכט — זאָגט אַ שדכן צו אַ יונגנמאַן — כ׳לעבן ס׳איז שוין צייט איר זאָלט מיר אָפּגעבן די עטלעכע רובל וואָס איר זענט מיר געבליבן שולדיק שדכנות־געלט.

— קיין געלט, ליבער ייד, האָב איך ניט — ענטפערט דער יונגערמאַן — אָבער ווייסט איר גאָר וואָס, נעמט גלייך אַפּ אייער סחורה צוריק.

248. אַביסל פילאָזאָפיע

אַ געניטער שדכן האָט געפירט אַ חתן אָנצוקוקן אַ כלה. דער חתן איז געווען, עס זאָל אים צו קיין שאַנדע ניט זיין, אַ רעכטער לעקיש, לערנט אים דער שדכן ווי ער זאָל זיך האַלטן ביים מחותן אין שטוב. און דער עיקר וואָס אַזוינס ער זאָל שמועסן מיט דער כלה ווען זיי וועלן בלייבן איינע אַליין.

— מיט היינטוועלטיקע כלות — זאָגט ער אים — מוז מען וויסן ווי אַזוי צו פירן דעם שמועס. פריער פון אַלץ דאַרף מען רעדן פון ליבע, דערנאָך שמועסט מען פון משפחה־זאַכן, און צום סוף מוז מען אַ ביסל אַ שמועס טאָן אויך חקירה, אָדער ווי זיי רופן עס היינט פילאָזאָפיע, דער גוטער יאָר ווייסט זיי דאָרט.

דער חתן האָט דאָס גענומען אין זינען און זיך גוט איינגעחזרט. געקומען צו דער כלה, פירט מען אים אריין אין דער ליכטיקער, יום־טובדיקער זאַל, וואו עס געפינען זיך אַלע שטוב־לייט. צו בים־לעכווייז גייען אַלע, ווי דער שטייגער, אַרוים פון זאַל און עס בלייבן דאָרט נאָר חתן־כלה אַליין. דער חתן געדענקט גוט, אַז ער דאַרף אָנהייבן דעם שמועס פון ליבע, גיט ער אַ פרעג דער כלה:

— זאָגט מיר, איר האָט ליב, אַ שטייגער, לאָקשן?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט ליב האָבן קיין לאָקשן? — ענטפערט זי.

נעמט ער ווייטער פרעגן וועגן משפחה־זאַכן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר האָט אַ ברודער?

— ניין, — ענטפערט זי — קיין ברודער האָב איך ניט.

איצט האָט זיך דער חתן אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט: ער מוז דאָך רעדן צום סוף אַ ביסל פילאָזאָפיע. געטראַכט — און אויסגע־טראַכט.

— ווי מיינט איר, אַ שטייגער — זאָגט ער און פאַרקנייטשט דעם שטערן — ווי וואָלט געווען ווען איר זאָלט, למשל, האָבן אַ ברו־דער, ווי מיינט איר, וואָלט ער ליב געהאַט לאָקשן?

249. ווער וועט אַזוינע לייט געטרויען

אַ שדכן גייט אַרוים מיטן חתן נאָכן „אָנקוקן" די כלה, מאַכט ער צו אים:

— נו, ווי געפעלט אייך? איאָ איך האָב אייך ניט אָפּגענאַרט, אַז ס'איז אַ רייכע שטוב? האָט איר געזען וואָס פאַר אַ זילבער־געשיר עס האָט געשיינט אויפן טיש?

— איז עס אפשר ניט געליענס ביי איינעם פון די שכנים? — פרוואווט זיך דער חתן אַ זאָג טאָן.

— וואָס רעדט איר, מחילה, אַזעלכע נאַרישקייטן? — גיט זיך דער שדכן אַ כאַפּ — אַזוי פיל זילבער ווער וועט עס נעמען און אַזוינע לייט געטרויען?

250. לאַנג צו וואַרטן

אַ רייכער ייד טענהט מיט אַ שדכן:

— איר זאָגט, אַז פאַר ווינציקער פון צוואַנציק טויזנט וועל איך ניט קענען געפינען היינטיקע צייטן קיין רעכטן חתן פון די געענדיקטע פאַר מיין איינציקער טאָכטער. איך האָב מורא, אַז איר זענט טאַקע גערעכט, אָבער גיט מיר צו פאַרשטיין, איר זענט דאָך אַ קלוגער ייד, פאַרוואָס איז אַזאַ צרה נאָר אויף אונדז יידן? ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, האָט איינער, אַ שכן אַ גוי, וואָס איך פאַרמאָג ניט אַ צענטל פון אים, אויך אויסגעגעבן זיין איינציקע טאָכטער פאַר אַ חתן „מיט אַ דיפּלאָם", און געגעבן האָט ער נדן, וויפל מיינט איר? סך־הכל פינף טויזנט רובל, ניט מער!

— וואָס גלייכט איר — מאַכט דער שכן — אַ גוי צו אַ יידן? אַ גוי בשעתן אויסגעבן זיין איינציקע טאָכטער זאָגט ער דעם חתן: „אַלץ וואָס דו זעסט וועט זיין דיינס נאָך מיין טויט"; אַ ייד אָבער זאָגט דעם חתן: „אַלץ וואָס דו זעסט וועט זיין דיינס נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר". נו, וואָס פאַר אַ שוטה האָט חשק אַזוי לאַנג צו וואַרטן.

251. אַ דערוואַקסענע בתולה

אַ שדכן איז געקומען צו איינעם אַ גביר רעדן דער טאָכטער זיינער אַ שידוך.

— איר האָט זיך אַ ביסל צוגעאײלט — זאָגט דער פּאַטער מיט אַ שמייכל צום שדכן — איך האַלט נאָך גאָרנישט דערביי צו טאָן אַ שידוך מיט מיין טאָכטער, זאָל לעבן, זי איז נאָך דערווייל גאָר אַ יונג קינד.

— וואָס רעדט איר, זאָלט איר מיר געזונט זיין! — רופט זיך אָן דער שדכן מיט היץ — וואָס איז שייך צו זאָגן צו יונג? וויבאַלד עס מאַכט זיך אַ גוטער און פיינער שידוך טאָר מען ניט אָפּ־לעגן אויף שפּעטער. אויסער דעם מוז איך אייך זאָגן, מיין ליבער ייד — זאָגט ווייטער דער שדכן מיט אַ קרעכץ — איך ווייס נישט, אפשר איז אייער טאָכטער טאַקע נאָך גאָר אַ יונג קינד, מיין טאָכטער אָבער איז שוין זייער אַ דערוואַקסענע בתולה, און כדי זי זאָל נעבעך געהאָלפן ווערן, איז נויטיק איך זאָל אויספירן אַ לייטישן שידוך און פאַרדינען מיטאַמאָל אַ היפּש שדכנות.

252. אַן אייגן הויז

איינער אַ שדכן פלעגט זאָגן:

— היינטיקע ציטן בוי איך מיר אויס פון יעדן שידוך באַזונ־דער אַן אייגן הויז: פריער לויף איך זיך אָן ביז איך באַקום די פּלאַ ץ; דערנאָך ציט זיך די אַרבעט ווייטער און מיין הויז־געזינט ליגט דערווייל נ יי ן א יי לן א י ן ד ע ר ע ר ד; דערנאָך פיר איך צונויף אַ וו אַ נ ט מ י ט אַ וו אַ נ ט; צום סוף לאָזט זיך אויס „ב ו י ד ע ם־פּ אָ ל י צ ע” און עס פירט זיך אויס פונעם גאַנצן אַ ק ו י מ ע ן מ י ט ר ו י ך...

253. טאַקע אַן גלייכווערטלעך

ביי אַ מינסקער גביר אויף אַ חתונה האָט דער בדחן אַ היפּשע צייט געשאָטן מיט גראַמען און געזאָגט גלייכווערטלעך איינס נאָכן אַנדערן און דער עולם האָט זיך משמח געווען. ווען ער האָט אויפ־געהערט זיינען צו אים צוגעשטאַנען עטלעכע גבירים פון די מחותנים און פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל ווייטער זאָגן גלייכווערטלעך מיט די גראַמען.

— ביטער ווי גאַל, איך בין בדיל־הדל, אויסגעשעפּט דער גאַנצער קוואַל — זאָגט דער בדחן.

— נו, נו, דערציילט ניט, איר האָט נאָך גענוג!

— איך זאָג אייך אויסגעשעפּט אין גאַנצן, לאָז דער עולם גיין טאַנצן.

— ווייסט איר וואָס — שרייען די גבירים פריילעך — זאָגט נאָך איין שיין גלייכווערטל מיט אַ פיינעם גראַם, לאָזן מיר אייך צורו!

— נו הערט, רבותי — זאָגט דער בדחן, וואָס איז שוין געווען אַ ביסל מבוסמדיק — „ויסעו מסכות ויחנו ברפידים״, פאַרברענט זאָלן ווערן אַלע מינסקער נגידים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גלייכווערטל? — רופן זיך אָן די נגידים ברוגזלעך.

— וואָס — מאַכט דער בדחן — איך מיין עס טאַקע אָן גלייכ-ווערטלעך.

.254 אַ גלייכער שידוך

אַ שדכן איז געקומען צו אַן אויפגעקומענעם גביר רעדן אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער. ווען יענער האָט דערהערט מיט וועמען ער רעדט אים דעם שידוך, איז ער געוואָרן אַנגעצונדן:

— סטייטש, ווי האָסטו די העזה צו רעדן מיין טאָכטער אַזאַ שידוך? אַרויס פון מיין שטוב, דו חצוף איינער!

— אָט איצט זע איך ערשט — זאָגט דער שדכן מיט אַ שמייכל — וואָס פאַר אַ גלייכער שידוך דאָס איז. פּונקט אַזוי, אות באות, האָט יענער מחותן אויך אויף מיר געשריען, און האָט מיך אויך פון שטוב אַרויסגעטריבן.

.255 אַ פאָטאָגראַפיש בילד

אַ שדכן רעדט אַ שידוך אַ יונגנמאַן:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דאָס מיידל איז אַ יונגס און אַ שיינס, אַ זעלטענע פאַרשוין, היינט קריגט זי נדן גאָר אַ פיין הויז.

— האָט איר ביי זיך אַ פאָטאָגראַפיש בילד? — פרעגט דער יונגערמאַן.

— וואָס דען איך האָב ניט? — מאַכט דער שדכן, און נעמט אַרויס דער כלהס בילד און באַווייזט.

— ניין — זאָגט דער חתן — ניט אירם מיין איך, איך מיין פונעם הויז.

256. אַלמן

אַ געוויסער בדחן פלעגט זאָגן:

— „אַלמן" מאַכט די ערשטע צייט אַזוי: „איטלעכער לויפט מיך נאָך, נאָכדעם אָבער ווי עס גייט איבער עטלעכע יאָר און ער זיצט אַלץ אַן אַלמן, מאַכט שוין אַ ל מ ן גאָר אַנדערש: „אחד מהם לא נותר" (איינס, פון זיי בלייבט ניט).

כלי־קודש

רבנים

257. „תנו רבנן"

צו איינעם אַ רב פון די גרויסע רבנים איז געקומען אַ יונגערמאַן בעטן סמיכה אויף רבנות. דער רב האָט געפּרואווט אַ שמועס געבן מיטן יונגנמאַן און באַלד אים אָנגעטאַפּט ביים דופק, אַז ער איז זייער שוואַך אין לערנען. נעמט ער אַרויס פון שאַפע אַ גמרא און ווייזט אָן דעם יונגנמאַן, וואָס ער זאָל זאָגן. דער יונגערמאַן נעמט זאָגן אויף אַ קול: „תנו רבנן" — די רבנן האָבן געלערנט". שטעלט אים באַלד אָפּ דער רב און זאָגט:

— ניין, יונגערמאַן, איך קען אייך קיין סמיכה ניט געבן.

— פאַרוואָס? — וואונדערט זיך יענער.

— דערפאַר — ענטפערט דער רב וואָס „תנו רבנן" איז די אמתע טייטש ניט „די רבנן האָבן געלערנט" נאָר „געלערנט האָבן די רבנן". פריער, יונגערמאַן, דאַרף מען לערנען, דערנאָך ערשט ווערט מען אַ רב.

258. אָט דאָס טאַקע הייסט „קורקבן"

אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אַ נאָמען געהאַט פון אַ גרויסן עלוי, האָט באַקומען סמיכה אויף רבנות און באַלד טאַקע געוואָרן רב אין אַ קליין שטעטל. קומט צו אים אַ יידענע מיט אַ פּופּיק פון אַ הון, אין וועלכן מען האָט געפונען אַ נאָדל, צו פרעגן אַ שאלה.

דער יונגער רב האָט גערדרייט דעם פּופּיק אַהין און אַהער, באַטראַכט אים פון אַלע זייטן און קלערט ווי אַזוי פּסקנט מען די שאלה. רופט זיך אָן דער אַלטער דיין, וואָס איז דערביי געזעסן:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו קלערן? ס'איז דאָך אַ בפירושער

דין „מחט שנמצאה בקורקבן" (אַז מען געפינט אַ נאָדל אין אַ פּופּיק...).

— אַזוי — גיט זיך אַ כאַפּ דער יונגער רב — אַט דאָס טאַקע הייסט „קורקבן"!

259. דער ניין-זאָגער

אין אַ שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער קהילה איז געשטאָרבן דער אַלטער רב. האָט מען געשיקט אַ פּאָר אָנגעזעענע בעלי-בתים צו איינעם אַ גרויסן רב איינצולאַדן אים צו פאַרנעמען דאָרט דעם כסא הרבנות.

דער רב האָט געזאָגט, אַז ער איז מסכים נאָר מיט איין תנאי אויב אַלע אין שטאָט זיינען פאַר אים און ער האָט נישט קיין שום קעגנער.

ווען די שליחים האָבן געבראַכט דעם ענטפער פונעם רב, האָבן די שטאָט-גבאים געהייסן אויסרופן וועגן דעם אין אַלע שולן. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער גאַנצער שטאָט געפינט זיך נאָר איינער, יענקל דער שניידער, וואָס איז ניט מסכים אויפן נייעם רב. וויפל מ'האָט אים געפּרוואווט איינריידן, עס העלפט ניט, ער האַלט זיך ביי זיינעם: ניין און ניין!

קומען די שליחים ווידער צום רב און דערציילן אים ווי די זאַך איז. זאָגט ער: מילא, איינער נאָר איז קעגן, מאַכט ניט אויס.

דערנאָך אַז דער נייער רב איז געקומען אין שטאָט ווייזט מען אים אָן אויף זיין איינציקן קעגנער. פרעגט אים דער רב, וואָס אַזוינס האָט ער קעגן אים?

— חלילה! — ענטפערט דער שניידער — וואָס הייסט, איך האָב עפּעס קעגן אייך, רבי! נאָר וואָס דען? גאָר פּשוט, ווען איך זאָג אויך יאָ, גלייך ווי אַלע אין שטאָט, ווער, אַ שטייגער, וואָלט געוואוסט פון מיר. איצט אָבער ווייסן אַלע, און איר טאַקע אויך, רבי, אַז עס געפינט זיך אַ יענקל דער שניידער וואָס האָט געזאָגט ניין.

260. אַן ערב

אַ בעל-הבית אין אַ קליינער שטעטל האָט געפרעגט ביים רב מבינות אויף דעם חתן וואָס מען רעדט דער טאָכטער זיינער, צי

ער קען אַ בלעטל גמרא. האָט ער געענטפערט אַז אויף אַ בלאַט גמרא איז ער פאַר אים אַן ערב.

דערנאָך אַז ס'האָט זיך אויסגעלאָזט אַז דער חתן הייבט ניט אָן צו קענען קיין ברעקל גמרא, שטייט־צו דער מחותן צום רב:

— סטייטש, רבי, איר זענט דאָך געווען פאַר אים אַן ערב?

— איך זאָג זיך ניט אָפּ פון מיין ערבות — זאָגט אים דער רב — נאָר איר ווייסט דאָך, וואָס עס איז דער דין פון אַן ערב, אַז יענער באַצאָלט ניט איז דער ערב מחויב צו באַצאָלן. נו, קען איך פאַר אים אָפּצאָלן מיט אַ בלאַט גמרא.

261. באַצאָלן „כפל"

אויף דעם לעמבערגער רב ר' יאַנקעלע אורינשטיין פלעגט מען זאָגן, אַז אין זיין ספר „ישועות יעקב" זיינען דאָ אַ סך חידושים וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע ספרים.

איין מאָל האָט מען אים דערציילט וואָס לומדים זאָגן.

— עס מאַכט ניט אויס — האָט ער דערויף געענטפערט — אַפילו אַז איר וועט מיך כאַפּן ביי אַ גנבה, בין איך נאָך אימשטאַנד צו באַצאָלן „כפל", און אַפילו „ארבעה וחמשה" אויך...

262. נעמען אַ גרושה

צו אַ רב איז אַמאָל אַריינגעגאַנגען אַ בעל־עגלה מיט דער בייטש אין האַנט, און פרעגט אַ שאלה:

— רבי, איך בין אַ כהן, מעג איך נעמען אַ גרושה?

— דו מעגסט — ענטפערט דער רב.

די אַלע וואָס זיינען געשטאַנען דערביי האָבן זיך געוואונדערט אויף דעם רבס תשובה. זאָגט זיי דער רב:

— וואָס וואונדערט איר זיך. ניט אויף צו נעמען אַ גרושה פאַר אַ ווייב האָט ער געפרעגט, דאָס ווייסט דער גרעסטער עם־הארץ אַז ביי יידן טאָר אַ כהן נישט חתונה האָבן פאַר אַ גרושה. נאָר וואָס דען? איר האָט דאָך געזען אַז ער איז אַ בעל־עגלה, איז ער געווים געקומען פרעגן צי מעג ער נעמען אַ גרושה אין זיין וואָגן.

263. גיי פרעג דעם רב

צום ווילנער רב ר׳ אַבעלע פּאָסווילער איז אין דער פרי געקומען אַ יידענע, אַנגעטאָן ווי ערשט פון דער קיך, און זאָגט אים:

— רבי, איך האָב אייך צו פרעגן אַ שאלה: וואָס זאָל איך היינט קאָכן מיטאָג?

— גייט אַהיים — ענטפערט דער רב — און מאַכט קרעפּלעך.

די שטוב-מענטשן האָבן זיך אַלע געוואונדערט אויף דער משונהדיקער שאלה מיט דער תשובה.

נאָכדעם ווי די יידענע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיי דער רב געגעבן די זאַך צו פאַרשטיין:

— די יידענע, ווי עס ווייזט אויס, איז אַ קעכין, און אַז זי האָט גענומען אין דער פרי דולן אַ קאָפּ דער בעל-הביתטע, ווי דער שטייגער איז, וואָס זי זאָל היינט קאָכן, האָט זי אויף איר געווּים אָנגעשריגן! „גיי פרעג דעם רב!״ — די יידענע ווייסט ניט קיין חכמות און איז צו מיר געקומען פרעגן.

264. די ערשטע שאלה

אַ רב איז אָפּגעזעסן אין אַ שטעטל העכער אַ יאָר און קיינער איז אים די גאַנצע צייט ניט געקומען פרעגן קיין איין שאלה, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן ארויסצופאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, וואו ער האָט באַקומען אַ ניי פּלאַץ אויף רבנות. איינער פון די בעלי-בתים פון שטעטל, ווען ער האָט זיך דערפון דערוואוסט, זאָגט דעם רב:

— רבי, האָט קיין פאַריבל ניט וואָס איך וועל אייך פרעגן: ווי קומט עס וואָס איר האָט געוואָרפן אַזאַ אומחן אויף אונדזער שטעטל און ווילט אונדז פאַרלאָזן?

— דאָס איז דערפאַר — ענטפערט דער רב — וואָס זינט איך בין דאָ פרעגט מען מיך איצט ד י ע ר ש ט ע ש א ל ה.

265. ווער ווּעמען געהערט

צום בריסקער רב ר׳ יוסף-בער סאָלאָווייציק זיינען איין מאָל געקומען צוויי בעלי-בתים זיך לאָדן וועגן אַ קליין שטיקל פּלאַץ צווישן זייערע ביידנס נחלאות. דער טענהט מיט היץ, אַז דאָס

שטיקל פלאַץ געהערט צו אים, און יענער שרייט אויף קולות: ניין, ס'איז ניט קיינעמס נאָר מיינס!

נאָך דעם ווי דער רב האָט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים האָט ער זיך אַ ביסל איינגעבויגן און ווי צוגעלייגט דעם אויער צו דער ערד.

— הערט איר, מיינע ליבע ייִדן — רופט זיך אָן צו זיי דער רב — אויסהערנדיק ווי איר קריגט זיך אַזוי שטאַרק און לייגט־איין די וועלט צוליב אַ שטיקל ערד פון אַ ד' אמות, האָב איך זיך מישב געווען, אַז ס'איז רעכט אויסצוהערן וואָס זי, די ערד אַליין, האָט וועגן דעם סכסוך צו זאָגן, און אָט וואָס זי פון איר זייט טענהט: זי געהערט ניט צו קיינעם פון אייך; פאַרקערט גאָר, איר ביידע געהערט צו איר.

266. אַ מנחה אָן כלבים

דער זעלביקער רב ר' יוסף־בער איז איינמאָל געפאָרן אויף אַ שיף. מנחה־צייט האָבן ייִדן געמאַכט אַ מנין און זיך געשטעלט דאַוונען בצבור. נאָר איינער אַ יידישער גלות, האָט זיך פאַרקרימט בשעת ער האָט דערזען ייִדן גרייטן זיך צום דאַוונען און איז גע־שווינד אַוועק אין עק שיף. נאָכן דאַוונען קומט ער צום עולם ייִדן, פרעגט אים איינער: וואו ער איז פריער נעלם געוואָרן? ענט־פערט ער:

— איך, פאַרשטייט איר מיך, האָב אַ שלעכטן מאָגן, ער פאַר־דייט ניט קיין „מנחה".

רופט זיך צו אים דער רב:

— געוויס האָט איר געלערנט אַמאָל חומש קינדווייז, געדענקט איר מן־הסתם, אַז יעקב אבינו האָט געשיקט אַ געשענק, אַ מנחה הייסט עס, צו זיין ברודער עשו פון אַלץ וואָס איז געווען ביי אים צו דער האַנט: ציגן און צאַפּעס, שעפּעלעך און ווידערס, קעמלען, קי און אָקסן, אייזלען און מוילאייזלען, פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט ער אים שוין ניט געשיקט צום רומל הינט אויך? נאָר דער תירוץ איז פשוט: וואָס פאַר אַ שייכות האָבן כלבים צו אַ „מנחה"?

267. אַדוואָקאַטן וועלן געווינען

אַ יידישער אַדוואָקאַט האָט אַמאָל אויף געלעכטער פאַרגעבן אַ רב אַזאַ שאלה:

— צווישן גיהנום מיטן גן־עדן, ווי איר ווייסט, טיילט־אָפּ איין וואַנט; הײנט ווי איז דער דין, רבי, אויב די דאָזיקע וואַנט איז איינגעפאַלן? די גן־עדן־לייט זאָגן, אַז אויפבויען די וואַנט מוזן די גיהנום־לייט, און יענע טענהן פאַרקערט, אַז ניט זיי נאָר די לייט פונעם גן־עדן דאַרפן די איינגעפאַלענע וואַנט צוריק אויפבויען. ווי קומט־אויס, נאָך אייער מיינונג, נער פון די ביידע צדדים וועט דעם משפט געווינען?

— אייגנטלעך — ענטפערט דער רב — וואָלטן באַדאַרפט געווינען די גן־עדן־לייט, ווייל גיכער איז די וואַנט איינגעפאַלן צוליב דעם העלישן פייער וואָס פלאַקערט דאָרט אין גיהנום; נאָר מען קען ניט וויסן, אין גיהנום געפינען זיך אַזוי פיל יידישע אַדוואָקאַטן מיט געשליפענע צינגלעך, מן־הסתם וועלן זיי דעם משפט געווינען.

268. ריצנאייל און כינין

— רבי — זאָגט איין מאָל אַן אַפּיקורס צום רב פון שטעטל אויף חוזק צו מאַכן — אויף יענער וועלט וועט איר דאָך געוויס באַקומען די גרויסע פּאָרציע פיש פונעם לויתן און פלייש פונעם שור־הבר, דערפאַר רעכן איך, אַז עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט, כ׳לעבן, איר זאָלט מיטנעמען מיט זיך אַהין אַ היפּשע פּאָרציע ריצנאייל.

— און דו — ענטפערט אים דער רב אויפן שטעל — וועסט דאָך דאָרט געוויס געניסן קדחת, דערפאַר וואָלט גאָר ניט געשאַדט זאָלסט מיטנעמען אַהין אַ היפּש ביסל כינין.

269. מיט אַ קליינעם שנוי

צום מלבי״ם איז איין מאָל געקומען אַ הײנטוועלטיקער לץ מיט אַ שאלה, צי קען מען דען ניט מיט עפּעס אַ גמרא־שפּיצל געפינען אַ היתר אויף רויכערן אום שבת?

— געוויס קען מען — ענטפערט אים דער מלבי״ם — מען דאַרף נאָר מאַכן אַ קליינעם שינוי און אַריינגעמען אין מויל דעם ברע־נענדיקן עק.

270. חיימ'עץ

א מחבר מיטן נאָמען ר' חיים איז געקומען צום סלאָנימער רב ר' אייזיק חריף נאָך אַ הסכמה אויף זיין ספר „עץ חיים".

דער רב ר' אייזיק האָט געכאַפּט אַ קוק אין ספר דאָ און דאָרט האָט באַלד דערשמעקט וואָס דאָס איז פאַר אַ מין סחורה, רופט ער זיך אָן צום מחבר:

— הערט איר, ר' חיים, איך מוז אייך זאָגן, אַז מיר געפעלט ניט דער נאָמען פון אייער ספר. באַדאַרפט וואָלט ער הייסן ניט „עץ חיים", נאָר פאַרקערט „חיים'עץ".

271. „פּני משה"

צום זעלביקן רב ר' אייזיק חריף איז געקומען אַן אַנדער מחבר בעטן אַ הסכמה אויף זיין ספר „ידי משה". ר' אייזיק האָט געכאַפּט אַ קוק אינעם חיבור און מאַכט צום מחבר:

— הערט איר, ר' משה, דאַרפן וואָלט אייער ספר געדאַרפט הייסן „פּני משה".

— פאַרוואָס עפּעס דווקא „פּני משה" — פרעגט דער מחבר פאַרוואונדערט.

— גאָר פּשוט — ענטפערט ר' אייזיק — דערפאַר וואָס אין משהס פּנים האָט קיינער נישט געקאָנט אַריינקוקן.

272. אַ קאָזאַק — אַ מחבר

נאָך איין מחבר איז געקומען אַמאָל צום זעלביקן רב בעטן אַ הסכמה אויף זיין חיבור.

ר' אייזיק חריף קוקט אין חיבור דאָ און דאָרט, גיט אים אָפּ דעם מחבר צוריק און זאָגט אים:

— מיין עצה איז, איר זאָלט שטאַרק אָפּהיטן אייער חיבור, איר זאָלט אים, חלילה, ניט פאַרלירן.

— וואָס מיינט איר, רבי? — פרעגט דער מחבר פאַרוואונ־דערט.

— גאָר פּשוט — זאָגט דער רב מיט אַ שמייכל — אַז איר וועט דעם חיבור אייערן אָנווערן קען אים געפינען אַ קאָזאַק און זאָגן אַז ער איז דער מחבר.

273. „יהגה חכמה"

אַ מחבר איז געקומען צו אַ רב נאָך אַ הסכמה אויף אַ חיבור זיינעם מיטן נאָמען „יהגה חכמה". נאָך דעם ווי דער רב האָט אַ ביסל דורכגעבלעטערט דעם ספר, רופט ער זיך אָן צום מחבר אויף גוייש:

— צאַ יעגאַ טאַ ניע חכמה, צאַ חכמה טאַ ניע יעגאַ*).

274. נאָך אַ צרה אויף איובן

צו איינעם פון די גרויסע רבנים איז געקומען אַ מחבר צו בעטן אַ הסכמה אויף אַ פּירוש וואָס ער האָט געמאַכט אויף משלי. דער רב האָט געכאַפּט אַ קוק אין אייניקע ערטער און געזאָגט:

— פּירושים אויף תנ"ך איז ביי אונדז פאַראַן, ברוך־השם, גע־נוג אַלטע און גאַרנישט קיין שלעכטע, דערפאַר בין איך זיך ניט נוהג צו געבן הסכמות אויף נייע פּירושים.

— ערשט פאַר אַ פאָר יאָר — וואונדערט זיך דער מחבר — בין איך דאָך געווען ביי אייך און איר האָט מיר דעמאָלט געגעבן אייער הסכמה אויף מיינעם אַ נייעם פּירוש, וואָס איך האָב געמאַכט אויף איוב.

— איוב — מאַכט דער רב — דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך. איוב פאַרשטייט איר, איז אויסגעשטאַנען אַזוי פיל צרות, האָב איך זיך געטראַכט, וועט פאַר אים ניט אויסמאַכן, אַז ער וועט האָבן אויף זיך נאָך אַ צרה.

275. ניט זיין קיין נאַקעטער

אַ רב האָט אַ ביסל אַריינגעקוקט אינעם ספר, וואָס איינער אַ מחבר האָט אים געבראַכט און געבעטן אויף דעם אַ הסכמה, דערנאָך גיט ער אָפּ דעם מחבר זיין חבור און זאָגט אים דערביי:

— איך ווינטש אייך, אַז אייער ספר זאָל ניט זיין אַזוי קיין נאַקעטער ווי ער וועט ניט זיין קיין הונגעריקער.

דער מחבר קוקט אים אָן און פאַרשטייט ניט קיין פּירוש פון די ווערטער.

---

*) דאָס וואָס איז אייגנס איז ניט קיין חכמה, און דאָס וואָס עס איז חכמה איז ניט אייגנס.

— פֿאַרשטייט איר — דערקלערט אים דער רב — אַ הונגער־ריקער וועט אייער ספר געוויס ניט זיין, ווייל מען וועט מן־הסתם אין אים איינפּאַקן הערינג און פּוטער און קעז; איך ווייס אָבער ניט צי עס וועט זיך געפינען איינער אַ בעלן אים איינצוביגדן, ער זאָל ניט זיין קיין נאַקעטער.

276. אַ סגולה אַקעגן מזיקים

אַ מחבר איז געקומען פֿאַר מנחה־צייט מיט זיין ספר צו אַ רב און געוואָלט פֿון אים באַקומען אַ הסכמה. דער רב האָט גענומען בלעטערן דעם ספר, געכאַפּט אַ קוק אַ ביסל דאָ, אַ ביסל דאָרט; דערנאָך רופט ער זיך אָן, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אין שול דאַווגען מנחה. זאָגט דער מחבר צום רב:

— אפשר זאָל איך איבערלאָזן מיין חבור ביי אייך איבער נאַכט, וועט איר אין אים נאָך אַ ביסל אַריינקוקן?

— ניין, ס'איז ניט נויטיק — מאַכט דער רב — היינט וואָלט איך אייך גלאַט ניט געעצהט צו גיין ביינאַכט איבער דער שטאָט אַליין אָן דעם חבור אייערן.

— פֿאַרוואָס איז?

— איר ווייסט דאָך, אַז אַ תלמיד־חכם טאָר ניט גיין אַליין ביינאַכט צוליב די מזיקים. און אַקעגן דעם קען אייער חבור זיין די בעסטע סגולה: די מזיקים וועלן פֿון אים באַלד קענען אַרויסזען, אַז ס'איז אַ טעות און זיי האָבן דאָ לחלוטין ניט צו טאָן מיט קיין תלמיד־חכם.

277. מגלה חידושים

צום גאון ר' יוסף פֿון דווינסק, וואָס איז געווען באַוואוסט מיטן נאָמען „ראָגאַטשאָווער עלוי”, איז געקומען אַ מחבר מיט זיין ספר, וואָס איז שוין געווען אָפּגעדרוקט אין פּעטריקאָוו, און איצט וויל ער צונויפֿנעמען ביי רבנים הסכמות און צודרוקן צו דעם ספר, בעט ער דערפֿאַר ביים ראָגאַטשאָווער זיין הסכמה. דער ראָגאַטשאָווער נעמט דעם ספר, באַטראַכט דעם שער־בלאַט. קוקט אַ ביסל אינעווייניק, מישט ווידער אויף דעם שער־בלאַט, און זאָגט דעם מחבר:

— אמת, איר זענט מיט אייער ספר מגלה חידושים, נאָר קיין הסכמה וועט איר ביי מיר ניט באַקומען.

דער מחבר איז אַ ביסל אָראָפּגעפאַלן ביי זיך, וואָס דער ראַ־גאַטשאָווער וויל אים קיין הסכמה ניט געבן; פון דער אַנדערער זייט אָבער איז ער ביי זיך געהויבן געוואָרן וואָס דער באַרימטער „ראַגאַטשאָווער עלוי" געפינט ביי אים אין ספר חידושים, פרעגט ער דעם רב:

— זאָגט מיר, רבי, וואָס פאַר אַ חידושים האָט איר אין מיין ספר געפונען?

— פאַר מיר — זאָגט דער ראַגאַטשאָווער — איז דער ספר אייערער באמת מגלה חידושים, אַז ס'איז פאַראַן אין פּעטריקאָוו אַ דרוק.

278. מדבר שקר תרחק

דער באַרימטער רב ר' משה חפץ, ווען ער האָט איינעם געגעבן אַ הסכמה אויף אַ ספר צי אַ סמיכה אויף רבנות, אָדער אַזוי אַ בריוול, וואו מען שרייבט שבחים אויף יענעם און מען כאַפּט דערביי איבער די מאָס, — פלעגט ער געוויינלעך זיין חתימה וואָס וויטער אָפּ־טרעטן פונעם כתב.

איין מאָל האָט מען אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט עס? האָט ער דערויף געענטפערט:

— ס'איז דאָך דאָ דערויף אַ בפירושער פסוק: מדבר שקר תרחק.

279. אַליין פאַרדינען די מצווה

ביים אַראָפּגיין פון באַן דערזעט אַ ייד ווי דער כאַסלאַוויטשער רב, ר' אברהם משכיל-לאיתן טראָגט אַליין דאָס רענצל זיינס, לויפט ער צו צו אים און וויל אים אונטערטראָגן דאָס רענצל. וויל דער רב נישט מטריח זיין אַ יידן און טראָגט אַליין.

בעט זיך דער ייד ביים רב:

— לאָזט מיר, רבי, פאַרדינען אַ מצווה און משמש זיין אַ תלמיד-חכם.

— אויב יאָ אַ תלמיד-חכם — זאָגט דער רב מיט אַ שמייכל — פאַרוואָס זאָל איך אַליין ניט פאַרדינען די מצווה?

280. חיבור און חיסור

צו איינעם אַ רב איז געקומען אַ מחבר מיט זיין חיבור בעטן דערויף אַ הסכמה. געווען איז דעמאָלט אַ קריזיס־יאָר, ווען יידישע סוחרים האָבן דערלייגט היפש געלט און ס'זיינען געווען פיל באַנקראָטן. רופט זיך אָן דער רב צום מחבר:

— הערט איר, ס'איז מיר אַ גרויסער חידוש, וואָס אין אַזאַ שלעכטער צייט ווען אַלע יידן מאַכן אַ חיסור, נעמט איר און מאַכט אַ חיבור. נאָר מען קען אייך פאַרענטפערן דערמיט, וואָס אויך פון אייער חיבור וועט איר האָבן אַ חיסור.

281. אַ זעלטענע המצאה

צום גרויסן רב ר' דוד אין נאָוואָגרודאָק איז געקומען איינער פון די יונגעלייט בעטן אַ הסכמה אויף זיין פירוש, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דער תורה און אָנגעשריבן עס טאָקע אין אַ געדרוקטן חומש אויפן ליידיקן פלאַץ אַרום ביי די זייטלעך. דער רב באַטראַכט דעם כתב־יד, בלעטערט אים און קוקט אַריין אַלע מאָל אַ ביסל אויף אַן אַנדער זייטל, און פון צייט צו צייט וואונדערט ער זיך און מאַכט: אַ זעלטענע המצאה! אַ שאַרף־שפּיציקער איינפאַל!

דער מחבר זיצט ביי דער זייט, קוקט אויפן רב און האָט שטאַרק הנאה דערפון, וואָס דער פירוש זיינער, ווי עס־ווייזט־אויס, האָט אַזוי אויסגענומען אין די אויגן פונעם באַרימטן רב. צום סוף האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן און ער גיט דעם רב אַ פרעג:

— רבי, געפעלט אייך אַזוי די המצאות פון מיין פירוש?

— חלילה! — ענטפערט דער רב מיט אַ שמייכל — אדרבה, דער פירוש טויג אויף גאָרנישט, נאַרישע זאַכן, און ער האָט כשר פאַרדינט מען זאָל נעמען און אַוועקשליידערן אים אויף דער ערד, נאָר איך באַוואונדער דיין המצאה צו שרייבן אַזאַ משונה פירוש אויף די זייטלעך פונעם הייליקן חומש און דורך דעם אויפטו דיינעם האָסטו באַוואָרנט דיין פירוש, אַז קיינער זאָל ניט וואַגן אים אויף דער ערד וואַרפן.

282. איוואַן קען יידיש

איינעם אַ רב פון אַ גרויסער שטאָט אין רוסלאַנד האָט מען אַמאָל געפרעגט: ווי קומט עס, וואָס ער קען ניט קיין איין וואָרט רעדן

אויף דער לאַנדסשפּראַך, ס'איז דאָך אוממעגלעך אָן דעם זיך צו באַגיין?

— איך קען זיך באַגיין — ענטפערט דער רב — וואָס פאַר אַ געשעפטן האָב איך מיט גויים?

— אָט האָט איר אַ געשעפט אַלע פאַר פסח מיט איוואַנען צו פאַרקויפן אים דעם חמץ, דאַרפט איר דאָך מיט אים קענען ריידן?

— מיין איוואַן קען יידיש.

283. אַ גליק וואָס ער פאַסט

אַ קליינשטעטלדיקן יידן האָט מען געפרעגט:

— ווי קען עס דער רב אייערער לעבן פון דער גראַשנדיקער שכירות וואָס ער באַקומט?

— וואָס מיינט איר — האָט יענער געענטפערט — אונזער רב וואָלט געווים פון הונגער שוין לאַנג פון דער וועלט געגאַנגען; דער גאַנצער גליק איז, וואָס ער פאַסט גלאַט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, און אָפטמאָל פאַלט־אונטער אַ תענית־חלום אויך.

284. אַ ברכה לבטלה

איינער אַ רב האָט שטאַרק געהאַלטן פון מצות מילה און געווען אָפט ביי בעלי־בתים אויף בריתן אַ מוהל. אפילו אויף דער עלטער, ווען ער איז שוין שטאַרק געווען געשלאָגן אויף דער ראיה, האָט ער זיך אַלץ ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון דער גרויסער מצווה. איינמאָל אויף אַ ברית האָט ער אָפּגעזאָגט מיט גרוים כוונה די ברכה „על המילה", און ניט־זעענדיק פאַרקראָכן מיטן מוהל־מעסער אין אַ זייט און געגעבן אַ רעכטן שניט ביים סנדק.

דער סנדק האָט פאַר גרוים ווייטיק געגעבן אַ געשריי ניט מיט זיין קול. דער אַלטער מוהל האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז ער האָט דאָ געהאַט אַ שטיקל טעות, זאָגט ער מיט האַרץ:

— הו־וואַ, אַ ברכה לבטלה!

285. ברוך דיין אמת

אויף איינעם אַ דיין ר' ברוך האָט מען אין שטאָט געמורמלט, אַז ער ווייסט צופיל אַ צורת מטבע און ער איז שטאַרק געכאַפּט אין

נעמען אַמאָל שוחד אויף געריכט צו מאַכן דעם שולדיקן. איינמאָל, נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך געענדיקט ביי אים אַ דין־תורה, האָט אים איינער פון די צדדים געגעבן אָנצוהערן גאַנץ אָפן, אַז דער פסק־דין זיינער איז ניט קיין אמתער. רופט זיך אָן דער דין:

— אויף מיר קען מען אַזאַ זאַך ניט זאָגן, ווייל עס שטייט דאָך בפירוש: „ברוך דין אמת״ (ד״ה ברוך איז אַן אמתער דין).

— הערט איר, רבי — מאַכט יענער אויפגעבראַכט — שלמה המלך דער גרויסער חכם האָט שוין לאַנג געזאָגט „יהללך זר״ (לאָז דיך לויבן אַ פרעמדער), דערפאַר וואָלט גלייכער געווען, אַז אַנדערע זאָלן אויף אייך דאָס דאָזיקע זאָגן.

286. ער פאַרשטייט אַליין

איינער פון די בעלי־הבתים פון אַ שטעטל האָט אַמאָל געזאָגט דעם רב:

— אויף אייך, רבי, איז מיר אַ גרויסער חידוש, איר זאָלט אַזוי חנפענען די נגידים!

— וואָס איז אייך דער חידוש — ענטפערט דער רב — ס׳איז דאָך אַ בפירושער דין: „מותר לש״צ להחניף את הצבור״ (דער ש״צ מעג חנפענען דעם קהל).

— רבי — וואונדערט זיך דער בעל־הבית — דער דין איז דאָך געזאָגט געוואָרן אויף אַ ש״צ (חזן), ניט אויף קיין מ״צ (רב).

— חכם איינער! — מאַכט דער רב — דעם ש״צ האָט מען עס באַדאַרפט זאָגן, ווייל סתם חזן איז אַ נאַר, און אַ נאַר מוז מען אָנזאָגן; דעם מ״ץ אָבער האָט מען ניט באַדאַרפט זאָגן, ווייל מ׳האָט זיך אויף אים פאַרלאָזט, אַז ער פאַרשטייט עס אַליין.

287. אַן אמתער יחסן

אין אַ שטעטל זיינען געווען צוויי ברידער, איינער אַ רב און דער צווייטער אַ פשוטער בעדער. פלעגט דער רב זיך שעמען מיט זיין ברודער דעם בעדער און אָפטמאָל אָפדרייען דעם קאָפּ, ווען ער פלעגט אים באַגעגענען און זיך מאַכן גלייך ווי ער זעט אים ניט. איז איינמאָל דער בעדער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן דערפאַר אויף זיין ברודער דעם רב. שטעלט אים אָפּ און מאַכט צו אים מיט כעס:

— מילא אַז איך זאָל בלאָזן פון זיך און מיר זאָל ניט אָנשטיין מיט דיר צו רעדן, בין איך כאָטש אַן אמתער יחסן און האָב זיך מיט וואָס איבערצונעמען: איך האָב אַ ברודער אַ רב... אָבער דו, ברודער-לעב, וואָס איז, זאָג מיר, דער יחוס מיט דיר? וואָס דו האָסט אַ ברודער אַ בעדער!

288. יענער געווינט

דעם פּראָגער רב ר׳ יונתן אייבעשיץ האָט מען איינמאָל געפרעגט:

— ווי קומט עס, רבי, אַז ביי איינעם ווערט טריף אַ שאלה, עס מעג זיין אויף וויפל רענדלעך עס איז נעמט עס יענער אָן פאַר ליב און האָט קיין טענות נישט. ווייבאַלד אָבער ער פאַרשפּילט אַ דין-תורה אויף איין רענדל האָט ער טענות צום רב און לייגט-איין די וועלט?

— דאָס איז דערפאַר — האָט געענטפערט ר׳ יונתן — וואָס ביי אַ דין-תורה פאַרדריסט אים נישט אַזוי דאָס וואָס ער פאַרשפּילט ווי דאָס וואָס יענער, דער בעל-דין זיינער געווינט.

289. באַגראָבן מיט אַ ממה-נפשך

איינער אַ גרויסער גביר האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער, אָנגעזאָגט פאַרן טויט, אַז מען זאָל וואַרטן, נאָכן טויט דריי טעג מיט דער קבורה, ווייל עס מאַכט זיך אַז די דאָקטוירים האָבן אַ טעות און מען כאַפּט באַגראָבן אַ מענטשן פאַר דער צייט.

די קינדער, נאָכן פאָטערס טויט, זיינען אַוועקגעלאָפן צום רב, צו פרעגן ביי אים אַן עצה וואָס טוט מען אין אַזאַ פאַל.

— רבי — זאָגן זיי צום רב — וואָס זאָלן מיר איצט טאָן, ס׳איז דאָך אַ בזיון צו לאָזן דעם טאַטן ליגן דריי טעג!

דער רב האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און מאַכט צו די קינדער:

— איר גייט אַהיים און מיר וועלן אייער פאָטער באַלד לאָזן באַגראָבן.

— וואָס וועט אָבער זיין, רבי, מיטן דין: „מצווה לקיים דברי המת״?

— ס׳איז רעכט — ענטפערט דער רב — אמת טאַקע „דברי המת״, אָבער דעם פאָטער אייערן מעג מען באַגראָבן מיט אַ ממה-

נפשך: אויב ער איז נאָך לעבעדיק, איז ער דאָך קיין מת נישט, און עס איז ניט חל ביי אים דער דין פון „מצווה לקיים דברי המת", אלא וואָס דען, ער איז טאַקע אַ טויטער — דאַרף מען אים דאָך אוודאי ברענגען צו קבורה.

290. לויט דיין רצון

אַ רייכער מאַן איז קראַנק געוואָרן און געפילט אַז ער האַלט ביים שטאַרבן, האָט ער אָנגעשריבן אַ צוואה און צוגערופן זיין בוכ-האַלטער און אים געזאָגט:

— איך זע אַז מיין סוף איז נאָענט, אויף וועמען מיין פאַרמעגן איבערלאָזן האָב איך ניט. דו ווייסט דאָך אַז איך האָב מיין ווייב געג'גט און מיין איינציק קינד איז ביי מיר פאַרבליבן, און דו ביסט דאָך מיין איינציקער גוטער פריינד. לכן זאָג איך אָפּ אין מיין צוואה מיין גאַנץ פאַרמעגן פאַר דיר, נאָר ווען מיין קינד וועט אונטער-וואַקסן זאָלסטו אים געבן פון מיין פאַרמעגן לויט דיין רצון.

אַז דאָס קינד איז גרויס געוואָרן, רופט אים דער בוכהאַלטער צו זיך און זאָגט אים:

— אין דער צוואה, וואָס דיין פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט איבערגעלאָזט שטייט געשריבן, איך זאָל דיר געבן, ווען דו וועסט גרויס ווערן, לויט מיין רצון, — גיב איך דיר טויזנט רובל.

דער זון איז ניט געבליבן צופרידן און רופט אים צום רב. אויס-געהערטביידנס טענות, זאָגט דער רב צום בוכהאַלטער:

— אייער רצון איז צו פאַרנעמען זיך דאָס גאַנצע פאַרמעגן אויסער איין טויזנטער. לכן דאַרפט איר אים געבן דעם אמתן יורש לויט אייער רצון. דהיינו: אים אָפּגעבן דעם גאַנצן פאַרמעגן און איך איין טויזנטער.

291. אַ פשוטער קל-וחומר

דער ראַוויטשער רב האָט זיך משתדל געווען צו באַקומען דאָס רבנות אין פינסקער קהילה.

— געווים — האָט זיך דער רב געוויצלט — וועט פינסק באַלד נעמען און אַריינשיקן מיר אַ כתב רבנות, וואָרעם ס'איז דאָך אַ פשוטער קל-וחומר: מה-דאָך די ראַוויטשער, וואָס ווילן מיך ניט

האָבן פאַר אַ רב אין ראַוויטש, ווילן זיי דאָך איך זאָל זיין אַ רב אין פינסק — היינט די פינסקער וואָס ווילן בפירוש יאָ איך זאָל זיין דאָ אין ראַוויטש, ווילן זיי דאָך אוודאי איך זאָל זיין רב אין פינסק!

292. להד"ם

איינער האָט געהאַט אַ דין-תורה מיט אַן עושר פאַר אַ רב. דער עושר האָט ביי אים געמאָנט געלט און דער האָט געטענהט: להד"ם (ד"ה ל'א ה'יו ד'ברים מ'עולם) — ער האָט ביי אים קיין געלט ניט גענומען און ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. דער רב האָט צוגעפסקנט, אַז יענער איז מחויב צו באַצאָלן דעם עושר וויפל ער מאָנט.

אויסגעהערט דעם פסק-דין רופט זיך יענער ווידער אָן: להד"ם.

— הערט איר, ליבער ייד — זאָגט אים דער רב — איצט נאָכן פסק-דין זיינען שוין אַלע טענות איבעריק.

— ניין — מאַכט יענער — מיט להד"ם איצט מיין איך נישט צו טענהן, נאָר מיין כוונה איז אָנווייזן אויף די ראשי-תיבות פונעם פסוק אין ישעיה: „ל'מדו ה'יטב ד'חשו מ'שפט".

293. אַ האַלבער ליגן

איין מאָל שמחת תורה איז דער סלאָנימער רב, ר' אייזל חריף, געזעסן אין אַ מסיבה פון שטאָט בעלי-בתים און איז געווען אויפגע-לייגט. רופט ער זיך אָן:

— פון היינט אָן רופט מיך מער ניט סלאָנימער רב נאָר וואַרשע-ווער רב.

פרעגט מען אים פאַרוואָס איז עס.

— פאַרשטייט איר — ענטפערט דער רב — דער וואָס רופט מיך סלאָנימער רב זאָגט אַ גאַנצן ליגן, ווייל ניט סלאָנים וויל מיך פאַר אַ רב און ניט איך וויל סלאָנים פאַר אַ שטאָט. אָבער וואַרשע-ווער רב איז עפּעס אַנדערש: איך וויל דאָך בפירוש יאָ וואַרשע פאַר אַ שטאָט, איי טאָמער וויל וואַרשע מיך ניט פאַר אַ רב, איז עס כאָטש אַ האַלבער ליגן.

294. דער טויבער רב

אין אַ שטעטל איז געווען אַ טויבער רב. איינמאָל, אין אַ שמועס צווישן די בעלי־בתים, רופט זיך איינער אָן:

— ווייסט איר פאַרוואָס אונדזער רב איז טויב? דאָס נעמט זיך נאָר פון שוחד.

— צוליב שוחד ווערט מען דען טויב? — פרעגט אַ צווייטער — אויף שוחד זאָגט דאָך אונדזער תורה, אַז עס מאַכט בלינד.

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט יענער — דער וואָס נעמט טאַקע שוחד און זעט ממש מיט די אויגן ווערט ער בלינד; אונדזער רב נאַרט מען נאָר אָפּ מיט צוזאָגן שוחד און באַקומען באַקומט ער ניט, הייסט עס, אַז ער הערט נאָר דערפון מיט די אויערן, דערפאַר האָט עס אים געמאַכט טויב.

295. אַ דין־תורה מיט גאָט

איינער פון אַ קליין שטעטל איז געקומען צום רב פון דער נאָענטער גרויסער שטאָט.

— רבי — זאָגט ער אים — איך בין אַליין פון אַ קליין שטעטל דערביי. געקומען צו אייך בין איך וועגן אַ דין־תורה. איך וויל פאַר אייך האָבן אַ דין־תורה מיט גאָט. די מעשה דערפון אין קורצן איז אַזוי: געהאַט האָב איך מיין אייגנס אַ ווייב און אַ צען טויזנט רובל דערצו. וואָס האָט גאָט געטאָן? פריער האָט ער ביי מיר צוגענומען די צען טויזנט רובל און דערנאָך דאָס ווייב. טענה איך: וואָס וואָלט אים, אַ שטייגער, געהאַרט ווען ער טוט דאָס אייגענע פאַרקערט: ער זאָל פריער צונעמען דאָס ווייב, וואָלט איך, אַן אַלמן מיט צען טויזנט רובל, גאָר גרינג געקענט נעמען אַן אַנדער ווייב מיט צען טויזנט רובל נדן. דערנאָך האָט ער געמעגט, אויב ער האָט געוואָלט, צונעמען ביי מיר איינע צען טויזנט רובל, וואָלט איך אַלץ געהאַט אַ ווייב מיט צען טויזנט און ער טאַקע אויך.

— זאָגט מיר, מיין ליבער ייד — פרעגט אים דער רב — פאַרוואָס עפּעס זענט איר געקומען מיט דער דין־תורה צו מיר און ניט געגאַנגען צום רב פון אייער שטעטל?

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט יענער — אויף אונדזער רב האָב איך זיך ניט געקענט פאַרלאָזן אין אַזאַ זאַך, ווייל איך ווייס, אַז ער האָט צופיל מורא פאַר גאָט, וואָלט ער געוויס אים

צוגעפסקנט. ווײַל איך אָבער האָב איך געהערט, אַז איר האָט פּאַר גאָט ניט אַזוי שטאַרק מורא, דערפאַר בין איך צו אייך געקומען האָבן דעם דין־תורה מיט גאָט.

296. קײנעם ניט געגאַנגען פרעגן

— הער ראַבינער — פרעגט אַ ייד אין דײַטשלאַנד דעם רב פון שטאָט — מײַן באָרד מעג איך זיך ראַזירן?

— חלילה! — ענטפערט דער ראַבינער — ס'איז בפירוש פאַרווערט, אַן איסור מן התורה.

— אויב אַזוי, רבי, פאַרוואָס גייט איר אַליין ראַזירט די באָרד?

— דאָס איז עטוואָס אַנדערש. איך, פאַרשטייט איר, בין קײ־נעם ניט געגאַנגען פרעגן.

297. אַ דאָקטאָר צו אַ טויטן

אַ פּויליש מיידל איז אַרײַנגעקומען אין אַ דײַטשישער שטאָט צום ראַבינער, געוויינלעך אַ דאָקטאָר פילאָסאָפיע, מיט אַ געקוילע־טער הון און זאָגט אים:

— איך בין געקומען צו אייך מיט אַ שאלה, רבי...

— מיך רופט מען ניט רבי — זאָגט ער איר — נאָר דאָקטאָר.

דאָס מיידל נעמט די הון און לאָזט זיך צוריק אַוועקגיין.

— וואוהין? — שטעלט זי אָפּ דער ראַבינער.

— וואָס קען — זאָגט זי — אַ דאָקטאָר העלפן אַ טויטן?

298. ניטאָ אינדערהיים

דער פּאָניוועזשער רב האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זײַן רבנות און איז דערצו געווען אַ סוחר פון פאַרשיידענע מיני סחורות, פלעגט ער מוזן אָפט אַרומפאָרן, און דער קהל איז געווען דערפון נישט צופרידן.

— ווער ווייסט — פלעגט זאָגן דער רב אַ ווערטל — מען וואָלט מיר שוין אפשר לאַנג אָפּגעזאָגט פון רבנות, נאָר מײַן גליק איז וואָס מען געפינט מיר קײנמאָל ניט אין דער היים.

299. ניט געפונען קיין שטומען

ווען אין רוסלאַנד איז אַרוים אַ באַפעל, אַז יעדע קהילה מוז האָבן אַ ראַבינער אַ געשטודירטן, האָט מען אין איינע פון די גרויסע קהילות אויסגעקליבן פאַר אַ ראַבינער אַ שטאַמלער. פרעגט מען דערנאָך דעם פרנס פון דער דאָזיקער קהילה:

— פאַרוואָס האָט איר עפּעס גענומען און אויסגעקליבן אַ שטאַמלער פאַר אַ ראַבינער?

— דערפאַר — האָט ער געענטפערט — וואָס מיר האָבן ניט געפונען קיין שטומען.

300. דעם רבס יושר

איין מאָל איז דורכגעפאָרן אַ שוחט פרייטיק נאָך האַלבן טאָג פאַרביי אַ קרעטשמע און האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע עפּעס איבערצוכאַפּן און פאָרן ווײַטער, אַהיים אויף שבת. דער קרעטשמער אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און געבעטן ער זאָל פאַרבלײַבן בײַ אים אויף שבת, ווײַל ס'איז בײַ אים שבת אַ ברית און עס פעלט אים פונקט איינער צום מנין.

דער שוחט האָט אים ניט געקענט אָפּזאָגן און איז פאַרבליבן.

עס קומט זונטיק פרי, דער שוחט וויל זיך געזעגענען מיטן קרעטשמער און פאָרן, טראָגט ער אים אונטער אַ חשבון אויף גאַנצע צוואַנציק רובל, וואָס ער האָט בײַ אים געוויילט איבער שבת און פאַדערט ער זאָל באַצאָלן.

דער שוחט טענהט:

— וואָס הייסט, איך האָב דאָך גאָרניט געקלערט צו פאַרבלײַבן, איר האָט מיך קוים אײַנגעבעטן איך זאָל עס טאָן. צום סוף פאַרלאַנגט איר איך זאָל אײַך אַזוי פיל באַצאָלן. וואו איז דער יושר?

— איר ווילט ניט — טענהט דער ישובניק — קומט מיט מיר צום רב, וועלן מיר האָבן פאַר אים אַ דין תורה.

געקומען צום רב, הערט ער אויס די טענות און זאָגט:

— צוואַנציק איז צופיל; באַצאָלט אים צען רובל.

דער שוחט איז געבליבן אַ צעטומלטער, און האָט שוין געוואָלט אַרויסנעמען דאָס געלט און באַצאָלן. אַ ברירה האָט ער. אַ פּסק־דין

פונעם רב. כאַפּט אַרויס דער ישובניק צען רובל און דערלאַנגט דעם שוחט.

— אַדאַנק אייך — זאָגט דער ישובניק — און דאָס באַלוין איך אייך וואָס איר האָט געטאָן מיין בקשה און געבליבן ביי מיר אויף שבת. דאָס וואָס איך האָב געפאָדערט ביי אייך געלט איז נאָר דערפאַר וואָס איך האָב אייך געוואָלט באַווייזן אונדזער רבס יושר.

דער דראַזשנער רב

301. וואָס פאַר אַ זייגער

אַ ייד איז געקומען צום דראַזשנער רב און קלאָגט זיך:

— רבי, מיין לעבן מיט מיין ווייב איז גאָר קיין לעבן ניט און איך מוז זען וואָס גיכער פון דער צרה פטור צו ווערן. ס'איז אַ בושה צו דערציילן, זי טראָגט אַרויס וואָס אין דער שטוב געפינט זיך. אַ זייגער האָב איך געהאַט, האָט זי דאָס אַפילו אויך אַוועק־געלקחנט.

— פון וואַנען — פרעגט דער רב — קענסטו וויסן, אַז זי האָט עס גענומען, טאָמער ביסטו גאָר אומזיסט חושד אַ כשרע און אומ־שולדיקע יידישע טאָכטער?

— וואָס רעדט איר, רבי, איך האָב זי אַנומלט אַליין באַזוכט און געפונען מיין זייגער ביי איר טאַקע, מחילה, אונטערן העמד.

— איצט זאָג מיר — צעפרעגט זיך ווייטער דער רב — וואָס פאַר אַ זייגער איז דאָס געווען, אַ קעשענע־זייגער צי אַ וואַנט־זייגער?

302. ברענגען די שיף אַהער

צוויי יידן תבואה־הענדלער זיינען געקומען אַ דין־תורה האָבן פאַרן דראַזשנער רב: געפאָרן זיינען זיי צוזאַמען אויף אַ שיף און געפירט מיט זיך ווייץ, האָט זיך געמאַכט אין דער שיף אַ שפּאַלט און ס'איז אַריינגערונען אַהין וואַסער און פאַרנעצט אַ טייל פונעם ווייץ; טענהט יעדער פון די צוויי סוחרים, אַז די פאַרנעצטע ווייץ איז יענעמס, ניט זיינס. דער רב נעמט אַרויס גמרות און פּוסקים,

ראשונים און אַחרונים, קוקט און זוכט דאָרט אין אַלע ווינקעלעך, קלערט און קנייטשט דעם שטערן. צום סוף רופט ער זיך אָן צו די סוחרים:

— הערט איר, מיינע ליבע יידן, אַזוי קען מען ניט וויסן; קיין אַנדערע עצה איז ניטאָ, איר מוזט זיך מטריח זיין און ברענגען די שיף אַהער!

303. אויך גערעכט

איינער איז געקומען צום דראַזשנער רב און זיך באַקלאָגט פאַר אים אויף זיינעם אַ שותף. אויסגעהערט די טענות זיינע, זאָגט אים דער רב, אַז ער איז גערעכט.

דער איז אַוועקגעגאַנגען, קומט נאָכדעם דער צווייטער שותף און דערציילט דעם רב זיינע טענות, גיט אים דער רב אויך גערעכט.

די רביצין האָט עס געהערט, וואונדערט זי זיך, און נאָכדעם ווי דער צווייטער שותף איז אַוועקגעגאַנגען פרעגט זי דעם רב:

— ווי קען דאָס זיין, אַז ביידע זאָלן זיין גערעכט?

דער רב האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און געענטפערט:

— וואָס מיינסטו, דו ביסט טאַקע אויך גערעכט.

304. אַלץ אויף דער לינקער זייט

געווען איז דער דראַזשנער רב אַ גרויסער שלימזלניק און דאָס ווייב זיינס האָט מיט אים דעריבער געהאַט תמיד צו זינגען און צו זאָגן. מער פון אַלצדינג פלעגט זי מיט אים האָבן צו טאָן אַלע ערב שבת מכוח דעם העמד: ווי דער שטייגער איז, האָט זי אים מיטגעגעבן אין מרחץ פריש וועש און דערביי יעדעם מאָל אָנגעזאָגט, ער זאָל בשעתן אָנטאָן געדענקען צו נעמען דאָס העמד און איבערקערן עס אויף דער רעכטער זייט, און ער געוויינלעך פלעגט שטענדיק פאַרגעסן און אָנטאָן דאָס העמד אויף דער לינקער זייט. פאַרשטייט זיך אַז אַלע מאָל, ווען ער איז געקומען פון מרחץ אַהיים, האָט ער שוין געהאַט דערפאַר פון דער רביצין זיין ערלעך אויסקומעניש. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן: געקומען דער אַנדער פרייטיק — ווידער די אייגענע מעשה.

איינמאָל אין אַן ערב שבת איז זיך מישב די רביצין און איידער

זי גיט דעם רב מיטצונעמען אין מרחץ די ווייסע וועש, נעמט זי און קערט אַליין דאָס העמד איבער אויף דער רעכטער זייט. דאַרף זיך גראַד דעמאָלט מאַכן, ווי אויף צו להכעיס, דער רב זאָל זיך דערמאָנען ביים אָנטאָן וועגן דעם וואָס די פלוניתטע זיינע האָט מיט אים צו טאָן אַלע ערב-שבת, כאַפּט ער און קערט איבער דאָס העמד און טוט עס אָן.

דער רב קומט פון מרחץ אַהיים, די רביצין גיט אַ קוק אויפן העמד — ווידער די אייגענע צרה. הויבט זי אָן אויף אים צו ליאַ-רעמען מיט קולות:

— וואָס איז פאַר אַ שלאַק? סטייטש, איך אַליין האָב דאָך שוין היינטיקס מאָל מיט מיינע אייגענע הענט איבערגעקערט דאָס העמד אויף דער רעכטער זייט, צום סוף טראָגסטו עס אַלץ אויף דער לינקער זייט!

— אַזוי? — מאַכט דער דראַזשנער רב שטאַרק פאַרוואונ-דערט — דו זאָגסט, האָסט אויך איבערגעקערט, אַמעשה, אַ מעשה! איך זאָג דיר, טאַקע נאָר פלאי-פלאים! אי דו האָסט איבערגעקערט, אי איך האָב איבערגעקערט, — און עס קומט-אויס אַלץ אויף דער לינקער זייט!

305. חכמה פון הינער

אַלע שבת פאַרן טשאָלנט איז דער דראַזשנער רב געוואוינט געווען צו עסן געהאַקטע אייער. איינמאָל שבת האָט מען אים ניט דערלאַנגט צום טיש דעם דאָזיקן מאכל.

— רביצין — פרעגט דער רב — ווי קומט עס, וואָס היינטיקן שבת האָסטו משנה געווען פונעם מנהג?

— ס'איז שוין נאָך זומער — ענטפערט די רביצין — האָבן די הינער אויפגעהערט אַזוי צו לייגן אייער. פריער האָט אָן איי געקאָסט איין גראָשן, איצט קאָסט שוין דריי גראָשן.

— געלויבט איז גאָט, ברוך-הוא — מאַכט דער דראַזשנער רב — וואָס גיט פאַרשטאַנד ניט נאָר דעם האָן, נאָר אויך דער הון: פאַר איין גראָשן וויל זי ניט לייגן קיין איי, און זי לייגט נאָר פאַר דריי גראָשן!

מגידים

306. גוט זיך אויסגעשלאָפֿן

אַ מגיד איז געקומען אין אַ שטעטל און געהאַלטן אין שול שבת בייטאָג אַ דרשה. אַ גרויסער עולם איז געקומען הערן דעם מגידס דרשה. איז געווען אין שטעטל איינער אַ שטיקל משכיל, זעט ער ווי דער עולם לויפֿט אַזוי הערן דעם מגיד, גייט ער אויך. אויף מאָרגן באַגעגנט זיך דער מגיד מיטן משכיל; געוואוסט האָט ער, אַז נעכטן איז אים יענער אויך געקומען הערן, פֿרעגט ער אים: ווי ס'איז אים געפֿעלן די דרשה?

— איך קען אייך נאָר זאָגן — ענטפֿערט דער משכיל — אַז איך האָב נאָך דער דרשה אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפֿן.

— אַזאַ רושם האָט אויף אייך געמאַכט מיין דרשה?

— ניין — זאָגט יענער — איך האָב ניט געקענט שלאָפֿן דערפֿאַר: ווייל איך האָב שוין אַזאַ טבע, אַז וויבאַלד איך שלאָף זיך אוים בייטאָג קען איך שוין ביינאַכט קיין אויג ניט צומאַכן.

307. גוף

— אַלע צרות און שלעק אויף דער וועלט — אַזוי האָט אויסגע־דרונגען אַ מגיד אין זיין דרשה — נעמען זיך נאָר פֿונעם גראָבן גוף, וואָס פֿירט אַראָפּ דעם מענטשנס איידעלע נשמה פֿונעם גלייכן וועג און פֿאַרפֿירט זי צו אַל דאָס בייז אין דער וועלט. אָט דער פֿאַרגרעבטער חומר, דער גוף, ווייל נאָר וויסן פֿון תאוות עולם־הזה און תמיד איז ער להוט נאָר צו עסן און שלאָפֿן, ניט אומזיסט הייסט ער גוף: גוף מאַכט — שרייט דער מגיד מיט היץ — גוואַלד, וואָס פֿרעסטו? גוואַלד, וואָס פֿאַפֿסטו?

— גוף מאַכט נאָך — זאָגט דערביי שטילערהייט איינער פֿון די צוהערער צום נאָענטן שכן זיינעם — גוואַלד, וואָס פּלוידערסטו? גוואַלד וואָס פּלאַפּלסטו?

308. איוב געווען צי ניט געווען

אַ מגיד האָט אין זיין דרשה דערקלערט אַזוי:

ווען איוב ווערט דערציילט, אַז דאָס ווייב האָט אים געזאָגט:

ברך אלהים ומת — לעסטער גאָט און שטאַרב אוועק. דערויף האָט ער איר געזאָגט: כדבר אחת הנבלות תדברי — דו רעדסט פשוט ווי אַ אשה אַ מרשעת. איז דאָך די קשיא: אין וואָס אייגנטלעך איז באַשטאַנען דער חילוק צווישן איוב און זיין ווייב?

דער תירוץ איז דאָס: אין דער גמרא איז פאַראַן אַ פלוגתא וועגן דעם ענין פון איוב. און עס געפינט זיך איינער אַ מאַן—דאַמר, וואָס זאָגט, איז איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה, דאָס הייסט, אַז איוב האָט קיינמאָל נישט געלעבט און ס'איז מער נישט ווי אַ משל. און אָט ווי דער דאָזיקער מאַן-דאמר האָט איך געהאַלטן איובס ווייב, און דאָס טענהט זי טאַקע: ברך אלהים ומת — ווי איינער רעדט, סיי-ווי-סיי לעבסטו ניט וואָס-זשע קען דיר אַרן אַז דו וועסט שטאַרבן. איוב אַליין אָבער האָט געהאַלטן ווי יענער תנא וואָס זאָגט אַז איוב היה ונברא, און טאַקע דערפאַר האָט ער געטענהט: כדבר אחת הנבלות תדברי — דו רעדסט ווי אַן אמתע הולטייקע. וואָס הייסט, איך לעב דאָך, פאַרוואָס-זשע זאָל איך ברענגען אויף זיך דעם טויט?

309. נאָך אַ בעסערער תירוץ

אַ מגיד האָט אַמאָל געזאָגט אין זיין דרשה:

— עס שטייט אין פסוק: „אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלהיכם ראשיכם, שבטיכם, זקניכם ומלכיכם", — וואָס פאַר אַ מלכים האָבן דען יידן געהאַט אין יענער צייט?

רופט זיך אָן איינער פונעם עולם אויף אַ קול:

— דאָס וואָרט „ומלכיכם" שטייט דאָך גאָר ניט דאָרט אין חומש!

— אמת — זאָגט דער מגיד — דאָס איז טאַקע, זעט איר, אויך ניט קיין שלעכטער תירוץ אויף דער קשיא; ס'איז אָבער פאַראַן דערויף נאָך אַ בעסערער תירוץ, גאָר אַ שכלדיקער און אַ שאַרפער. הערט-זשע, רבותי...

310. אַן ציין

דער קעלמער מגיד האָט געגעבן צו פאַרשטיין דעם פסוק אין תהילים „שני רשעים שברת" (דו גאָט צעברעכסט די רשעימס ציין), פאַרוואָס גראָד עפּעס די ציין?

— ווען דער רשע קומט אויף יענער וועלט מיט אַ געגאָלטער באָרד, פרעגט מען אים: רשע, זאָג וואו איז די באָרד דיינע? ענט־פערט ער אַזוי בין איך דאָך געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט אָן אַ באָרד.

— אויב אַזוי — זאָגט מען אים — ביסטו דאָך געבוירן גע־וואָרן אָן ציין אויך, צום סוף ביסטו אָהער געקומען מיט ציין אין מויל.

נעמט מען באַלד און מען האַקט אים אויס אַלע ציין ביז איינעם.

311. גאָר קיין פערד ניט

דער זעלביקער מגיד האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ דרשה:

— מענטשן זיינען געגליכן צו פערד. ס'איז דאָ, רבותי, פאַר־שיידענע פערד: פאַראַן אַ גוט פערד, וואָס לויפט גיך פון זיך אַליין און מען דאַרף אים גאָר ניט טרייבן, אַפילו קיין בייטש ווייזן; פאַראַן ווידער אַ פערד פון די מיטעלע, וואָס פוילט זיך אונטער אַ ביסל, נאָר קוים ווייזט מען אים אַ בייטש גייט ער זיין וועג געשמאַק; און נאָך אַ דריטער מין פערד איז פאַראַן, גאָר אַ פוילער, וואָס עס העלפט אים ניט קיין טרייבן מיט קיין בייטש, ער הייבט ניט קיין פיס און וויל זיך ניט רירן פונעם אָרט, אַזאַ פערד טויג צו גאָרנישט. אַזוי, רבותי, איז פאַראַן אַ צדיק גמור וואָס איז גוט און פרום, מען דאַרף אים גאָר קיין מוסר ניט זאָגן, ניט טרייבן צו עבודת הבורא — דאָס איז רבותי, אַ גוט פערד; פאַראַן ווידער אַ בינוני, אַ מיטעלער, וואָס מען דאַרף אים מעורר זיין, וועקן און מוסרן, נאָר דאָס טרייבן אים העלפט, ער זאָל זיך דערמאָנען צו טאָן זיין חוב — דאָס איז נאָך אויך נשקשה פון אַ פערד; פאַראַן אָבער אַ גוי גמור, וואָס וויפל מען זאָל אים מוסרן און טרייבן וועט ער זיך ניט רירן צו גיין דאַוונען אָדער אַזוי עפּעס אַ מצווה צו טאָן — דאָס, רבותי, איז גאָר קיין פערד ניט.

312. אויסמעקן פרעמדס

דער באַרימטער „ווילנער מגיד” איז געקומען ערב שבת אין אַ פרעמדער שטאָט. קומט ער אין דער גרויסער שטאָט־שול און זאָגט דעם שמש, אַז ער איז דער „ווילנער מגיד” און וויל זאָגן שבת פאַרן עולם אַ דרשה. רופט זיך אָן צו אים דער שמש:

— רב ייד, אַ מגיד אפשר זענט איר, דאָס ווייס איך ניט,

אַבער דער „ווילנער מגיד" איז שוין געקומען אַהער מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק און גערדרשנט פאַרן עולם. היינטיקן שבת וועט ער אויך זאָגן ביי אונדז אין שול.

שבת פאַרנאַכט קומט אין שול צווישן דעם עולם אויך דער אמתער „ווילנער מגיד" צו הערן די דרשה פון דעם וואָס פאַררופט זיך אויף זיין נאָמען. יענער דרשן האָט פריער געזאָגט גאַנצע שטי־קער טאַקע פונעם „ווילנער" מגידם דרשות, צום סוף האָט ער גענומען זאָגן אייגנס, עם־הארצותדיקע פּשטלעך מיט גלאַט נאַרישקייטן. דאָ האָט זיך שוין דער „ווילנער מגיד" מער ניט געקענט איינהאַלטן און איז אַרויף אויף דער בימה און געזאָגט:

— הערט מיך אויס, רבותי, דער „ווילנער מגיד" בין איך, ניט אָט דער ייד, וואָס שטייט דאָרט און דרשנט פאַר אייך. וועט איר אַבער פרעגן: ווי קומט עס וואָס איך האָב געשוויגן ביז איצט? וועל איך אייך דערויף דערציילן אַ מעשה און בעט איר זאָלט מיך אויס־הערן ביזן סוף:

אין אַ שטעטל האָט אַ גביר אויסגעגעבן זיינע אַ טאָכטער. די חתונה איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסאַרטיקע כיד הגביר. איז געווען אין שטעטל דעם גבירס אַ קרוב, אַ גרויסער אָרעמאַן, האָט ער דעם גאַנצן טאָג פון דער חתונה געפאַסט, גלייך ווי די חתן־כלה, גאָרנישט גענומען אין מויל, כדי ער זאָל האָבן דעם רעכטן אַפּעטיט צו דער גבירישער חופּה־סעודה אויף דער חתונה. און ער איז גע־זעסן און געוואַרט דעם גאַנצן טאָג דער שמש זאָל אים קומען בעטן אויף דער חתונה. ווי אויף צולהכעיס אַבער האָט דער גביר אָן אים פאַרגעסן און קיינער איז ניט געקומען אים רופן. ביז שפּעטלעך פאַרנאַכט האָט ער אַלץ געוואַרט און אַרויסגעקוקט, ער זעט, אַז קיינער קומט ניט און דאָ חלשט ער עסן, זאָגט ער דעם ווייב, זי זאָל אים געבן עפּעס וואָס עס איז איבערצוכאַפּן. דערלאַנגט זי אים דאָס איינציקע, וואָס ס'האָט זיך געפונען אין שטוב פון עסנוואַרג: אַ פולן טעלער קאַלטן פאַסאָליעס־צימעס. נאָך אַזאַ תענית האָט ער עס איינגעשלונגען ביזן סוף. ווי ער האָט געענדיקט עסן הערט ער מען קלאַפּט אין פענצטער. וואָס איז? דער שמש איז אים געקומען רופן: דער גביר האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז דער קרוב איז ניטאָ, האָט ער געשיקט בעטן אים תיכף צו קומען. דער אָרעמער קרוב האָט געכאַפּט אויף זיך די שבתדיקע קאַפּאָטע און איז אַוועק אויף

דער שמחה. געקומען איז ער גלייך צו דער סעודה. מען האָט דער־לאַנגט צום טיש די טייערע פיש. יענער האָט פון זיין גרויסן חלק פיש ניט איבערגעלאָזט קיין ברעקל, דערנאָך האָט ער זיך געקוויקט מיט דער „גאָלדענער יויך"; געקומען צום געבראָטענעם איז ער שוין אַ ביסל צוגעשטאַנען, נאָר ווי אַזוי לאָזט מען איבער? ס'איז דאָך אַן עבירה פאַר גאָט! האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כוח און גובר געווען דעם גאַנצן חלק געבראָטנס אויך. פאַרשטייט זיך, אַז באַלד האָט דער קרוב אָנגעהויבן צו מאַכן דעם ברייטן מחזור און געבן פון זיך צוריק כסדר: דאָס עוף מיט די פיש, געקומען צום סוף צום פּאַסאָליעס־צימעס, רופט זיך אָן דער גביר שטאַרק אויפגעבראַכט:

— מילא, ווען דו האָסט אויסגעמייקעט דאָס, וואָס דו האָסט ביי מיר געגעסן, האָב איך געליטן און געמוזט שווייגן, אַ ברירה האָב איך געהאַט? אָבער אַז דו האָסט גענומען אויסמייקען דיינע אייגענע פּאַסאָליעס בין איך כלל ניט מחויב צו ליידן. אַרויס פון דאַנען!

313. בלא בנים

אין אַ שטאָט איז געשטאָרבן אַ גרויסער נגיד. גראָד האָט זיך געפונען אין דער שטאָט דער קעלמער מגיד, האָט מען אים געבעטן ער זאָל דעם מת מספיד זיין. אַזוי ווי דער מגיד האָט זיך דערוואוסט, אַז דער נגיד האָט איבערגעלאָזט צוויי זין גרויסע הולטאַיעס, האָט ער אָנגעהויבן זאָגן אַ הספד אַזוי:

— אין פּסוק שטייט: „בכו בכה להולך", זאָגן אויף דעם חז"ל: זה ההולך בלא בנים; דאָס הייסט: וויינט, יידן, אויף דעם וואָס איז אַוועק פון דער וועלט איינער אַליין און נישט מיטגענומען מיט זיך זיינע בנים.

314. אָפּגעגעבן דעם שליסל

אַ מגיד האָט געזאָגט אַ דרשה אין אַ שולכל אין אַ וואָכעדיקן טאָג נאָך מעריב. דער עולם איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער ביז ס'איז געבליבן, אַחוץ דעם שמש, נאָר אַ פּאָר מקבלים, וועלכע זיינען געזעסן אין ווינקל און געדרימלט — און דער מגיד האַלט אַלץ אין איין זאָגן. דער שמש האָט געזען, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, איז ער זיך מישב און גייט־צו צום מגיד, דער־לאַנגט אים דעם שליסל פון שול און זאָגט אים דערביי:

— נאַט אייך דעם שליסל. ווען איר וועט ענדיקן די דרשה זאָלט איר זיך מטריח זיין צו פאַרשליסן די שול און דערנאָך צו מיר דעם שליסל אַריינטראָגן.

315. זיי לאָזן דעם פסוק ניט זאָגן

אין אַ חסידישער שול איז געקומען איינער פון די באַוואוסטע מגידים צו זאָגן דאָרטן אַ דרשה. ווי דער מגיד איז אַרויף אויף דער בימה און געוואָלט זיך שטעלן זאָגן, האָט דער עולם אָנגעהויבן קלאַפן אין די סטענדערס און שרייען אויף קולות: „קיין מגידים דאַרפן מיר ניט, ביי אונדז אין שול זאָגט מען ניט קיין דרשות!"

הייסט דער מגיד דעם שמש אויסרופן פאַרן עולם, אַז ער מיינט גאָר דאָ ניט צו זאָגן קיין דרשה, ער וויל מער ניט ווי דערציילן אַ קורצע מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אַ יידן אַ סוחר, און ס'איז כדאי די דאָזיקע מעשה אויסצוהערן. דער עולם איז דערויף באַשטאַנען און דער מגיד נעמט דערציילן:

איינמאָל גייט אַ ייד אין גאַס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זעט־אויס צו זיין שטאַרק פאַרזאָרגט. באַגעגנט אים זיינער אַ באַקאַנטער, אַ גוטהאַרציקער אַלטער מאַן, און גיט אים אַ פרעג:

— וואָס איז מיט אייך, פעטער, אַזוינס געשען, וואָס איר זענט אַזוי פאַרדאגהט?

— ווי אַזוי זאָל איך ניט זיין פאַרדאגהט — ענטפערט אים יענער — אַז איך האָב אַ גרויסע צרה, און דער פאַרדראָס איז נאָך גרעסער וואָס אינגאַנצן איז עס גאָר איבער איין קליינינקייט: אַליין בין איך, ווי איר ווייסט, אַ סוחר און איך האַלט איצט ביי מאַכן אַ גוט געשעפט מיטן היגן פריץ, און עס שטייט מיר פאָר צו פאַרדינען אַ היפּש ביסל געלט, אַזוי אַז איך וואָלט געקענט שיין חתונה מאַכן מיין טאָכטער און מיר זאָל נאָך בלייבן היפּשלעך אין קעשענע. קען איך אָבער נישט פאַרענדיקן דעם עסק צוליב אַ נאַרישקייט: דער פריץ האָט מיר געהייסן קומען צו זיך אַהיים, און ווי נאָר איך קום צום פריצס הויף, פאַלן אויף מיר דאָרט אָן שרעקלעך בייזע הינט ווי די בערן און זיינען גרייט מיך צו צערייסן אויף שטיקער, אַז איך מוז אַנטלויפן פון דאָרט אָן אַ נשמה.

— זייט רואיק — זאָגט אים דער אַלטער מאַן — איך האָב אַ גוטע עצה דערצו: איר גייט ווידער צום פריץ, און אויב די הינט

וועלן איך באַפאַלן, זאָלט איר באַלד אויפן שטעל אַ זאָג טאָן דעם פסוק: „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו", וועט איר זען, אַז זיי וועלן פאַרשטומט ווערן און איך ניט טאָן קיין שום בייז.

דער סוחר איז ווידער אַוועק צום פריץ, לאָזט זיך אַריינגיין אין הויף, נאָר די הינט באַפאַלן אים, ווי געוויינלעך, און איידער ער האָט געקומען זאָגן דעם פסוק, האָבן זיי אים שיעור ניט צעריסן, קוים מיטן לעבן האָט ער זיך געראַטעוועט פון זייערע מיילער. גייט ער צוריק אין גרויסע צרות און באַגעגנט ווידער דעם אַלטן מאַן. פרעגט אים יענער:

— נו, האָט איר געזאָגט דאָרט דעם פסוק? האָט עס געהאָלפן?

— אפשר וואָלט עס געהאָלפן — זאָגט דער סוחר מיט אַ טיפן קרעכץ פון האַרצן — דער אומגליק איז אָבער, וואָס יענע זיינען אַזוינע כלבים, אַז זיי לאָזן ניט פון אָנהויב־אָן דעם פסוק זאָגן.

אָט די דאָזיקע קורצע מעשה האָב איך אייך, רבותי, געוואָלט דערציילן און מער ניט — האָט אויסגעלאָזט דער מגיד, און איז אַראָפּ פון דער בימה און גלייך אַוועק פון שול.

316. פאַרנומען ביים האַרצן

אַמאָל האָט אַ פרעמדער בעל־דרשן געזאָגט אין אַ שול. די דרשה האָט ביים עולם גאָר ניט אויסגענומען, נאָר איינער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און די גאַנצע צייט געגאָסן מיט טרערן. דער מגיד האָט עס באַמערקט און ס'איז ביי אים געווען שטאַרק אָנגענייגט וואָס יענער איז אַזוי גערירט פון זיין דרשה.

נאָך דער דרשה פרעגט דער מגיד ביים יידן ער זאָל אים זאָגן, וואָס פאַר אַ טייל פון דער דרשה האָט געמאַכט אויף אים אַזאַ רושם?

— פאַרשטייט איר מיך, מיין ליבער מגיד — זאָגט יענער — איך בין אַלע מיינע יאָרן אַ גרויסער עני ואביון, לא עליכם, און דערצו בין איך אַ מטופל, אָן עין־הרע, מיט אַ סך קינדער, און האָב אַ קראַנק ווייב וואָס האָלט אין איין הוסטן, און דער רופא הייסט זי זאָל למען־השם טרינקען וואָס מער מילך. האָט מיר גאָט געהאָלפן אויף דער עלטער און איך האָב איינגעהאַנדלט אַ ציגעלע, האָבן מיר פון דעם געהאַט צו ביסלעך מילך פאַרן ווייב און פאַר די קינדערלעך, זאָלן לעבן, אויף אָנבייסן, און אַמאָל אויך אויף צו פאַרווייסן דעם קרופּניק. נעמט דאָס ציגעלע, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, און פגרט אַוועק.

און אַז איך בין געשטאַנען די גאַנצע צייט און געקוקט אויף אייער פּנים מיטן ציגן-בערדל, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיין צרה און עס האָט מיר פאַרנומען ביים האַרצן און איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון טרערן.

317. אמתע משיחס צייטן

דער דובנער מגיד איז איינמאָל געקומען אין אַ שטאָט אין אַ חסידיש שולכל און געוואָלט זאָגן דאָרט אַ דרשה. לאָזט מען אים, ווי דער שטייגער, נישט. און מען באַווייזט דערצו אים גרוים חוצפה.

רופט זיך אָן דער דובנער מגיד: הערט, רבותי, איך מיין דאָ נישט צו זאָגן אַ דרשה פאַר אייער עולם; איך וועל מער נישט ווי זאָגן גלאַט אַזוי אַ פּאָר ווערטער — לאָזט מען אים.

שטעלט זיך דער דובנער מגיד אַוועק אויף דער בימה און זאָגט אַזוי:

— וועגן דעם וואָס משיח זוימט זיך און קומט ניט איז געווען אַ שטאַרק אַמפּערניש און שפּאַרעניש צווישן די אָרעמע און רייכע לייט, ווער פון זיי איז אין דעם שולדיק. די אָרעמע לייט האָבן גע־טענהט, אַז שולדיק אין דעם וואָס משיח קומט נישט זיינען נישט אַנדערש נאָר די גבירים, ווייל ווי די גמרא זאָגט „אין בן דוד בא עד שתכלה פּרוטה מן הכיס" (משיח בן דוד וועט ניט קומען ביז עס וועט זיך אויסלאָזן די פּרוטה פון בייטל), און זיי, די גבירים, זיינען נאָך אָנגעשטאָפּט מיט געלט. די גבירים פון זייער זייט ווידער טענהן פאַרקערט, אַז צוליב די אָרעמע לייט קען משיח ניט קומען, ווייל „בעקבוץ דמשיחא חוצפּא יסגא" (פאַר משיחס צייט דאַרף זיך פאַר־גרעסערן דאָס עזות), און פון אַלטע צייטן אָן ווייזט אַרויס עזות נאָר דער רייכער, ווי שלמה המלך האָט נאָך געזאָגט: „ועשיר יענה עזות". איצט אָבער אַז מיר האָבן דערלעבט צו זען קבצנים אָן אַ פּרוטה און זיי ווייזן אַרויס אַזוי פיל חוצפה — איז עס אַ גוטער סימן אויף משיחס צייטן — ובא לציון גואל אמן.

און מיט די ווערטער איז דער דובנער מגיד אַראָפּ פון דער בימה און אַוועק פון דער שול.

318. אַ פּסוק פאַר אַ פּסוק

אַן אָרעמער מגיד איז געקומען צו אַ קאַרגן גביר נאָך אַ נדבה, זיינען אים הינט באַפאַלן אין הויף. דער גביר קוקט פון אָפענעם

פענצטער און זעט ווי דער מגיד האָט זיך איבערגעשראָקן אויף טויט, לאָכט ער אויף אַ קול און רופט זיך צו אים אָן:

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן, רב מגיד? איר קענט דאָך זיי, די כלבים מיין איך, אַ זאָג טאָן דעם געוויסן פּסוק: לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך״ *).

— איידער זיי צו זאָגן יענעם פּסוק — ענטפערט דער מגיד מיט אַ שטאָך צוריק — וועל איך בעסער זאָגן אייך אָן אַנדערן פּסוק: „האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה?״ **).

319. דער חילוף

צו איינעם אַ קאַרגן גביר אַ בן־תורה איז געקומען אַ מגיד, מיט דער מיין, יענער זאָל אים באַהילפיק זיין מיט אַ שיינער נדבה. דער מגיד איז דערוויל מכבד דעם גביר מיט אַ שאַרף שטיקל תורה, יענער הערט אוים מיט הנאה און וויזט טאַקע באַלד דעם מגיד, אַז תורה זאָגן קען ער אויך. דער מגיד זאָגט ווידער אַ שיין פּשטל און דער גביר פון זיין זייט בלייבט ניט שולדיק און צאָלט אָפּ אויפן שטעל ווייטער מיט אַ תורה, און אַזוי אויך אַ דריט מאָל. דער מגיד זעט־אַרוים, אַז דער קאַרגער גביר איז דאָ אויסן צו מאַכן גלאַט אַ חילוף און מיינט אָפּצוקומען מיט אַ פּשטל, דערציילט ער אים אַזאַ משל:

— געווען אַמאָל אַ גרויסער אָרעמאַן, וואָס האָט כל־ימיו גע־ליטן נויט, ער מיט זיין הויזגעזינד. איין מאָל רופט זיך אָן צו אים דאָס וייב:

וויפל, מיין מאַן, וועט זיין דער שיעור פאַר אונדז צו ליידן הונגער און דחקות? פּרואוו אויך אַרויספאָרן אויף דער וועלט, ווי אַנדערע טוען, און הויב אָן מיט עפּעס צו האַנדלען, אפשר וועט גאָט העלפן.

דער אָרעמאַן האָט אַזוי געטאָן, פאַרקויפט דאָס לעצטע פון שטוב, צונויפגעשלאָגן עטלעכע גראָשנס און אַוועק אין מאַרק צו קויפן דאָרט דאָס ערשטע וואָס ער וועט אָנטרעפן. האָט ער אָנגע־טראָפן ציבעלעס. מן־הסתם אַ באַשערטע זאַך. געקויפט אַ זאַק

---

*) אַ פרעמדן זאָלסטו בייסן און דיין ברודער זאָלסטו ניט בייסן.

**) אייערע ברידער זיינען אַרויס אין דער מלחמה און איר זיצט דאָ?!

ציבעלעס און זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער סחורה אויפן ים. דאַרף זיך מאַכן אַ גרויסער שטורעם-ווינט און ס'האָט פאַרטראָגן די שיף ווייט-ווייט צו אַן אינזל ערגעץ. אויף דעם אינזל האָט מען דערזען דעם סוחר מיט די ציבעלעס, האָבן אַלע געגאַפט: קיינער דאָרט האָט אַזאַ מין פרי קיין מאָל אין די אויגן ניט געזען. בקיצור מ'האָט דעם סוחר געבראַכט צום מיניסטער, און דער מיניסטער האָט אים גלייך געפירט צום מלך אַליין, און דער מלך האָט באַלד באַפוילן, צונעמען פאַר זיך די נייע פרי און דעם סוחר צו באַלוינען כיד המלך: אָנשיטן אים דעם זאַק, וואָס ער האָט געבראַכט, פול מיט רענדלעך.

דער אויפגעקומענער מיליאָנער האָט זיך תיכף געלאָזט אַהיים. אין דער היים האָט ער קיינעם ניט דערציילט קיין וואָרט ווי אַזוי אַרום ער איז נתעשר געוואָרן, נאָר איינעם גאָר אַ נאָענטן גוטן פריינד האָט ער עס דערציילט בסוד-סודות און אים געראָטן ער זאָל זיך אויך אַוועקלאָזן אַהין, אין יענעם ווייטן אינזל, און מיטנעמען מיט זיך אַ קליין זעקעלע קנאָבל, ווייל דאָרטן איז די דאָזיקע פרי אויך נישטאָ, וועט מען אים דערפאַר אָפּגילטן.

יענער האָט אַזוי געטאָן. געקומען מיט זיין סחורה אינעם ווייטן אינזל ברענגט מען אים אויך פאַרן מלך. דער מלך דערזעט די נייע זעלטענע פרי ווערט ער שטאַרק אַנטציקט און באַפוילט מען זאָל אים באַלוינען דערפאַר אויך טאַקע כיד המלך: פאַר דעם קנאָבל אָנשיטן אים אַ פולן זעקעלע מיט אַזוינס וואָס איז נאָך טייערער פון גאָלדענע רענדלעך, דהיינו: מיט ציבעלעס...

320. גאָט שטראָפט אויך ניט אומזיסט

מ'האָט אַמאָל געפרעגט דעם דובנער מגיד: פאַרוואָס ער זאָגט מוסר און שטראָפט דעם עולם — און נעמט דערפאַר געלט. האָט ער דערויף געענטפערט:

— דער רבונו-של-עולם שטראָפט אויך נישט אומזיסט.

321. לויט דער השפעה

אַמאָל איז געקומען אַ מגיד אין פרעמישליאַן. אָפּגעזאָגט אַ דרשה אין שול האָט מען צונויפגענומען ביים עולם אַ ביסל קליינגעלט און אים געגעבן.

אויף מאָרגן גייט דער מגיד אַריין צום רב ר' מאירל. זעט ער ווי עס קומט אַ גרויסער עולם מיט קוויטלעך און יעדער באַזונדער גיט אַ פּדיון, און אייניקע גאָר גרויסע פּדיונות. זאָגט דער מגיד צו ר' מאירלען:

— איך קוק, רבי, און באַטראַכט דעם חילוק פון דעם עולם וואָס קומט צו מיר און פון אייער עולם: מיר קומט מען אָפּ מיט פּרוטות, און ביי אייך איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— דער חילוק איז אָט-וואָס — זאָגט ר' מאירל — יעדער פון אונדז האָט אַן אַנדער השפּעה אויף זיין עולם. איך האָב בטבע פיינט געלט בתכלית השנאה, האָב איך אַ השפּעה אויף מיין עולם אַז ער זאָל אויך פיינט באַקומען געלט און דאָס אַוועקגעבן. דו אָבער, ווייזט אויס, ביסט אַן אוהב ממון, ביסטו משפּיע אויף דיין עולם ער זאָל אויך ליב האָבן געלט און ניט וועלן עס אַרויסלאָזן פון דער האַנט.

322. דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס

דעם פּסוק אין תהילים: „השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך" — וואַרף אַרויף אויף גאָט דיין לאַסט און ער וועט דיך שפּייזן, — האָט דער דובנער מגיד געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַזאַ משל:

אַן אָרעמאַן האָט זיך געשלעפּט צופוס אין וועג מיט אַ שווער קלימעקל אויף די פּלייצעס. פאָרט אַן אַ רייכער מאַן מיט זיין טייערן וואָגן, באַקומט ער רחמנות אויף דעם אָרעמאַן, וואָס גייט איינגעבויגן און קוים-קוים וואָס ער שלעפּט זיך, און ער נעמט אים אַרויף צו זיך אויפן וואָגן אונטערצופירן. דער אָרעמאַן זיצט אויפן וואָגן, די פערד לויפן געשמאַק — און יענער האַלט אַלץ דאָס פּעקל זיינס אויף די פּלייצעס. פרעגט אים דער רייכער מאַן:

פאַרוואָס, רב ייד, נעמט איר ניט אַראָפּ דאָס פּעקל אייערס פון די פּלייצעס אַנידערצולייגן עס אין וואָגן?

— איך רעכן — זאָגט דער אָרעמאַן — אַז ס'איז גאַנץ גענוג וואָס אייער וואָגן טראָגט מיך, זאָל איך נאָך נעמען און אָנלאָדן אויף אים מיין פּעקל אויך?

שמייכלט דער רייכער און מאַכט צו אים:

— נאַרישער מענטש! ס'איז גאָר קיין שום חילוק ניט; סיי-ווי-סיי טראָגט מיין וואָגן אייך מיט אייער פּעקל צוזאַמען.

323. געַנוג איינצוטיילן

אַ מגיד איז איין מאָל אַריינגעקומען אין אַ שטוב, וואו עס זיינען געזעסן אַ חברה לצים און זיך לוסטיק געמאַכט אויף זייער שטייגער. רופט זיך אָן איינער פון די לייט צום מגיד:

— איר זענט דאָך געוויס אַ ייד אַ בן־תורה, מוזט איר אַוודאי וויסן פאַרוואָס האָט מען עפּעס גענומען די עשר מכות און אַוועק־געשטעלט זיי אין דער הגדה? דאַכט זיך, אַז עס וואָלט געווען פיל גלייכער די מכות זאָלן שטיין אין „ויתן לך״, — און דערביי האָט דער וואוילער יונג שטאַרק געקוועטשט דעם „לך״, און אַלע חברים זיינע האָבן אָנגעקוואָלן.

— איך וועל אייך געבן צו פאַרשטיין — ענטפערט דער מגיד, — ווען די מכות וואָלטן שטיין אין „ויתן לך״, וואָלט מער ניט געווען, ווי איינמאָל „לך״. אין דער „הגדה״ אָבער איז גאָר אַן אַנדערע זאַך, ס'איז פאַראַן גענוג איינצוטיילן: „לך ולך, לך כי לך, לך אַף לך״, — און דערביי האָט דער מגיד געטייט מיטן פינגער אויף יעדן פון די חברה לצים באַזונדער.

324. היגע מזיקים

אַ חברה לצים פון די וואוילע יונגען האָבן אין אַ שטאָט באַ־געגנט אַמאָל דעם דובנער מגיד ביינאַכט אין גאַס. גיט אים איינער פון זיי אַ פרעג מיט געשפּעט:

— ווי קומט עס, רבי, איר זאָלט ניט מורא האָבן ביינאַכט פאַר מזיקים? עס שטייט דאָך געשריבן בפירוש, אַז אַ תלמיד־חכם טאָר ניט גיין אַליין ביינאַכט!

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט דער דובנער מגיד — מורא האָב איך נישט דערפאַר, ווייל איך בין זיכער, אַז זיי, די היגע מזיקים, האַלטן מיך ניט פאַר קיין תלמיד־חכם.

325. איצט מעג משיח קומען

דער דובנער מגיד האָט איין מאָל געזאָגט אין אַ שטאָט אַ דרשה און פאַרגעסן צו פאַרענדיקן זי, ווי דער שטייגער, מיט „ובא לציון גואל״. דער עולם האָט זיך געחידושט, נאָר פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון די אָנגעזעענע צוהערער האָט זיך נישט געוואָגט אַרויס־

צוזאָגן דערויף אַ וואָרט, נאָר איין יונגערמאַן וואָס האָט אויסגעזען אַ גרויסער קבצן, דערפאַר האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ סך עזות, האָט מיט גרוים חוצפה זיך אויסגעלאַכט אויף אַ קול פון דעם למדן דעם מגיד וואָס ווייסט אַפילו נישט ווי מסיים צו זיין אַ דרשה.

דער דובנער מגיד האָט זיך אויסגעדרייט צום יונגנמאַן און געזאָגט:

— הערט איר, יונגערמאַן, איר זענט זייער גערעכט, צוליב אייך אַליין וואָלט איך נאָך מער באַדאַרפט פאַרענדיקן מיט „ובא לציון גואל". וואָרעם, ווי באַוואוסט, איז אַן אַלטע מחלוקת צווישן די עשירים מיט די אָרעמע לייט וועגן פון זיי איז מערב די גאולה. די אָרעמע לייט טענהן, אַז פון זייער זייט איז קיין מניעה נישט, לויט אונדזערע חכמים ז"ל זאָגן: אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכים (משיח וועט אַנדערש ניט קומען סיידן עס וועט זיך אויסלאָזן אַ פּרוטה פון בריטל), נאָר די עשירים דערלאָזן נישט ווייל זייערע בייטלען זיינען פול מיט גאָלד. די עשירים ווידער זאָגן פאַרקערט: זיי זיינען מקיים ווי עס שטייט געשריבן: בעקבות דמשיחא חוצפא יסגא (אין משיחס צייטן וועט זיך מערן די חוצפה), און דאָס איז דאָך אַז עשיר יענה עזות; נאָר זיי, די קבצנים האַלטן־אויף משיחן ווייל תחנונים ידבר רש (דער אָרעמאַן האַלט נאָר אין איין בעטן).

איצט אָבער — פאַרענדיקט דער דובנער — ווען איך זע אַז אין אייך האָט זיך פאַראייניקט אי דאָס אי יענס; אי אַ עני ואביון אי אַ חצוף, מעג שוין טאַקע משיח קומען. ובכן — ובא לציון גואל.

326. אין מיטלפונקט

דער ווילנער גאון, דערציילט מען, האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם דובנער מגיד מיט זיינע משלים, און ווען דער מגיד איז געקומען קיין ווילנע פלעגט ער מוזן אָפּט אַריינקומען צום גאון, וואָס האָט אויסגעהערט זיין דרוש און די משלים זיינע מיט גרוים הנאה. איין מאָל פרעגט אים דער גאון:

— ווי פאַלט עס אייך איין אין קאָפּ צו יעדן ענין פונקט אַזאַ משל, וואָס איז צו אים אַזוי גלייך צוגעפּאַסט?

ענטפערט אים דער דובנער מגיד:

— איך וועל אייך דערציילן דערויף אַ משל: אַ פּריץ האָט געהאַט אַ בן־יחיד זייער אַ געראַטענעם, האָט ער אים געשיקט קיין אויסלאַנד שטודירן, אַז דער יונגערמאַן האָט אויסגעשטודירט און געקומען צוריק אַהיים האָט דער פאָטער געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע אַרומיקע פּריצים און מען פאָרט צוזאַמען אויף פּאָלעוואַניע, דער יונגער פּריץ ווייזט אַרויס, אַז אויסער זיינע גרויסע קענטענישן איז ער נאָך דערצו אַ קונציקער שיסער אויך, און עס מאַכט זיך זייער זעלטן ער זאָל ניט טרעפן אין ציל, אָדער לכל־הפחות גאָר נאָענט לעבן דער ציל. צוריקוועגס פאָרט מען פאַרביי אַ גרויסן פּאַרקאַן, וואו מיט קרייד איז אויסגעמאָלט אַ סך עיגולים און אין מיטלפונקט פון יעדן עיגול איז פאַראַן אַ סימן פון אַ שאָס. איינער פון די פּריצים האָט אַנגעוויזן דערויף און אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט און געגאַפט: אָט דאָס הייסט אַ שיסער, וואָס האָט ניט זיין גלייכן! אַ קלייניקייט, אַזוי פיל מאָל אויסשיסן און ניט איין מאָל פאַרפעלן די ציל אויף איין האָר. באַזונדערס האָט אַרויסגעוויזן זיין גרויס התפעלות דער יונגער פּריץ און האָט געגאַרט זיך צו באַקענען מיט דעם גרויסן קינסטלער, וואָס שטייגט אים איבער אין שיסעריי. מ'האָט אַנגעהויבן זיך נאָכצופרעגן ווער דער שיסער איז, לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ פּשוטער פויער, איוואַן דער וואַלד־היטער. שיקט מען אים רופן און דער יונגער פּריץ נעמט זיך ביי אים פאַנאַנדערצופרעגן: וואו און ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעלערנט די קונץ צו טרעפן שטענדיק אין מיטלפונקט:

— איר מיינט — ענטפערט ער בתמימות — איך מאַך פריער אַן עיגול און דערנאָך שיס איך אויס צו טרעפן פונקט אין מיטן? ניין, איך שיס אויס פריער און דערנאָך מאַך איך אַרום דעם לעכל, וואו איך האָב געטראָפן אַן עיגול אַרום און אַרום.

— דאָס זעלבע — האָט געענדיקט דער דובנער מגיד — איז אויך מיט מיר. די זאַך איז גאָר פּשוט און ניטאָ זיך וואָס צו חידושן. ניט צו יעדן ענין קלער איך אויף אויסזוכן אַ פּאַסיקן משל; נאָר פאַר־קערט, ווען איך הער פון יענעם אָדער עס פאַלט מיר אַליין איין אַ שיינער משל, זע איך שוין אויפצוזוכן אַזאַ ענין פאַר אַ נמשל, וואָס זאָל זיין צו אים צוגעפּאַסט.

חזנים

327. מיט אַ נאַר זאָל מען נישט אָנהויבן

דעם סלאָנימער רב ר׳ אייזיל חריף האָט מען אַמאָל געפרעגט:

— פאַרוואָס, רבי, איז עס אַזוי איינגעפירט אין אַלע שולן, אַז דער חזן שטעלט זיך ביים עמוד צו „שוכן עד״ אָדער „המלך״ און נישט צום אָנהויב דאַוונען?

— ס׳איז אַ פשוטע זאַך — האָט געענטפערט ר׳ אייזיל — ס׳איז דאָ דערויף אַ וועלט-ווערטל: מיט אַ נאַר זאָל מען נישט אָנהויבן.

328. דער קלוגער חזן

איין מאָל איז אַ בעל-תפילה אַרויסגעפאָרן אין אַ נאָענט שטעטל צו דאַוונען דאָרט „אַ שבת מברכים״. אויפן וועג האָט אים דער בעל-עגלה עטלעכע מאָל, ביי יעדן „באַרג-אַרויף״, מטריח געווען אַראָפּצו-קריכן פונעם וואָגן און גיין אַ ביסל צו פוס. צוריקוועגס אָבער איז דער חזן דעם גאַנצן וועג געזעסן ווי אַ פריץ און איין מאָל אַפילו נים באַדאַרפט זיך רירן פונעם אָרט. חידושט ער זיך דערויף און פרעגט בתמימות דעם בעל-עגלה:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי איז עס כלה געוואָרן אי-בער איין שבת אַזוינע בערג?

329. „גשם״

יוסי גאָלדער דער חזן האָט מתפלל געווען „גשם״. נאָך איידער ער האָט געענדיקט די תפילה האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ רעגן. נאָכן דאַוונען גייט צו דער חזן צום גבאי, גיט אים אָפּ אַ ברייטן גוט יום-טוב און מאַכט צו אים דערביי:

—ווי זאָגט איר, ווי מיין תפילה איז באַלד אָנגענומען געוואָרן אויבן ביים רבונו-של-עולם און האָט געבראַכט באַלד אַ רעגן?

— וואָס איז דאָ דער חידוש — זאָגט דער גבאי — נאָך גאָר אַמאָל אין די אַלטע צייטן האָבן אַזוינע לייט ווי איר געבראַכט אויף דער וועלט נים גלאַט אַזוי אַ רעגן, נאָר אַ גאַנצן מבול.

330. אַ מיאוסער צעך

ניסן בלומענטאַל, דער חזן פון אָדעסער „בראָדער שול" איז איינמאָל געקומען קיין ווין און זיך געטראָפן מיטן דאָרטיקן אָבער־קאַנטאָר זולצער. רופט אים יענער: „הער אָבער קאַנטאָר". זעט ער ווי ר' ניסי מאַכט אַ זויערע מינע ווי דער נאָמען געפעלט אים נישט. פרעגט אים זולצער:

— וואָס שעמט איר זיך מיט אייער אומנות?

— איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה — ענטפערט אים בלומענטאַל: ביי אונדז אין אָדעס איז געווען אַ באַוואוסטער גנב וואָס מ'האָט אים גערופן נאָטקע גנב. ער האָט געהאַט אַ נאָמען פון גאָר אַ גרויסן קינסטלער אין זיין פאַך און מען פלעגט דערציילן וואונדערלעכע מעשיות פון אים וואָס פאַר אַ מינים קינסטלערישע שפּיצלעך ער טוט אָפּ. פלעגט דער נאָטקע גנב זיך קלאָגן: וואָס טויג מיר מיין טאַלאַנט אַז איך בין אין אַזאַ מיאוסן צעך. אַ ליאַדע קעשעניק, וואָס שלעפּט־אַרויס פון דער קעשענע אַ פּאָר גראָשן, רופט זיך שוין אויך גנב!

331. אָן אַ ש"ץ

דער געוויסער חזן ניסי בעלזער פלעגט קומען פון צייט צו צייט אויף אַ שבת קיין טאַלנע צום רבין ר' דודל, וואָס איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון נגינה. ניסי בעלזער אַליין האָט ניט פאַרמאָגט קיין גוטע שטימע, זי איז ביי אים געווען הייזעריקלעך און געשלאָגן, און דער טאַלנער רבי פלעגט זיך דערויף וויצלען.

איינמאָל רופט זיך אָן דער רבי צו ניסין:

— הערסטו, ניסי, דיין דאַוונען, זאָג איך דיר, האָט ניט קיין שאַץ (ש"ץ).

אָן אַנדערש מאָל, נאָך דעם ווי ניסי בעלזער האָט מיט זיין גאַנצער קאַפּעליע אויסגעזונגען פאַרן טאַלנער ראש־השנהדיקע „מלכיות זכרונות און שופרות" און דער רבי האָט אויסגעהערט מיט גרויס הנאה, פרעגט ער ניסין:

— זאָג מיר, ניסי, וויפל קאָסט דיר אָפּ אַ יאָר די קאַפּעליע דיינע?

— אַנדערטהאַלבן טויזנט — ענטפערט ניסי.

— אויב אזוי — זאָגט וווייטער דער רבי ר׳ דודל — מוז איך דיר זאָגן, אַז, ווי עס ווייזט אויס, ביסטו פאַרט אַ גרויסער קמצן: עס קאָסט דיר שוין אַפּ אַזוי פיל לאָזט מען זיך קאָסטן נאָך עטלעכע הונדערטער אַ יאָר און מען דינגט שוין אַ חזן אויך, דעמאָלט וואָלט שוין געווען דאָס זינגען טאַקע גאָר מיט אַלע מעלות.

332. אויך אַ באַנדאַר

אַ בעל־תפילה איז געקומען אין אַ שטעטל, אָפּגעדאַוונט דאָרט אַ שבת און זייער ניט אויסגענומען ביים עולם. נאָכן דאַוונען גייט צו צום חזן איינער פונעם עולם און זאָגט אים:

— שווערלעך קומט אונדז אָן די פּרנסה אונדזערע.

— איר זענט אויך אַ חזן? — פרעגט אים דער בעל־תפילה.

— ניין — ענטפערט יענער — איך בין אויך אַ באַנדאַר.

333. אַ בעל־צדקה

אַן אַלטער בעל־הבית אין שול, וואָס איז אַמאָל אין דער יוגנט געווען אַ שטיקל בעל־תפילה, האָט איינמאָל אין „אַ שבת מברכים" מנדב געווען צו דאַוונען פאַרן עולם אַ מוסף. נאָכן דאַוונען רופט זיך אָן איינער:

— הערט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, אונדזער היינטיקער בעל־מוסף איז געווים אַ גרויסער בעל־צדקה: ער קען נעבעך ניט און גיט נדבות.

334. אַ וואונדערלעכער חזן

— איר געפינט — זאָגט איין ייד דעם צווייטן אין שול־הויף — אַז דער נייער חזן טויג נישט און ער געפעלט אייך נישט, און איך זאָג אייך אַז ער איז אַ וואונדערלעכער חזן.

— מיט וואָס? — פרעגט יענער.

— וואָס הייסט מיט וואָס? ס׳איז דאָך אַ חידוש אין דער וועלט: קיין קול האָט ער נישט, זינגען קען ער נישט, קיין ברעקל עברי אפילו קען ער אויך נישט — און דאָך אַ חזן!

335. אַ גוטער זכרון

ראש-השנה נאָכן דאַוונען מוסף איז צוגעגאַנגען דער חזן צום גבאי פון שול און פרעגט אים מיט אַ צופרידן שמייכל:

— נו, וואָס זאָגט איר אויף מיין דאַוונען היינטיקס יאָר?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפערט דער גבאי — עס איז נאָר צו באַוואונדערן דעם זכרון אייערן: אַזוי צוגעדענקען די פּאַראַיאַריקע גרייזן און איבערחזרן אַלע, קיין האָר ניט געמינערט, איז טאַקע אַ גרויסער קונץ!

336. דער פירער פון כאָר

אַ חזן איז אַמאָל אַרומגעפאָרן מיט זינגער איבער די שטעט-לעך דאַוונען. האָט ער זיך אַרומגעזען אַז די הוצאות אויפן בעל-עגלה זיינען צו גרויס, איבערהויפּט דאָס עסן דעם בעל-עגלהס שטעלט אים פּשוט בדלות. איז ער זיך מישב, געקומען אין אַ שטאָט, האָט ער אָוועקגעשטעלט שבת ביים עמוד אויך דעם בעל-עגלה זיינעם גלייך מיט אַלע זינגערס, כדי דער עולם זאָל מיינען אַז ער איז אויך פון דער חברה משוררים און גלייך מיט זיי אַלע וועט מען אים שוין באַשטעלן שבת-עסן ביי איינעם פון די בעלי-בתים.

נאָכן דאַוונען פרעגט דער חזן ביים גבאי:

— נו, ווי געפעלט אייך עפּעס מיין זינגען?

— גאַנץ פיין — ענטפערט דער גבאי — נאָר איינער וואָס שטייט לעבן אייך ביים עמוד, ווייס איך נישט וואָס ער נוצט אייך? איך האָב ניט געזען ער זאָל עפענען דאָס מויל.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין — מאַכט דער חזן — אָט דער איז גראָד איינער פון די נויטיקסטע, אָן וועלכן איך וואָלט ניט געקענט אויסקומען. ער איז דאָך דער פ י ר ע ר פונעם גאַנצן כאָר.

337. אַ שרפה אויף נאָטן

דער קיידאַנאָווער בעל-תפילה פּייוקע איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גאַנץ פרומען ייד, נאָר דערצו אויך אַ גרויסער שוטה, לא עליכם.

מאַכט זיך איינמאָל, אַז אין זיין דירה איז אויסגעבראָכן אַ פייער און געוואָרן אַ היפּשע שרפה. דאָס ווייב מיט די קינדער זיינען

אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס מיט קולות און יללות, געבראָכן די הענט און געשריען:

— גוואַלד, יידישע קינדער, אַ שריפה, ראַטעוועט!

פּייווקע אָבער איז זיך געשטאַנען לעבן זיין שאַפע און דאָרט עפּעס געזוכט.

— גזלן איינער! — לויפט צו דאָס ווייב צו אים מיט אַ געפּילדער — אונדזער גאַנץ ביסל אָרעמקייט גייט אַוועק מיטן פייער, מיר בלייבן אין איין העמד, מען דאַרף העלפן עפּעס אַרויסראַטעווען, און ער שטייט ווי אַ גולם און זוכט אַ נעכטיקן טאָג!

— לאָז צורו, נאַרישע יידענע! — צעשרייט זיך אויף איר פּייווקע — מיר גייט דאָ אין לעבן, איך זוך דעם קאַמערטאָן!

געפונען דעם קאַמערטאָן, דערלאַנגט ער אים אַ קלאַפּ אין טיש, לייגט־צו צום אויער, שטעלט דעם ריכטיקן טאָן און ערשט דערנאָך לאָזט ער אַרויס אַ געשריי אויף נאָטן: אַ שרפה, אַ שרפה, אַ שרפה!

— אָט דאָס איז דער אמתער טאָן — מאַכט ער צופרידן.

338. חרש שוטה

אַ רב, אַ חזן און אַ שמש האָבן געפירט צווישן זיך אַ וויכוח: וועער פון די דאָזיקע דריי כלי־קודש איז חשובער ביי גאָט? איז ביי זיי געבליבן מען זאָל עס אויפווייזן מיט פּסוקים. דער רב האָט געפונען אַ בפירושן פּסוק אין תהילים: „רחש לבי דבר טוב” — די ראשי־תבות פון וואָרט „רחש” איז: ר׳ב, ח׳זן, ש׳מש, און דער רב איז דער ערשטער. דער שמש האָט אויך געזוכט און געפונען אַן אַנדער פּסוק: „שחר קמתי” — די ראשי־תבות פון וואָרט „שחר” איז: ש׳מש, ח׳זן, ר׳ב, און דער שמש איז דער ערשטער. דער חזן האָט לאַנג געניסטערט און ניט געפונען קיין שום פּסוק וואָס זאָל אים טויגן, ביז סוף־כל־סוף האָט אים גאָט געהאָלפן און ער האָט געפונען אין דער משנה: „חרש שוטה וקטן” — „חרש” מאַכט: ח׳זן, ר׳ב, ש׳מש, און דער חזן איז דער ערשטער.

— יאָ — מאַכט דער רב — אין שכנות מיט שוטה קומט דעם חזן צו פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ.

339. פאַרוואָס

ר׳ בצלאל דעם אָדעסער, אַ געוויסער חזן, פרעגט אַמאָל אַ יונגערמאַן: וואָס איז דער טעם וואָס ער האַלט תמיד ביים דאַוונען דעם פינגער אונטער דער געמבע.

— איך טו עס שוין גאַנצע פופציק יאָר און ווייס נאָך אַלץ נישט דעם טעם פאַרוואָס, און דו, יונגער שנעק, ווילסט עס וויסן מיט איין מאָל!

340. טאַנצן דעם טאַנץ

אַן אַלטער בעל־תפילה איז געלעגן אין בעט אויף אַ שווערער קרענק און שטאַרק געקרעכצט. דערביי הערט ער ווי דער איידעם זיינער ביי זיך אין חדר זינגט זיך אַ פריילעך חסידיש ניגונדל. דערנאָך קומט דער איידעם אַריין און מאַכט צום קראַנקן:

— וואָס קרעכצט איר אַזוי, שווער לעבן? מילא, סוף אדם, יעדער מוז טאַנצן דעם טאַנץ.

רופט זיך אָן דער קראַנקער בעל־תפילה:

— הערסטו, אפשר וואָלט געווען אַ סברא פאַרקערט, איך זאָל זינגען און דו זאָלסט טאַנצן דעם טאַנץ.

341. ווייסט נישט קיין חכמות

געווען אַ חזן וואָס האָט מיט זיין גרוים חכמה איבערגעשטיגן אַלע חזנים, נאָר גלאַט חכמות האָט ער נישט געוואוסט און נישט פאַרשטאַנען. מאַכט זיך איינמאָל ער קומט אין אַ שטעטל דאַוונען און דער עולם איז שטאַרק ניט צופרידן מיט זיין דאַוונען. וויל מען אים געבן אַן אָנצוהערעניש און מען נעמט אים וואַרפן האַנטעכער. טראַכט זיך דער חזן, אַז די האַנטעכער וואַרפט מען אים מיט אַ כיוון כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס דעם שוויים זיך אָפּצואווישן... הויבט מען אָן אים צו וואַרפן שטענדערס. טראַכט ער זיך, אַז דאָס איז אים געקומען הערן אַזאַ גרויסער עולם אַז ס׳איז נישטאָ אַפילו וואו צו שטיין... גייט צו אים צו אַ ייד, וואָס איז געווען בטבע אַ גרויסער כעסן, און דערלאַנגט אים אַ שפּיי גלייך אין פּנים. טראַכט ער זיך, אַז דאָס האָט דער ייד געטאָן פאַר גרויס גוטפריינדשאַפט, גלייך ווי אַמאָל זיין באָבע — זאָל דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן —

פלעגט אים אויך אַמאָל אָנשפּייען, כדי מען זאָל אים חלילה ניט געבן קיין עין־הרע.

342. קיין ראיה ניט

דער סלאָנימער רב ר׳ אייזיל חריף האָט זיך אַמאָל געטראָפן אויף אַ ברית מיטן לאָמזער חזן. דער חזן, וואָס איז שוין געווען אַ ביסל בגילופין, האָט אַ פרעג געטאָן דעם רב:

— איך וואָלט וועלן וויסן, רבי, פאַרוואָס האַלט די וועלט אַז אַ חזן איז אַ נאַר. אָט נעמט מיך, דאַכט זיך יעדער וועט מודה זיין, אַז איך בין ניט נאַרישער פון אַזוי אַ בעל־הבית.

— פון אייך — ענטפערט ר׳ אייזיל — איז קיין ראיה ניט, ווייל „אין מביאים ראיה מן השוטים״.

גבאים און ראשי־הקהל

343. אַן ערלעכער גבאי

אַ גבאי פון אַ שול האָט אַמאָל אַ פרעג געטאָן איינעם פון די יונגע משכילים:

— איר זענט דאָך אַ יונגערמאַן, וואָס פאַרמאָגט, ווי זאָגט מען עס, תורה מיט חכמה, אפשר פאַרט קענט איר מיר געבן צו פאַרשטיין אַט־וואָס: פון מצרים זיינען יידן אַרויס, ווי מיר וויסן, גאַנצע ששים רבוא און אַרויסגעפירט האָבן זיי אַלע פון דאָרטן גענוג גאָלד און צירונג, דערנאָך האָבן אַלע יידישע ווייבער אָראָפּגענומען פון זיך זייער גאַנצע צירונג און אַלץ איבערגעגעבן אהרנען, צום סוף איז פון דעם אַלעמען אַרויס מער ניט ווי איין ק ע ל ב ל.

— און איך רעכן, אדרבה — האָט געענטפערט דער יונגער־מאַן דעם גבאי — אַז אהרן איז נאָך גאָר פון די ערלעכסטע גבאים, ווייל ביי אַן אַנדער גבאי וואָלט אַרויס דערפון פונקט אַ מין פ ל י ג ע ל ע.

344. אדם הראשונס אַ שפּיי

מאָטקע חבד האָט איינמאָל געזאָגט:

— איר ווייס פאַרוואָס ס'איז אַ שטענדיקע בלאָטע ביי דער שטוב פון פייטל טראַצקי, אונדזער ווילנער שטאָט־גבאי? איך וועל אייך געבן צו פאַרשטיין, פון וואַנען עס קומט. ווי אונדזערע חכמים דערציילן האָט גאָט אדם־הראשונען געוויזן „דור דור ודורשיו, דור דור ופרנסיו, ד"ה די פאַרשטייער און שטאָט־גבאים פון יעדן דור. וויבאַלד אדם הראשון האָט דערזען, אַז אין ווילנע איז שטאָט־גבאי פייטל טראַצקי האָט ער אויסגעשריען: „טפו, אַזאַ יוד איז שטאָט־גבאי אין אַזאַ שטאָט ווי ווילנע!" און דערביי געטאָן אַ רעכטן שפּיי. און אָדם הראשונס אַ שפּיי, דאַרפט איר וויסן, איז ניט קיין קלייניקייט:

דער דאָזיקער שפּיי האָט דערלאַנגט ביז פּיטלם שטוב און דערפון איז געוואָרן אַ בלאָטע, וואָס טריקנט ניט אויס עד־היום.

345. ניט קומען אין קהל *)

איינער אַ ראש־הקהל פון אַ שטאָט איז געווען אַ שלעכטער און אַ ביטערער מענטש, אָרעמע לייט האָט ער ממש געטראָטן מיט די פיס, נאָר אַזוי בעלי־בתים האָבן אויך פון אים גענוג געליטן, און אַלע שטאָט־לייט האָבן דעם מיאוסן פאַרשוין פיינט געהאַט און ניט גע־קענט אָנקוקן ווי אַ שפּין. און דאָך האָבן שטענדיק געמוזט אַלע אָנקומען צו אים מיט פאַרשיידענע בקשות, האָט אויף דעם אַ ייד אַ פּקח דערציילט אַזאַ מעשה:

— דריי זיינען איינמאָל געקומען פאַר גאָט, ברוך הוא, יעדער מיט זיין טענה: „עלינו", „שלש־סעודות" און דער „ממזר".

„עלינו" האָט געטענהט פאַר גאָט: רבונו־של־עולם, פאַרוואָס קומט עס מיר, איך זאָל עפּעס זיין ערגער פון אַלע תפילות פונעם דאַווענען אַלע טאָג, וואָס מיך האָט מען אַנידערגעשטעלט גאָר צום סוף און מען כאַפּט מיך אָפּ גיך און געשווינד נאָך מיט אַ שפּיי דערצו?

„שלש־סעודות" האָט געטענהט: רבונו־של־עולם, פאַרוואָס קומט עס מיר, איך זאָל זיין ערגער פון די ערשטע צוויי שבתדיקע סעודות, וואָס יענע זיינען ביי יידן אַזוי חשוב, און מען עסט אין זיי מיט גרויס פאַראַד אַלע טייערע מאכלים, וואָס נאָר דער ייד פאַר־גינט זיך לכבוד שבת, און מיך קומט מען אָפּ מיט אַבי־וואָס, קיי און שפּיי?

דער „ממזר" האָט געטענהט: רבונו־של־עולם, דו האָסט גע־שריבן אין דיין הייליקער תורה: „לא יבא ממזר בקהל ה'" — אַ ממזר

---

*) לויט אַ צווייטן נוסח טענהט אַנשטאָט „שלש־סעודות" די „מעריב־וואַנט": פאַרוואָס שטייט דער גאַנצער עולם צו מיר מיטן הינטן 1), און דער ענטפער איז: מעריב־וואַנט איז אויך גערעכט, דערפאַר אָבער אַז עס קומט צו „בואי בשלום" קערן זיך אַלע מיטן פּנים צו אים און בוקן זיך 2).

---

1) לויט אַן אַנדער נוסח טענהט עס דער אָרעמאַן.

2) לויט אַן אַנדער נוסח באַקומט דעם זעלביקן ענטפער דער אָרעמאַן.

זאָל ניט קומען אין גאָטס קהל, פאַרוואָס קומט עס מיר, איך זאָל זיין געשטראָפט און אָפּקומען פאַר דעם וואָס ניט איך נאָר מיין פאָ־טער האָט געזינדיקט?

און גאָט האָט זיי אַלע דריי איינגענומען מיט גוטע ווערטער און געפונען פאַר יעדן פון זיי אַ טרייסט:

„עלינו" איז אוודאי גערעכט, דערפאַר אָבער אַז עס וועט קומען דער גרויסער יום־טוב ראש־השנה וועט די תפילה „עלינו" געהויבן ווערן, און זי באַקומט דעמאָלט דעם בכבודיקן פּלאַץ אין מיטן „שמנה־עשרה".

„שלש־סעודות" איז אויך גערעכט. דערפאַר אָבער באַקומט די שבתדיקע דריטע סעודה מער חשיבות פון יענע צוויי דערמיט וואָס דער „גוטער ייד" זאָגט מערסטנטייל זיין תורה דווקא צום „שלש־סעודות" און דער עולם לעקט דעמאָלט די פינגער.

און דעם ממזר האָט גאָט געזאָגט אַזוי:

— נעם זיך ניט אַזוי צום האַרצן, איך וועל מאַכן, אַז דו זאָלסט ווערן אַ ראש־הקהל, דעמאָלט וועט שוין אויסקומען גאָר אַנדערש, אַז ניט דו וועסט דאַרפן קומען אין קהל, נאָר פאַרקערט. גאַנץ קהל וועט מוזן צו דיר קומען.

מלמדים

346. דער „בירזער מלמד“

דער סלאָנימער רב ר׳ אייזיל חריף, וואָס איז אַליין געווען אין דער יוגנט אַ תלמיד פונעם געווייסן „בירזער מלמד“, פלעגט זאָגן:

— דאָס איז אַ כלל, אַז דער וואָס האָט ניט געלערנט ביים „בירזער מלמד“ קען ניט לערנען. אַ ראיה האָט איר: דער „בירזער מלמד“ אַליין האָט געווים ניט געלערנט ביים בירזער מלמד, דערפאַר טאַקע קען ער ניט לערנען.

347. געווען פאַרנומען אין דער היים

אַ ייִנגל איז געקומען שפּעט אין „חדר“, פרעגט אים דער רבי: פאַרוואָס ער האָט אַזוי פאַרשפּעטיקט?

— איך בין געווען פאַרנומען אין דער היים — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט — דער טאַטע האָט מיך באַדאַרפט.

— האָט דער טאַטע ניט געקענט אויספירן עס דורך אַן אַנדערן?

— ניין. ער האָט מיך געשמיסן.

348. ניט פון איין מין

אַ מלמד לערנט אין „חדר“ מיט זיינע תלמידים דעם פסוק אין סדרה נח: „כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ“, מאַכט דערויף רש״י: אַפילו אַ בהמה, חיה און עוף האָט זיך באַהעפט מיט ניט פון איין מין.

— רבי — פרעגט איינער פון די תלמידים — וואָס הייסט אַזוינס „זיך באַהעפט מיט ניט פון איין מין“?

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט, פאַרשטאָפּטער קאָפּ? — ענטפערט דער מלמד אין כעס — אַ שטייגער, אַ פרוי נעמט אַן עלפאַנט.

349. אשה — אַ וואַ...

אַ מלמד לערנט מיט אַ ייִנגל:
— זאָג־זשע: אשה — אַ וואַ...
— אשה אַ וואַסער.
— וואָס פאַר אַ וואַסער פּלוצעם: אשה — אַ וואַ...
— אשה אַ וואַזע.
— פאַרשטאָפּטער קאָפּ? אשה אַ וואַ...
— אשה אַ וואַנץ.
— אוי, דו גוי איינער! אשה — איז אַזוינס, וואָס איך האָב און דיין טאַטע האָט און דו וועסט אויך האָבן ווען דו וועסט עלטער ווערן. זאָג־זשע: אשה...
— אשה אַ קילע.

350. „לשון חוזק"

דעם פּסוק „ויעפּילו לעלות ההרה" האָט אַ מלמד פאַרטייטשט אין חדר אַזוי: „זיי זיינען אַראָפּגעפאַלן אויפן שפּיץ באַרג". פרעגט אים אַ תּלמיד:
— ווי אַזוי פאַלט מען אַראָפּ אויף אַ שפּיץ באַרג?
— דערפאַר טאַקע — ענטפערט דער מלמד — מאַכט דערויף רש"י: ויעפּילו — לשון חוזק", דאָס הייסט: ס'איז אַ לשון פון אַ חוזק.

351. מכות קען ער

אַ גמרא־מלמד האָט זיך געקלאָגט אויף זיינעם אַ תלמיד, אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ:
— ווי איר קוקט אים אָן, איז „תמיד" לערנט ער, „שבת" חזרט ער — און „מכות" קען ער.

352. ווען דאָס חומשל שטאַרבט אַוועק

צוויי ייִנגלעך פון איין „חדר" האָבן זיך באַגעגנט שבת, זאָגט־אָן איינער דעם צווייטן אַ בשורה, אַז דער רבי איז קראַנק געוואָרן און האַלט ביים שטאַרבן.

— וואָס קומט אַרויס? — מאַכט דער צווייטער — דער רבי וועט שטאַרבן, וועט זיין אַן אַנדער רבי. גוט וואָלט געווען ווען גאָט העלפט און דאָס חומשל נעמט און שטאַרבט אַוועק.

353. למעלה

איינעם אַ מלמד האָט די רביצין אין מיטן לערנען מיט די קינדער געשיקט אויפזוכן עפּעס אַ זאַך אויפן בוידעם. זאָגט דער מלמד אַן די תלמידים, זיי זאָלן דערוויל אַליין איבערחזרן דעם חומש און וואָס זיי וועלן ניט וויסן זאָלן זיי שיקן איינעם פון זיי צום בוידעם אַ פרעג טאָן. געקומען צום וואָרט „למעלה" האָבן זיך די תלמידים אָפּגעשטעלט און ניט געוואוסט דעם טייטש דערפון. שיקט מען אַ יינגל צום בוידעם און יענער שרייט־אַרויף:

— רבי, וואָס איז די טייטש „למעלה"?

— העכער — שרייט דער רבי אַראָפּ.

דאָס יינגל מיינט, אַז דער רבי זאָגט ער זאָל שרייען העכער, שרייט ער נאָך העכער, און דער רבי זאָגט ווידער: „העכער" און דער תלמיד שרייט נאָך און נאָך העכער. ווערט שוין דער רבי אין כעס און בייזערט זיך אָן:

— איך האָב דאָך שוין דיר געזאָגט, אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין!

קומט דאָס יינגל און גיט־איבער די טייטש פונעם וואָרט „למעלה": אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין.

דערנאָך איז דער מלמד אַראָפּ פון בוידעם און הייסט איינעם פון די תלמידים, טאַקע יענעם וואָס איז געגאַנגען פרעגן, ער זאָל זאָגן דעם חומש. קומט צום וואָרט „למעלה" טייטש ער: „אַרוח אין דיין טאַטן אַריין". ווערט דער רבי אָנגעצונדן און כאַפּט זיך צום קאַנטשיק. וויינט דאָס יינגל:

— רבי, איר האָט דאָך מיר אַליין אַזוי געזאָגט.

— אַ רבין — רוימט־איין אַ צווייטער — דאַרף מען זאָגן: אין **אייער** טאַטן אַריין.

354. שטייט אומזיסט

אַ תלמיד פרעגט דעם רבין:

— פאַרוואָס, רבי, שטייט אין פּסוק: „זכרנו את הגדה אשר

נאכל במצרים חנם", „נאכל" איז דאָך די טייטש: „מיר וועלן עסן", און זיי דערמאָנען זיך דאָס, וואָס זיי האָבן געגעסן?

— וואָס מיינסטו — ענטפערט דער רבי, — אַז דאָ שמועסט זיך טאַקע וועגן אַמאָל אין מצרים? ניין, דאָ רעדט זיך גאָר וועגן די פיש וואָס מיר וועלן עסן אויף יענער וועלט.

— פאַרוואָס-זשע, רבי, שטייט דאָ אין פסוק „במצרים"?

— חכם איינער, דעריבער טאַקע לאָזט דער פסוק אוים מיטן וואָרט „חנם", דאָס הייסט: „במצרים" — דאָס וואָרט „במצרים", „חנם" — שטייט אומזסיט.

— אויב אַזוי, רבי, לאָזן ביידע ווערטער גאָר ניט שטיין, ניט „במצרים" און ניט „חנם"?

— דאָס רעדסטו שוין ווי אַ גוי ממש, באַרעכן זיך אליין: אַ ספר-תורה וואָס עס פעלט אין איר אַפילו איין אות איז פסול, און דו ווילסט מען זאָל נעמען און אויסמעקן פון דער תורה גאַנצע צוויי ווערטער!

355. משוגענער פיש

אַ בעל-הבית פאַרהערט שבת בייטאָג זיין קינד פאַר די אויגן פונעם מלמד אין דער סדרה „ראה". קומט צו די עופות, טייטשט דאָס יינגל „השלך" — אַ משוגענער פיש.

— ווער האָט עס דיר אַזוי פאַרטייטשט? — פרעגט אים דער פאָטער.

— דער רבי — ענטפערט דאָס קינד.

דער פאָטער קוקט אָן פאַרוואונדערט דעם מלמד און פרעגט אים:

— איר האָט אים באמת אַזוי געטייטשט? פון וואַנען האָט איר עס גענומען אַזאַ משונה טייטש?

— וואָס הייסט פון וואַנען? — ענטפערט דער מלמד — פונעם תרגום. דאַכט זיך, אויפן תרגום מעג מען זיך פאַרלאָזן. איר ווייסט דאָך, אַז רש"י הקדוש מאַכט אָפטמאָל „כתרגומו". נו, און אויף „השלך" מאַכט דער תרגום: „שלי נונא". אַז „נונא" איז אַ פיש ווייסן אַלע, און „שלי" מוז זיין אויף תרגום-לשון גלייך ווי אויף גוייש, „שיליענא", משוגע.

— יאָ, אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קומט אַ פיש צווישן די עופות?

— אויף אַ משוגענעם פיש — מאַכט דער מלמד — איז אַ קשיא? עס קען זיין, אַז אַט דאָס איז טאַקע גאָר אין גאַנצן זיין משוגעת: ער איז אַ פיש און שטופּט זיך דווקא צווישן עופות.

356. ניט קיין שלעכטע בהמה

— איך זאָגט דיר — זאָגט אַ מלמד צו זיין ווייב — אַז נישט די בהמה, וואָס איך האָב איינגעהאַנדלט, איז אַ שלעכטע, ווי די: האַלסט אין איין גוואַלדעווען, נאָר אַ שלעכטע ביסטו. אַ סימן האָסטו, קום מיט מיר אין שטאַל, וועלן מיר זען וואָס פאַר אַ שלעכטע בהמה דאָס איז.

גייען זיי ביידע אין שטאַל.

— אַנו, נעם נאָר דאָס מילך-שעפל און מעלק — זאָגט דער מלמד.

די מלמדקע האָט גענומען מעלקן און עס גייט ניט.

— אַט זעסטו, ווער ס'איז שלעכט, אָבער ניט די בהמה. זי איז גאָר קיין שלעכטע ניט. אדרבה זאָג דו אַליין, האָט זי דען מילך און גיט ניט? זי האָט נעבעך ניט!

357. תורה און דרך-ארץ

אַן אַלטער מלמד איז געקומען אין אַ נויט צו אַ יונגן גביר, אַ געוועזענעם תלמיד זיינעם, מיט דער האָפענונג, אַז יענער וועט אים מיט עפּעס באַהילפיק זיין.

— ווער זענט איר און וואָס פאַרלאַנגט איר? — פרעגט דער גביר.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין — זאָגט דער מלמד — איר געדענקט ניט, אַז איר האָט ביי מיר אין „חדר" געלערנט שיינע עט-לעכע זמנים?

— נו, איז וואָס? — פרעגט דער גביר מיט אַ שטרענגער מינע און בעט דעם מלמד ניט אַפילו זיך צוזעצן — גלויבט מיר, איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן די גאַנצע תורה אייערע.

— אויב אַזוי — טוט אַ מאַך דער מלמד — איז מיר שוין קיין חידוש ניט. וויבאַלד איר האָט די תורה פאַרגעסן, הייסט „דרך-ארץ"

איז דאָך קדמה לתורה, נאָך פריער פאַר דער תורה, האָט איר דרך־ארץ געווים פאַרגעסן.

358. זוכן די אבידה

אַ מלמד האָט אָפּגעקנעלט אַ ווינטער אין דער פרעמד, צונויפגעקליבן עטלעכע רובל און פאָרט אויף פסח אַהיים. אויפן וועג גיט ער זיך אַ כאַפּ — ניטאָ זיין בייטעלע מיט געלט. ער זוכט אין אַלע ווינקעלעך פון וואָגן, אונטער אַלע קלימעקלעך און קעסטעלעך — דאָס בייטעלע איז ווי אין דער ערד אַריין. דער מלמד ברעכט די הענט און הערט ניט אויף צו שרייען און יאָמערן אויף אַ קול: „אוי איך וועל עס ניט אויסהאַלטן! אַ געקוילעטער בין איך!"

רופט זיך אָן אַ ייד, איינער פון די מיטפאָרער:

— אַמאָל מאַכט זיך: עס פאַרוואַלגערט זיך אַ בייטעלע ערגעץ אין אַ קעשענע. פאָלגט מיך, רב ייד, זוכט אָקאָרשט גוט אין אַלע אייערע קעשענעס!

— וואָס רעדט איר? זאָגט דער מלמד — איר ווילט איך זאָל אָנווערן די האָפענונג אויף די קעשענעס אויך, דעמאָלט וואָלט איך דאָך טאַקע געוועזן גאָר אַ פאַרפאַלענער!

359. ממה־נפשך

— ביי מיר איז פאַרבליבן — האָט אַ מלמד אַמאָל געזאָגט — צו פאַרזעצן דאָס לעצטע און קויפן אַ ציג. ממה־נפשך, וועט זי געבן מילך — איז דאָך אוודאי גוט, אלא זי וועט ניט געבן קיין מילך — וואָס הייסט? ווי שיקט זיך עס, זי זאָל קיין מילך ניט געבן?

360. צו פגרן אַ ציג

אַן אָרעמער מלמד האָט זיך צונויפגעשלאָגן אַ ביסל געלט אויף צו קויפן אַ ציג. איין מאָל, ווען אין שטעטל האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד, האָט ער זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דער רביצין און זיך אַליין געלאָזט אויפן יאַריד איינצוקויפן די ציג. אַריינגעשטופּט האָט מען אים געווייגלעך, אַ צאַפּ. מילא, פאַרפאַלן, אַ צאַפּ איז אַ צאַפּ, ער וועט אים האַלטן דעם בחור ביז דעם צווייטן יאַריד, וועט ער אים פאַרביטן דעמאָלט אויף אַן אמתער ציג. דערווייל

מאַכט זיך אין שטעטל אַ מגפה אויף ציגן און זיי פאַלן ווי די פליגן. האָט דער מלמד שטאַרק הנאה, וואָס ביי אים איז אַ צאַפּ ניט קיין ציג. איז זיך אָבער מישב דער צאַפּ און פּגרט אויך אַוועק. באַקלאָגט אים דער מלמד אַזוי:

— אוי, צאַפּ, צאַפּ! צו מעלקן ביסטו געווען אַ צאַפּ און צו פּגרן — אַ ציג!

361. רייכער פון ראָטשילד

אַ מלמד האָט אַמאָל געדרונגען:

— ווען איך זאָל זיין ראָטשילד, וואָלט איך געווען רייכער פון אים, ווייל איך וואָלט נאָך דערצו אַ ביסל אויך צוגעקנעלט...

362. ווי האַלטן זיי

צו אַן אָרעמען מלמד אין אַ שטעטל זיינען געקומען איינ־מאָל פּאַרנאַכט צוויי פּאָליציאַנטן און האָבן צוגענומען פון שטוב, פאַר די פּאַדאַטקעס וואָס ער איז געווען שולדיק, אַ קישן מיט אַ פּאָר לייכטער. אויף מאָרגן פרי קומט ער אין בית־המדרש, דערזעט דעם אַלטן שוחט דערציילט ער אים די מעשה און נעמט זיך פאַר אים קלאָגן:

— איך קען עס ניט אָנהויבן צו פאַרשטיין, ממה־נפשך, ווי האַלטן זיי? זאָל איך זאָגן, אַז זיי האַלטן ווי דער מאַן־דאמר (דער וואָס זאָגט) אַז „לא איברא לילא אלא לשינתא" (די נאַכט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר אויף צו שלאָפן); האָבן זיי דאָך ניט געטאָרט פאַר־נעמען פון שטוב דעם קישן; האַלטן זיי ווידער פאַרקערט, ווי דער צווייטער מאַן־דאמר, אַז „לא איברא לילא אלא לגירסא" (די נאַכט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צום לערנען), איז דאָך די קשיא: ווי קומט עס זיי זאָלן צונעמען די לייכטער?

דער אַלטער שוחט, אַ קלוגער ייד, האָט ניט לאַנג געטראַכט און באַלד געפונען אַ תירוץ אויפן אָרט:

— הערסטו — זאָגט ער אים — אָט דאָס איז דאָך אין גאַנצן טאַקע דער שכל, וואָס זיי זיינען געקומען אין צווייען: איינער פון זיי האַלט מן־הסתם, אַז די נאַכט איז צום שלאָפן — האָט ער צוגענומען די לייכטער; דער צווייטער ווידער האַלט, אַפּנים, אַז די נאַכט איז צום לערנען — האָט ער צוגענומען דעם קישן.

363. צוויי אייער

אַ צעטראָגענעם מלמד האָט דאָס ווייב געשיקט צו אַ שכנה באָרגן צוויי רויע אייער, די שכנה האָט געהאַט צוויי אייער, אָבער שוין אָן דער שאָלעכץ.

— אין וואָס וועט איר עס נעמען? — פרעגט זי.

דער מלמד נעמט אַראָפּ די יאַרמולקע פון קאָפּ, מאַכט דאָרט אַ גריבעלע און די שכנה גיסט אַהין אַריין אַן איי.

— נו, און די צווייטע וואו וועט איר האַלטן? — פרעגט זי.

קערט ער איבער די יאַרמולקע און זי גיסט אַהין אַריין די צווייטע איי.

דער מלמד קומט אַהיים און דערלאַנגט דער ווייב די יאַרמולקע.

— שלימזלניק! איך האָב דיר דאָך געזאָגט זאָלסט מיר ברענגען צוויי!

— אָט איז נאָך איינע — מאַכט ער — און דרייט איבער די יאַרמולקע מיטן אויבן אַראָפּ.

364. מעשר

אַן אָרעמער מלמד פלעגט זאָגן:

— ווען גאָט נעמט און גיט מיר צען טויזנט רובל, גיב איך אַוועק באַלד אויפן שטעל פאַר אָרעמעלייט אַ מעשר, דאָס הייסט אַ גאַנצן טויזנטער. איי וואָס? גאָט גלייבט מיר ניט און ער האָט מורא, טאָמער וועל איך מיין וואָרט ניט האַלטן לאחר מעשה, האָט ער אַ ברירה: ער זאָל אַליין פריער אַראָפּנעמען דעם טויזנטער מעשר, און מיר געבן נאָר ניין טויזנט.

365. געלט קלעפּט צו געלט

איינער אַן אָרעמער מלמד פלעגט האָבן אַן אַריינגאַנג צו אַ רייכן יידן. הערט ער איין מאָל ווי לייט זאָגן, אַז געלט קלעפּט צו געלט. פאַלט אים איין, אַז אויב אַזוי האָט ער אַ גוטע סגולה פּטור צו ווערן פונעם דלות. היינו, אַזוי ווי ער האָט באַמערקט אַז אין קאַסע־קאַסטן ביים נגיד איז פאַראַן אַ שפּאַלט, נעמט ער, ווען קיינער איז נישטאָ אין דעם חדר, און שטעקט אַ ביסל אַריין אַהין אַ זילבערנע מטבע און האַלט זי דאָרט, כדי עס זאָל זיך צו איר צוקלעפּן געלט

פון אינעווייניק. ער האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן די מטבע אין האַנט, ביז זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט און אַריינגעפאַלן אינעווייניק. מאַכט דער מלמד מיט אַ קרעכץ:

— אמת טאַקע וואָס די וועלט זאָגט, אַז געלט קלעפּט צו געלט.

366. דייטש — לאָזט מיך

חיים־יענקל דער מלמד האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן ידען אין דייטש. איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו זען ווי דער פּריסטאַוו פרעגט־אויס אַ דייטשל אַ פערד־גנב און קען זיך מיט אים ניט צו־נויפרעדן אויף רוסיש. מישט ער זיך אַריין און ווענדט זיך צום פּריסטאַוו:

— פּאַניע פּריסטאַוו, אויב דייטש — לאָזט מיך!

און באַלד טאַקע גיט ער אַ פרעג דעם דייטש:

— זאָג נאַר, חברה־מאַן, מע דברט אויף דיר שטאַרק, אַז דאָס האָסטו אַוועקגעלקחנט דעם סוס? זאָג דעם אמת: איז עס דיין מלאכה?

פאַרשטייט זיך אַז דאָס דייטשל האָט קיין וואָרט ניט פאַר־שטאַנען.

— פּאַני פּריסטאַוו — זאָגט דער מלמד — עס איז אין גאַנצן אַ טעות, דער דאָזיקער בחור איז גאָר קיין דייטש ניט. ער הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין קיין דייטש.

367. מיטאַמאָל זיך אָפּשמדן

אַ מלמדס אַ זון, נאָך דעם וואָס ער איז אָפּגעווען עטלעכע יאָר אין אַ גרויסער שטאָט, איז ער געקומען אויף אַ יום־טוב צו גאַסט אַהיים צו די עלטערן אין קליין שטעטל. אין דער פרי באַטראַכט דער פאָטער ווי דער זון נעמט אַרויס זיין גאַנץ קלאַפּער־געצייג צום וואַשן זיך. באַמערקט ער אַ קליין בערשטעלע, פרעגט ער דעם זון: וואָס איז דאָס?

— אַ ציין־בערשטעלע — ענטפערט דער זון.

— אויף וואָס טויג עס דיר?

— אויף רייניקן די ציין.

— הערסטו, מיין זון — מאַכט דער מלמד אויפגעבראַכט —

איך אויף דיין אָרט וואָלט גענומען באַלד און זיך מיט אַמאָל אָפּגע־שמדט!

368. אפשר ניט געמלט אויך

אַ קליינשטעטלדיקן מלמדס אַ זון האָט עטלעכע יאָר דורכ־אַנאַנד אָפּגעוואוינט אין דער גרויסער שטאָט אַדעס און געוואָרן דאָרט, ווי דער שטייגער, אַ גאַנצער „דייטש". איין מאָל קומט ער צו־פאָרן צו די עלטערן אויף דער שוועסטערס חתונה. בײנאַכט, ווען דער זון איז אַנטשלאָפן געוואָרן, נעמט די אַלטע מוטער בודק זיין די זאַכן זיינע און געפינט ניט צווישן זיי ניט קיין ארבע־כנפות, ניט קיין תפילין.

— מיין זון — זאָגט אים די מוטער אויף מאָרגן פרי מיט אַ טיפן קרעכץ פונעם האַרצן, — וואָס איז פון דיר געוואָרן, וויי איז צו מיר! קיין ציצית טראָגסטו ניט, קיין תפילין לייגסטו ניט; ווער ווייסט, אפשר ביסטו שוין ניט געמלט אויך!

369. אַ שלעכטער סימן

אַ מלמד איז געקומען בין־הזמנים צו אַ נייעם בעל־הבית און בעט ער זאָל אָפּגעבן זיין יינגל צו אים אין „חדר". צווישן די אַנדערע מעלות אויף זיך דערציילט דער מלמד:

— ברוך־השם, ניט פון נעכטיקן טאָג בין איך אַ מלמד. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין אין דער דאָזיקער פרנסה גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר.

— דאָס, זעט איר — מאַכט דער בעל־הבית — איז דווקא אַ שלעכטער סימן:

— פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס איר זעט נאָך אויס, קיין עין־הרע, גאַנץ פיין, און דאָס איז אַן אַלטער כלל ביי אונדז יידן, אַז אַ גוטער מלמד, וואָס קנעלט געטריי מיט יידישע קינדער, מוז נאָך עטלעכע יאָר קנעלן בלייבן אָן אַ האַרץ אָדער אָן אַ לונג.